STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10052

# ER UN ZEY

Yonah Rozenfeld

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יונה ראָזענפעלד

# ער און זיי

## אַ טאָג-בוך פון אַ געוועזענעם שרייבער

אַרויסגעגעבען פון דער
„יונה ראָזענפעלד קאָמיטע"
ניו יאָרק, 1927

Copyright by
YONAH ROSENFIELD
1927

290

Up-to-Date Printing Co., Inc., 476 Broadway, New York.

# ער און זיי

יאַנואַר 2.

צוליב וועלכען צוועק פאַרנעם איך זיך צו פיהרען א טאָג־בוך? און וואָס טרייבט מיך דערצו? איז דאָס ניט אַמאָל דער שרייבערשער ניצוץ, וואָס זיצט אין מיר? אפשר וויל ער אַזוי אַרום זיין תיקון געפינען? איך ווייס אָבער, אַז מענשען, וואָס האָבען קיינמאָל ניט געקלערט צו זיין שרייבער, פיהרען אויך טאָג־ביכער. טאָ צוליב וואָס טוען זיי דאָס? נו, און אויב אפילו יאָ, ארט מיך אויך ניט. נאָך אַלעמען האָב איך דאָך ניט געוואָרפען דאָס שרייבען צוליב דעם שרייבען, נאָר צוליב דעם דרוקען. און ס'איז דאָך אַזוי: קענסט זיך שרייבען וויפיל דו ווילסט, און אַזוי לאַנג ווי דו דרוקסט זיך ניט, ביזטו קיין שריי־בער ניט... נו, כ'מיין אַז קיינער וועט מיך ניט צווינגען דאָס צו טאָן.

אייגענטליך איז מיר אַ גרויסער חידוש, וואָס מיר איז גלייך ניט איינגעפאַלען, אַזוי גלייך ווי איך האָב געוואָרפען דאָס שריי־בען, איך זאָל אָנהויבען צו פיהרען אַ טאָג־בוך. אויב ס'איז אין מיר ווירקליך דאָ דער שרייבערשער ניצוץ, וואונדערט מיך, וואָס „ער" האָט מיך אַזאַ לאַנגע צייט צורוה געלאָזט...

שוין באַלד דריי יאָהר אַז איך האָב מיך געזעגנט מיט דער פען... איז דאָס צומאָל ניט קיין באַוויז, אַז... אמת, טאקע, ס'האָט מיך געצויגען צו „איהר", אָבער דאָס אַליין איז נאָך ווינציג. דאָס אַליין וואָס ס'ציהט צו דער פען איז נאָך גאָר קיין באַוויז ניט, אַז דו האָסט טאַלאַנט.

דאָס ווערט אָנגערופען גראַפאָמאַניע. אמת איז, אז וועגען זיך טראַכט קיינער ניט אַז ער איז אַ גראַפאָמאַן. דאָס טראַכט נאָר יעדער איינער וועגען צווייטען... ס'קען זיין אז וועגען מיר האָט מען אויך געטראַכט דאָס זעלבע, ווען איך האָב געשריבען. ס'מאַכט ניט אויס, וואָס זיי האָבען מיר געמאַכט קאָמפּלימענ־טען... דאָס האָבען זיי מיר געזאָגט שבחים כדי איך זאָל זיי דאָס איינגענע זאָגען. וויפיל מאָל האָב איך מיט באַגייסטערונג געזאָגט איינעם און אַ צווייטען, אז איך בין באַגייסטערט פון זיין ווערק אין דער צייט, ווען איך האָב די זאַך זיינע אפילו ניט געקענט דערלייענען ביז'ן סוף? נאָר אַ ברירה האָב איך געהאַט? און אזוי גלייך ווי איך האָב אויפגעהערט זיי צו מאַכען קאָמפּלימענ־טען, אזוי גלייך האָבען זיך זייערע מיילער אויך פאַרמאַכט...

אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, וואָס מיר איז צו יענער צייט ניט איינגעפאַלען איינצופיהרען דעם טאָג־בוך. איך וואָלט דע־מאָלט געהאַט זעהר פיל פּיקאַנטע זאַכען צו דערצעהלען.

יאנואר 4.

אפשר איז דאָס ניט מיין שולד וואָס איך האָב מיך פאַרנומען צו פיהרען אַ טאָג־בוך. איך מיין, אז דאָס איז מיין ברודער'ס שולד. ווען ניט ער, מיין ברודער, וואָלט איך שוין אפשר פאַרגעסען אז איך בין אַמאָל אַ שרייבער גע־ווען... נאָר ער (איך מיין אַלץ מיין ברודער) לאָזט מיך ניט רוהען. ער וויל נאָר דערגעהן ביי מיר פאַר וואָס איך האָב גאָר פּלוצים געוואָרפען די פען, און רעדט אין מיר אריין מיט פאַר־דרוס און וועהטאָג וואָס איך פאַרהויל דאָס פון איהם...

— פאַר וואָס זאָל איך עס ביי דיר ניט וויסען?

און ער וויל נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט גלויבען, אַז איך האָב עס איינגאַנצען אויפגעגעבען... ער האָט אַזאַ אמונה, אַז דאָס איז בלויז אַ צייטווייליגער קאַפּריז, און אַז פּונקט אַזוי ווי איך ווייס ניט (ער מיינט, אַז איך ווייס ניט) פון וואַנעט דער קאַפּריז האָט זיך צו מיר גענומען, אַזוי וועל איך ניט וויסען וואו ער וועט אַהינקומען, און איך וועל זיך צוריק נעמען צו דער פען... ער גלויבט אַזוי, ווייל ער איז פאַרגלויבט, אַז איך בין אַ גרויסער, גרויסער טאַלאַנט, און גלויבען גלויבט ער אַז איך בין אַ גרויסער טאַלאַנט דערפאַר, ווייל ער טראָגט זיך אַרום מיט עפּעס אַ מאַניע פון משפּחה־גרויסקייט... ער רעדט אַלע־מאָל מיט אַזאַ זיכערקייט, דער אח מיינער, אַז פון אונזער משפּחה האָט געדאַרפט, און ס'מוז אַרויסוואַקסען אַ גרויסער מענש... און דער „גרויסער מענש" מוז דוקא קומען פון אונזער פאַמיליע, ווייל...

— ווייל דער טאַטע אונזערער, פאַרשטעהסט, אונזער טאַטע ע"ה... און דער זיידע, פאַרשטעהסט, אונזער זיידע...

איז דערפאַר בעדאַרף איך עס זיין אַ שרייבער און ער איז זיכער, אַז איך בין עס און אַז איך בין...

— דו ביזט אַ מאַביד עצמו לדעת...

אויף פּראָסט אידיש מיינט עס, אַז איך באַגעה זעלבסט־מאָרד.

— ווילסט ניט!

טענה איך צו איהם:

— איך קען ניט!...

טענה'ט ער צו מיר:

— האָסט זיך איינגערעדט!

— אויך ניט קיין עולה! — ענטפער איך איהם — אויב אַזויפיל וואָס קענען ניט שרייבען האָבען זיך איינגערעדט אַז זיי קענען, מעג איך איינער האָבען אַ פאַרקערטע איינריידעניש...

הערט ער זיך אַזוי איין אין מיר און ניט זיך אַ זאָג אָפּ:

— נעווער־מאַין!...

פאַרשטעה איך שוין ניט, וואָס ער מיינט. פרעג איך איהם. ענטפערט ער:

— דיר ווילט זיך נאָר זיין א טאָלסטאָי, אָדער א זאַראַ־טוסטרא... ווער ווייסט דיך דאַרטען!

נעם איך שוין און קיבעץ איהם אריין:

— פּאַסט דען ניט אונזער „גרויסער" משפחה איינעם אַזאַ גרויסען פון די צוויי גרויסע צו האָבען?

איינמאָל האָט ער מיך אזוי ארויסגעבראַכט פון געדולד, אז איך האָב געזאָגט צו איהם:

— . . . איך קען . . . איך ווייס, איך האָב טאַלאַנט, און א גרויסען טאַלאַנט . . . איך ווייס, אז ווען איך וואָלט געשריבען וואָלט איך געקענט זיין א טאָלסטאָי אדער א זאַראַטוסטרא, נאָר איך וויל ניט!...

— פאַר וואָס?

האָב איך זיך שוין אָפּגערעדט פונ'ם הארצען און איהם גע־זאָגט, אז ווען ער וואָלט זיך געפונען צווישען דער „חברה", ווען ער וואָלט זיי געקענט און וואָלט געוואוסט ווי יעדער איינער בלאָזט פון זיך, ווי יעדער איינער מיינט, אז ער איז נאָך גרע־סער פון טאָלסטאָי'ען און פון אנדערע גרויסע, וואָלט ער פאַר־שטאַנען, אז ס'מוז ביי דיר אָפּגענומען ווערען דער חשק צו שרייבען און צו זיין א גרויסער שרייבער, און איך האָב פאַר־ענדיגט:

— יאָ, איך האָב געגלויבט און בין געווען זיכער, אז פון מיר וועט אויסוואַקסען א גרויסער שרייבער... ווען אָבער איך בין מיך מיט „זיי" צוזאַמענגעקומען, האָב איך מיך אזוי נישטיג און קליין מיט מיין גרויסקייט דערפיהלט, און האָב אליין, מיט א צייט פריהער, נאָך איידער איך האָב געוואָרפען דאָס שרייבען, געטראַכט אז ס'איז עפּעס א חרפּה צו זיין א גרויסער צווישען אזויפיל „גרויסע"...

מיין ברודער האָט מיך אָנגעקוקט און ניט געגלויבט אַז איבער אַזאַ קלייניגקייט זאָל אַ מענש וואַרפען די פּען און אָנגעקוקט מיך אַ היבשע צייט, האָט ער יאוש'דיג א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און מיט'ן זעלבען יאוש געזאָגט:

— מילא, נו, פאַרפאַלען... איך זעה, אז איך וועל זיך ביי דיר שוין קיינמאָל ניט דערשלאָגען צום אמת. און ס'טוט מיר זעהר, זעהר וועה. דאָס וויל איך זאָלסטו וויסען!...

---

אין אָנפאַנג פון מיין טאָג־בוך האָב איך זיך געפרעגט, צוליב וואָס און מיט וועלכען צוועק פאַרנעם איך מיך פיהרען א טאָג־בוך? האָב איך עס אויפ'ן אָרט פאַרענטפערט דערמיט, וואָס אַנדערע מענשען, מענשען ניט קיין שרייבער, טוען דאָס אויכעט... איצט איז מיר אַרויף אויפ'ן זינען צו פרעגען, צוליב וואָס טוען זיי דאָס? אפשר ליגט אין זיי, אין אָט די מענשען, גלגולים פון שרייבער, וואס זוכען אויף אַזאַ אופן ווי מיין שרייבער־גלגול אַזוי אַרום זיך אויפצולייזען; אַנדערש געזאָגט, זייער תיקון דאָ אַרום צו געפינען... נו, טאַקע, וואָס פאַלט פלוצים איינעם א מענשען איין צו פיהרען א טאָג־בוך?... איז דאָס אפשר א מין עגאָאיזם פון געוויסע אינדיווידומען וואס האָבען אַן איינרעדעניש, אַז זייער עקזיסטענץ איז וויכטיגער פאַר אַנדערע, און דערפאַר איז זעהר וויכטיג, אַז זיי זאָלען פאַרצייכענען זייערע נעכטיגע טעג... און אַזוי גלייך ווי זיי הויבען דאָס אָן צו טאָן, הויבען זיי אַליין אָן צו גלויבען, אַז ס'איז טאַקע אַזוי...

ס'איז פונקט דאָסזעלבע ווי מיט יענע וואָס פאָרטרעטלען זיך אָפּט... מענשעלאך, וואס זיינען פאַרליבט אין זיך פאָטאָגראַפירען זיך זעהר אָפט און דאָס אַליין גיט זיי געוויסע באַרעכטיגונגען אז זיי מעגען אין זיך פאַרליבט זיין, אָט וויל זיי האָבען זייערע אַזויפיל פאָרטרעטען... איז פון דער אייגענער צושפּרייטקייט וואַקסט מעהרער דער עגאָאיזם און מ'קריגט זיך נאָך שטאַרקער ליב...

אזוי איז דאָס דאָ מיט די יענינגע, וואָס פאַרטרעטלען אָפּ אויף אזא מין שטייגער זייער נעכטיגען „איך" מיט אלע גיש־טיגקייטען. און דאָס דערמאָנט מיך אין מיין רבי'ן, וואָס פלעגט יעדע אויסגעפאַלענע האָר פון זיין באָרד באהאלטען צווישען די בלעטער פון די ספרים, ווי יעדע האָר וואָלט עפּעס א הייליגטום געווען... (יא, ער האָט עס טאקע אזוי געמיינט). האָבען דען די אָפּגעלעבטע טעג אונזערע פאר אונז א גרעסערען ווערט ווי די ארויסגעפאַלענע האָר פון מיין רבין'ס באָרד? און דאָך האָבען זיי פאָרט אזא אילוזיע אז מיט דעם וואָס זיי פארנאָטירען די נעכטיגע טעג זייערע, ווערט עס עפּעס א מין קרן קימת פאר זיך און פאר אנדערע... יא, ס'איז ניט שלעכט. נאָך אלעמען איז דאָך ניט וויכטיג פון וואָס א מענש קען זיך אילוזיעס שאַפען, דער עיקר איז די אילוזיע אַן און פאר זיך...

אָבער צו וואָס די גאַנצע גריבלעריי? צו וואָס זוכען בארעכ־טיגונגען אויף מיין באגעהר צו פיהרען א טאָג־בוך, ס'איז מיר איינגעפאַלען, איך האָב אזא ווילען, טו איך עס...

## נאָוועמבער 8.

אָט איז שוין גוט וואָס איך שרייב און בין קיין שרייבער ניט, כ'מיין וואָס איך שרייב דעם טאָג־בוך ניט צוליב דרוקען. אנדערש וואָלט איך מיר ניט געקענט ערלויבען א שפּרונג צו טאָן אויף צוריק מיט צוויי חדשים. דאָס וואָלט דאָך געווען אַן אמת'ער רעוואָלט אנטקעגען דער אלגעמיין־אָנגענומענער פאָרמע, ווי עס ווערען געשריבען טאָג־ביכער פון שרייבער. איך טו דאָס ניט צוליב קאַפּריז, — אָט ווייל איך שרייב פאר זיך, מעג איך שוין געהן מיט'ן קאָפּ אראָפּ. נאָר ס'קומט מיר אנדערש ניט אויס. וואָס זאָל איך פאָרט טאָן, אז איך האָב וויכטיגעס צו פאַרצייכענען פון צוריק מיט צוויי מאָנאַטען? איז וואָס זאָל איך

דערפאר אָנהויבען דעם טאָג־בוך פון דעם דאטום, אז איך האָב איהם פאָרט אָנגעהויבען דעם צווייטען יאנואר פון יאָהר 1927 און ניט דעם אכטען נאָוועמבער פון 1926? וואָס ארט עס מיר אז איך וועל געהן אויף צוריק?

ס׳איז גאנץ מעגליך, אז ווען איך וואָלט אפילו צו יענער צייט שוין געהאט איינגעפיהרט דעם טאָג־בוך, וואָלט איך געווען דורכגעלאָזט דאָס וואָס איך פארצייכען איצט, ווייל צו יענער צייט איז דאָס ניט געווען וויכטיג.

אלזאָ, איך גיב זיך ארויס דעם היתר צו טאָן דאָס, וואָס איך וואָלט ניט געטאָן ווען איך וואָלט דעם טאָג־בוך געשריבען צוליב דרוקען און איך וועל א שפרונג טאָן אויף צוריק מיט צוויי חדשים און דאָס מיינט איינצייטיג צום פארגאנגענעם יאָהר.

* * *

באגעגענט א מיידעל אין גאס דאָס ערשטע מאָל. כ׳מיין, אז דאָס ערשטע מאָל האָב איך באמערקט, אז איך באגעגען זי. ס׳איז אָבער ניט אויסגעשלאָסען, אז איך האָב זי שוין ביז דעם מאָל פיל מאָל באגעגענט און זי האָט זיך אומבאמערקט פאר מיר אליין איינגעקריצט אין מיין זכרון, און דערפאר, קען זיין, האָט זי מיר אויסגעזעהן ביים ערשטען מאָל וואָס איך האָב זי באמערקט אז איך זעה זי ווי איך וואָלט זי שוין פיל מאָל געזעהן. און איך האָב ניט געוואוסט אויף וואָס פריהער מיך צו וואונדערען, צי אויף דעם וואָס די אומבאקאנטע איז מיר אזוי באקאנט, אָדער אויף דעם וואָס די „באקאנטע“ איז מיר אומבאקאנט. און דערצו נאָך האָט זי אויך אויף מיר געקוקט מיט אזא קוקען ווי זאָלט מיך שוין זיכער געקענט און דאָס אליין האָט מיך ערשט אָנגע־צויגען און געשאפען א באזונדערען אינטערעס צו איהר. דער־פאר, הייסט עס, וואָס זי קען מיך. איך האָב מיך געפרעהט דערמיט פונקט ווי א איד א געוועזענער גביר, א יורד, פרעהט זיך ווען ס׳דערזעהט איהם א פרעמדער, א וויטער, פון א צוויי־טער שטאָדט, וואָס קען איהם פון אמאָל און ווייסט נאָך ניט פון

דער ירידה פון זיינער. אזוי האָט עס מיך אינווענינ געפרעהט באמערקענדיג, ווי דאָס מיידעל קוקט אויף מיר מיט אויגען און בליקען פון א באקאנטער; און אזוי ווי איך האָב זי ניט געקענט, און אזוי ווי ביי קינסטלער טרעפט עס זעהר אָפט וואָס מענשען קענען זיי און זיי, די קינסטלער, קענען יענע ניט, בין איך דאָ אויך זיכער געווען, אז מסתמא האָט זיך ביי איהר ערגעץ אין אוצר־הזכרונות פארוואלגערט דאָס אָנזיכט מיינס פון יענע צייטען ווען איך פלעג אמאָל צווישען יונגווארג ארויסטרעטען אויף א פאָרלעזונג, אָדער אפשר האָט איהר גלאָט אזוי אימיצער אָנגע־וויזען אויף מיר: „איהר זעהט אָט דעם מיט'ן צודרעהטען „העט" און מיט די שווארצע צוטראָגענע אויגען? דאָס איז דער נאָוועליסט און עסעיאיסט הימעלשיין...".

איך בין געווען זיכער, אז זי קוקט אויף מיר מיט אזעלכע אויגען ווי זי וואָלט גרייט געווען צו זאָגען:

„איך קען דיך זעהר גוט!... אָבער איך, א מיידעל, זאָל צוגעהן צו דיר?!... אָט ווען דו וואָלסט שכל געהאט און צוגע־גאנגען...

יאנואר 7.

. . . און אפשר טאַקע ווייטער אָנגעהן מיט די נאָטיצען פון יענער צייט, פון מיט צוויי (אָדער קארגע צוויי) חדשים צוריק? אז איך האָב שוין מורד געווען אין סדר, טאָ לאָמיר עס אראָפּ־פּטר'ן מיט איין מאָל. ווייל וואָס איז מיר נאָך אַלעמען פאר א חילוק, פריהער־שפּעטער? „אין מוקדם ומאוחר" אין א טאָג־בוך וואָס מ'שרייבט פאר זיך. וואָס פאר א חילוק איז דאָס? מיט וואָס איז דאָס פאר־צוויי־חדשים'דיגע ערגער ווי נישטיגע נאָטיצען פון היינטיגען טאָג?

אלזאָ אזוי: ווען איך וועל פון טאָג ניט האָבען קיין וויכ־טיגעס צו פארצייכענען, וועל איך א כאפּ טאָן פון א פּאָר מאָ־

גאַטען צוריק. און חוץ דעם איז דאָס מיר סיי ווי סיי נויטיג. ווייל אויב דאָס פאַרצייכענטע פון יענער צייט איז אַן־און־פאַר־זיך ניט וויכטיג, איז דאָס אָבער וויכטיג אויף אַזוי פיל וואָס פון אָט דער ניט־וויכטיגקייט איז אויסגעוואַקסען אַ גרויסע וויכ־טיגקייט. און בלויז צוליב דעם, אַז איך אַליין זאָל מיך ניט פאַר־פּלאָנטערען, וועל איך עס אַזוי מאַכען:

יאַנואַר דעם 7טען פאַרצייכען איך: נאָוועמבער 13 —

אַז נאָוועמבער דעם 13טען האָב איך זיך אָוועקגעלאָזט אויף יענעם אָרט, וואו איך האָב דאָס ערשטע מאָל דאָס מיידעל באַ־געגענט, און זיך ארומגעדרעהט אַ היבש שטיקעל צייט, האָב איך זי טאַקע אָנגעטראָפען.

ביי דער צווייטער באַגעגעניש האָט זי מיר אויסגעזעהן אַזוי באַקאַנט צו זיין, אַז איך האָב געפיהלט, אַז איך קען צוגעהן צו איהר און פאַרפיהרען מיט איהר אַ שמועס ווי מיט אַן אַלטער באַקאַנטער. איך האָב עס אָבער ניט געטאָן איבער צוויי אור־זאַכען: איינמאָל איז דאָס ניט אין מיין טבע צו „פּאַרטשעפּען" אומבאַקאַנטע מיידלאַך אין גאַס, און צווייטענס האָב איך עס ניט געטאָן דערפאַר, ווייל . . . ווייל ס'איז אינטערעסאַנטער צו האָבען אַזאַ באַקאַנטשאַפט... ס'איז אַנגענעהם צו פיהלען די ווייטקייט און די פרעמדקייט פון אַ מיידעל, וואָס דו פיהלסט אַז ניט זי איז דיר ווייט און ניט זי איז דיר פרעמד... חוץ דעם איז אַנגענעם די שטענדיגע אָפּהענגיגקייט פון צופאַל... דו ווייסט ניט ווען דו וועסט זי יאָ באַגעגענען און ווען ניט; אַז דו באַגעגענסט איהר ניט, אַרט דיר ניט, און באַגעגענסטו זי יאָ, ביזטו צופרידען. ס'איז עפּעס אַזאַ לייכטע, מחיה'דיגע שפּיל, וואָס דער צופאַל וואַרפט דיר צו פון צייט צו צייט. זיך באַגע־גענט, זיך צובליקט, צושמייכעלט און ביזט פריי; געהסט זיך ווייטער דיין וועג און דו טראָגסט אַוועק מיט זיך אַזאַ לייכטען געשמאַקען געפיהל, עפּעס אַזוי ווי דו וואָלסט אָפּגענומען אַ גרוס פון... פון זיך אַליין... פון איינעם אַזעלכען אין דיר, וואָס אַמאָל

פאַרגעסטו אָן „איהם" און אַ בליק פון אַ מיידעל, אָדער אַן אויפמערקזאמער קוק פון אַ פרוי, און דאָס גאַנצע וועזען דיינס ערוואכט פון אַט דער פאַרגעסענקייט...

דאָס מאָל האָב איך זי אָנגעטראָפען אַ היימישע, איך מיין אַ היימליכע. קענטיג, זי וואוינט ערגעץ דאָרטען, דערביי; האָט זי זיך ארויסגעכאפּט שטוביג, היימיש. און געהאַט האָב איך דעם איינדרוק, אַז די פרעמדע גאַס איז אַרום איהר פאַר־היימליכט געוואָרען. און זעהט אויס, אַז ניט עפּעס אַנדערש, נאָר אַט די היימישקייט האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז זי איז מיר נעהנטער פון אַלע אַנדערע וואָס איך האָב גע־זעהן איינציייטיג...

ס'איז שוין באַלד אַ טעמע פאַר אַ סקיצע. ס'איז מערק־ווירדיג, ווי אַט די טעמעס פאַרפאָלגען דיך... אויב דו ביזט אמאָל געשטרויכעלט געוואָרען מיט דער פּען, איז וואָס דו וועסט שוין ניט זעהן, וועסטו שוין זעהן „טעמעדיג". אַז ס'זאָל דיר גלאַט עפּעס געפעלען, אַז דו זאָלסט גלאַט אַנטציקט ווערען פון עפּעס אַ זאַך וואָס דו זעהסט, ניט צוליב שרייבען, דאָס איז ביי אַ שרייבער כמעט ניט בנמצא. און דערפאַר אַז מ'זאָגט מיר, אַז פּאָעטען און מאהלער האָבען ליב די נאַטור מעהר פון אַלע אַנדערע מענשען, זאָג איך, אַז ס'איז ניט ריכטיג. אַ פּאָעט אָדער אַ מאהלער, וואָס קוקט־צו אַ זון־אונטערגאַנג און טראַכט בעת מעשה דאָס „אָנצושרייבען", איז שוין ניט פאַרליבט אין דעם נאַטירליכען זון־אונטערגאַנג נאָר אין דער „קאָפּיע", וואָס ער טראַכט דערביי פון דעם זון־אונטערגאַנג אראָפּצונעמען...

און ניט נאָר אין דער הינזיכט זינדיגען אַזעלכע קינסטלער, נאָר זיי זינדיגען אַפילו געגען זיך, געגען זייער מענליכקייט... ווען איינער אַ קינסטלער באַמערקט ערגעץ־וואו אַ יונג־פרוי שמייכעלט צו איהם, אדער קוקט אויף איהם מיט צערטליכקייט, איז דאָס ערשטע וואָס ער גיט אַ טראַכט איז, אַז מסתמא קען זי איהם און ער געפעלט איהר אַלס אַזעלכער, אַלס קינסטלער.

יאנואר 8 — פון נאָוועמבער דעם 20טען.

א דריטען מאָל באגעגענט דאָס אומבאקאנטע מיידעל, וואָס איז מיר פון די ערשטע צוויי מאָל זעהן זי שוין באקענט געווען.

איך האָב געזעהן ווי זי לויפט ארויס פון א דעליקאטעסען־סטאָר, און אין איהר ארויסלויפען און אין איהר היימישקייט האָב איך „פארשטאנען” אז דאָס מוז זיין „זייער” סטאָר און אז ערגעץ דערביי מוז דאָ זיין די הויז זייערע, אניט וואָלט איך זי אזוי אָפט ניט באגעגענט און זי וואָלט ניט געווען אזוי היימיש אנגעטאָן.

אזוי גלייך ווי איך האָב זי דערזעהן בין איך שטעהן גע־בליבען און זי האָט זיך עפּעס אזוי פארווירט אומגעקוקט און האָט פאר א ווײַלע ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, צי זאָל זי געהן איהר וועג, צי זאָל זי דאָ בלייבען שטעהן, און איך האָב באצייי־טענס געזאָגט:

— אויב איך זעה אייך אויס צו זיין אזוי באקאנט ווי איהר מיר, וועט איהר, מיין איך, ניט איבערטראכטען אז איך בין איינער פון יענע באנאלע יונגעלייט וואָס ניט וויסענדיג ווי אזוי צו „פארטשעפּען” א מיידעל געפינען זיי עפּעס אנדערש ניט צו זאָגען נאָר אז דאָס מיידעל זעהט זיי אויס באקאנט צו זיין. איך וואָלט ניט געוואָלט זיין באנאַל, גלויבט מיר, נאָר דער אמת איז דאָך אָבער פאָרט אז איהר זעהט מיר אויס זעהר באקאנט, איז פאר וואָס זאָל איך טאַקע ניט אָנהויבען מיט'ן אמת?

און שוין דאָס אליין וואָס זי שטעהט און הערט מיך אויס און שמייכעלט נאָך צו האָט מיר געגעבען די פולע זיכערקייט, אז דאָס פישעל האָט אָנגעפּיקט און ניט געלאָזט לאנג באלעמוטשען האָב איך ווייטער געזאָגט צו איהר:

— אויב ס'איז אזוי, וועט איהר מיר גלויבען און אויב איהר גלויבט מיר וועט איהר מיר ערלויבען פון היינט אָן און ווייטער, ווען איך וועל אייך באגעגנען, אייך צו באגריסען.

זי האָט ברייט און פריינדליך געשמייכעלט און גאָרניט געענטפערט, אָבער פאַר׳ן ערשטען מאָל איז געווען איבער גע־נוג, האָב איך ניט לאַנג געטראַכט, אַראָפּגענומען מיין הוט און געזאָגט:

— גוד באַי!

יאַנואַר 9.

און באַלאַנגען באַלאַנגט עס צו נאָוועמבער 27. און דאָס מיינט, אַז יאַנואַר דעם 9טען פאַרצייכען איך דאָס וואָס איך וואָלט באַדאַרפט געווען פאַרצייכענען נאָוועמבער דעם 27טען, ווען איך וואָלט צו יענער צייט געווען געפיהרט אַ טאָג־בוך.

אַלזאָ: ס׳איז מיר נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט קלאָר מיט וועלכען צוועק האָב איך מיר דעמאָלט אוועקגעזעצט שרייבען און אָנגעשריבען אַ סקיצע אונטער׳ן נאָמען „באַגעגענישען״ — צי האָב איך עס געטאָן צוליב׳ן מיידעל, צי צוליב׳ן שרייבען... איך געדענק, אַז דער צוגאַנג מיינער איז געווען אונטער׳ן איינדרוק פון מיינע באַגעגענישען און פון מיין באַקענען זיך אויף אַזאַ אייגענאַרטיגען שטייגער מיט דער מיידעל מיט מיינער און שוין צוליב דעם אַליין האָב איך מיר אַרויסגעגעבען אַ הכשר אַז איך מעג עס טאָן. איך געדענק אָבער נאָך אָט וואָס: אַז ווען איך בין אַריין אין שרייבען אַריין, האָט זיך דער איינדרוק וועגען דער מיידעל אָנגעהויבען אויסצואוועפּען און וואָס ווייטער און טיפער איך בין אַריין אין דער ערצעהלונג אַלץ מעהר דער־ווייטערט איז פון מיר דער אָריגינאַל געוואָרען. און דאָך האָב איך פאַרטגעזעצט דאָס שרייבען, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס איך האָב שוין קלאָר און דייטליך געשפּירט אַז איך שרייב שוין צוליב׳ן שרייבען און ניט צוליב דער מיידעל, און אַזוי בין איך אַריינגעזעסען טיף אין דער נאַכט אַריין ביז איך האָב די נאָוועלע

פארענדיגט. און ערשט נאכדעם זיך געכאפּט, אז ניט דער אינ־טערעס צום מיידעל האט מיר ארייננעשטעקט די פען אין האנד אריין, נאר דער אינטערעס צום שרייבען... און דאס מיינט פּשוט, אז דער „קינסטלער" האט מיך אזוי ארום ארייננענארט... און טאקע דערפאר אליין האב איך זיך מיט „איהם" אפּגערעכענט איינס און צוויי. איך האב די ערצעהלונג גלייך אויפ'ן ארט צע־ריסען...

איך האב געפיהלט, אז איך רייס מיין הארץ, אז איך רייס מיין נשמה. און וואס טיפער און וועהטאגדיגער איך האב עס גע־פיהלט, אלץ פארביסענער האב איך געטאן את די פארניכטענדע ארבייט פון ברעקלען און פּיצלען די פארשריבענע בלעטלאך. צווישען ליידיגקייט פון די פּיצלאך און ברעקלאך פּאפּיר האבען זיך דורכגעווארפען ווערטער און איינצעלנע בוכשטאבען וואס האָ־בען געקוקט אויף מיר מיט נשמה־צייכענס... דער עיקר'שט האט געווירקט אויף מיר די „ה". ווי אן איינגעלע האט דער „ה" פון צייט צו צייט זיך געגעבען א באווייז, א קוק געטאן אויף מיר און איז אוועק ווייטער, אויסמישענדיג זיך מיט אנדערע בוכשטא־בען און מיט ליידיגע שטיקעלאך פּאפּיר פון דער לינקער זייט...

און וואס האב איך נאכדעם געפיהלט צו דער מיידעל?

עפּעס א מאדנע אינטערעס צו איהר דערפיהלט... האט מיך שוין געצויגען דער אינטערעס וואס איז געשאפען געווארען אין מיר, א דאנק די שארפע, שניידענדיגע איבערלעבונגען פון „שאפען" און פארניכטען פון וואס זי איז געווען דער גורם...

## יאנואר 10.

אזוי ווי איך האב היינט וויכטיגעס צו פארצייכענען און נאך פון א מיידעל דערצו. איך מיין פון אן אנדער מיידעל, ניט פון דער, פון וועלכער איך האב א פּאר נאטיצען געבראכט. וועל

איך זי, יענע מיין איך, דערוויילֿ אַפּלאָזען, און וועלֿ פאַרצייכענען א געשפּרעך, וואָס איך האָב געהאַט אויפֿ'ן טעלעפאָן, מיט אַ פרעמדער מיידעלֿ, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָלֿ ניט געזעהן, אָבער וועגען וועלכער איך האָב שוין פילֿ מאָלֿ געהערט וועגען איהר, אז זי איז א יפת תואר, און איך האָב שוין פון לאַנג א פאַר־דאַכט, אז מיין ברודער און מיין שוועגערין ווילען מיך פאַר איהר פאַרשלייערען.

אריינגעקומען אין אָווענט, האָב איך פּונקט געטראָפען מיין שוועגערין אָנהאַלטענדיג אַ געשפּרעך מיט יענער אויפֿ'ן טעלע־פאָן, און ווענדיג טאָן זיי אַ נחת רוח האָב איך איבערגענומען דאָס טרייבעל ביי מיין שוועגערין און אריינגעשריגען:

— העללאָו!... ווער דאָס איז? נו, אז איהר וועט וויסען איז דאָך קיין קונץ ניט... איך וויל איהר זאָלט זיך אָנשטויסען... א? ס'איז אָלרייט. אז מ'רעדט פון דעם הויז מעגט איהר ריי־דען... איהר קענט האָבען דאָס פולע צוטרויען צו דעם הויז, אז אבי־ווער קומט אהערצו ניט אריין... וואָס, איהר שטויסט זיך שוין אָן? נו, לאָמיר הערען... אָ, „דהי פּאָעט!", אביסעלֿ גע־טראָפען און אביסעלֿ ניט. ס'הייסט, זיין איז דאָס טאַקע דער זעלבער, נאָר ניט קיין פּאָעט.

מיין ברודער האָט מיך אַ ציה געטאָן ביים ארבעלֿ. הלמאי, הייסט עס, איך זאָג, אז איך בין קיין פּאָעט ניט. און ער האָט מיט אָט דעם ציה איבערגעריסען דאָס ריידען, ווי מ'רייסט אמאָלֿ איבער א האָן אין מיטען קרעה...

— העללאָו!... יעס, מיין ברודער האָט מיר איבערגעשלאָגען... וואָס, איהר ווילט דוקא איך זאָלֿ זיין א פּאָעט... אָ, אייך איז אַלֿץ איינס? אָ, דאָס פרעהט מיך זעהר... מסתמא זענט איהר אַליין א שטיק פּאָעזיע... נאָך דער מעלאָדישער שטימע נאָך אייערער, קען מען עס אורטיילען... אייער שטימע איז ווי פון א הארפע... עפּעס ווי ס'וואָלט פון אייך ארויסגעשפּילט... מיט וואָס, פרעגט איהר? מיט טעמפּעראַמענט און צאַרטער ווייב־

כער לײדענשאפט... „פּאָעטרי?״ אָ, ניין, ניין. דאָס איז די ריינע װארהײט... יאָ, פּאָעטען זיינען אויך װארהאפטיגע מענ־שען... אָבער ס׳איז פון אן אנדער מין... ס׳איז גאָר אַן אנדער סאָרט װארהאפטיגקייט... ניין, פאר וואָס, זיי זיינען יא אויפריכ־טיג, אָבער ווי קינסטלער... ביי זיי ארבייט די פאנטאזיע... זיי זאָגען קיינמאָל קיין ליגען ניט... ס׳איז אָבער ניט דער אמת׳ער אמת... איך מיין צו זאָגען, אז זייער אמת איז גאָר אַן אנדערער... זיי קענען אמאָל פון אַ ליגען מאכען אַן אמת, און פארקערט... זיי קענען אמאָל פון אַן אמת מאכען אַ ליגען... איז ווען קען איך האָבען דאָס גליק אייך צו זעהן, אַ? אייער שטימע האָט מיך אין דער נעץ געפאנגען... גודבאי!...

— זי האָט דאָך אַ וואונדערבארע שטימע! — האָב איך געזאָגט צו מיין ברודער, אזוי גלייך ווי איך האָב אַוועקגעלייגט דאָס טרייבעל פון טעלעפאָן. — נאָר איין זאַך האָט מיך אַוועק־גע׳הרג׳עט: וואָס זי ווייסט, אז איך בין אַ פּאָעט... איך האָב שוין ניט געקענט ריידען מיט איהר דאָס, וואָס איך האָב געפיהלט צו ריידען, זי זאָל עס ניט אָננעמען פאר קיין „פּאָעטרי״... אַך, צום טייוועל זאָל עס געהן... איז דען ניט פיל שעהנער, אז ניט קיין פּאָעט רעדט פּאָעטיש, ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער פּאָעט?... וואָס האָט מען זיך אָנגעטשעפּעט אָן מיר? האָב איך דען גע־רעדט ווי אַ פּאָעט איצט־אָ?

— נאָך אַ מין! — האָט מיין ברודער אויסגערופען מיט פרייד. — נאָך אַ מין פּאָעזיע... וואָס דען, אזוי אַ מענש וועט אזוי קענען ריידען, ווי דו האָסט גערעדט?

— אויב אזוי, וויל איך שוין ניט זי זאָל מיך קענען.

— פאר וואָס?

— פאר וואָס זאָל זי מיינען, אז איך בין דאָס, וואָס איך בין ניט?

— דו ביזט עס, — האָט מיין ברודער אויסגערופען, —

וואָלט דען עמיצען אַנדערש איינגעפאַלען צו גען צום טעלעפאָן ריידען מיט אַן אומבאַקאַנט מיידעל?

— ווילסט מיר, הייסט עס, אַלץ דערווייזען אַז...

— יעס! צי דו ווילסט, צי דו ווילסט עס ניט.

— אויב אַזוי, איז טאַקע אַ גרויסער רחמנות אויף מיר... וואָס איך בין דאָס, וואָס איך וויל ניט זיין...

— ווערסט נאָך צוריק אָנהויבען שרייבען אויך...

— ביזט זיכער?

— אַפילו דאָס ניט שרייבען דיינס, איז אַ משוגעת פון אַ שרייבער...

יאָ, דאָס האָב איך געוואוסט און געפיהלט, און איך בין באמת צופרידען געווען דאָס צו הערען פון איהם... דאָס איז דאָך נאָך אַלעמען פיל אַנגענעמער צו הערען. ס'הייסט, אַז דו ביזט אַ קינסטלער און שרייבסט ניט, איידער יאָ שרייבען און מ'זאָל דיר זאָגען אַז ס'טויג ניט... אויב מ'זאָגט עס דיר ניט בפועל ממש, איז גיט מען עס דיר מיט שווייגען צו פיהלען, מיט קוקען אויף דיר פון אויבען אַראָפּ...

איך אַליין לעב דאָך בלויז מיט דעם געדאַנק און מיט דעם געפיהל וואָס איך קען שרייבען און שרייב ניט, אַז איך בעזיץ דעם גרויסען, גרויסען טאַלאַנט און וויל ניט מהנה זיין די וועלט מיט מיין קונסט. און אַמאָל, ווען איך הויב אָן צו צווייפלען אין דעם, דערפיהל איך אַזאַ פּוסטקייט... באַזיצען טאַלאַנט און איהם האַלטען פאַרשטיקט אין זיך, דאָס יאָ. אָבער דאָס געפיהל, טאָמער האָסטו דאָס ניט, איז מיר שוידערליך... ווען, לאָמיר זאָגען אַ מאַן ענטוישט זיך אין אַ פרוי אין וועלכער ער איז אומזיניג פאַרליבט און ער באַשליסט דערפאַר צו לעבען אַן אַסקעטיש לעבען, איז פון דעסטוועגען וואָלט ער ביי קיינע אומשטענדען ניט איינגעגאַנגען צו ווערען אוים מאַן... אַזוי איז דאָס ביי מיר... זיין אַ „פּרוש" פון שאַפען, דאָס יאָ. אָבער...

— און איך האָב ערשט דאָ צוריק מיט עטליכע וואָכען אָנ־

געשריבען אן ערצעהלונג — האָב איך גאָר פּלוצים געזאָגט צו מיין ברודער.

— יע? — האָט ער מיט גרויס פרייד א פרעג געטאָן? — וואו איז זי?

— צעריסען! — האָב איך געענטפערט נאָך מיט מעהר גרויסקייט ווי ווען איך האָב איהם דערצעהלט וועגען דעם, וואָס איך האָב אָנגעשריבען די ערצעהלונג.

— דו הערסט! — האָט מיין ברודער צו מיין שוועגערין געזאָגט — דו הערסט? און ער קומט עס מיר נאָך דערצעהלען!

און דאָ האָב איך זיך דערמאָנט, אז ביי איהם ליגען א פּאָר עסייען מיינע, וואס זיינען נצול געווארען פון מיינע הענט דעמאָלט, צוריק מיט דריי יאָהר, ווען איך האָב אַלעם צעפליקט און צעריסען און זיך דערמאָנט אז אויך דעם קריטיקער'ס א בריף דארף זיין ביי איהם... אריין אין עפּעס א מין ראָלע, וואָס איך האָב אויפ'ן אָרט ניט געקענט זיך אָפּגעבען קיין רעכענונג, וואָס פאר א ראָלע דאָס איז, האָב איך פּלוצים געזאָגט צו איהם:

— איך וועל דיך בעטען, דו זאָלסט מיר אוועקגעבען די פּאָר זאכען מיינע און דעם קריטיקער'ס בריף.

— וואָס עפּעס פּלוצים?

— אזוי, איך וויל ניט דו זאָלסט איהם יעדען איינעם ווייזען און זיך באַריהמען מיט איהם...

— איז וואָס ווילסטו, דאָס צערייסען?

— יעס!

און דאָ האָט ער מיך געפּאקט:

— פאר וואָס האָסטו איהם דעמאָלט, ווען דו האָסט אַלע דיינע זאכען צעריסען, פאר וואָס האָסטו איהם דעמאָלט ניט צעריסען? פאר וואָס איז עס גראָד דער בריף גאַנץ געבליבען? און דורך וואָס פאר א נס זיינען אָט די דריי זאכעלאך ביי דיר געבליבען, און גראָד פון די בעסטע, א?

איך האָב געשוויגען און מיין ברודער האָט צוגעשאָקעלט

מיט'ן קאָפּ און אומעטיג און איראָניש געשמייכעלט, און שפּעטער א ווײלע געזאָגט, אריינקוקענדיג מיר טיף אין די אויגען אריין:

— אז איך הויב דיך ניט אָן צו פארשטעהן... אנטקעגען ווערען, און מיט ווער פיהרסטו דאָ אָן דיין קאמף אָדער די שפּיל דיינע? דערווייל פארלירסטו צייט און ס'קען זיין אז דו וועסט זיך כאפּען וועט שוין שפּעט זיין... אָט פאָלג מיך, טו דאָס באַצייטענס... נעם און זעץ דיך אוועק שרייבען... דו קומסט אונז אַ גרויסען חוב און דו מוזט איהם צאָהלען... וואָס בריקעווערסטו וואָס, און אנטקעגען ווער?

יאַנואַר 11.

ווייל איך האָב פון דעם טאָג גאָרניט צו פארצייכענען וועל איך פארנאָטירען:

נאָוועמבער 23.

אז אין יענעם טאָג בין איך אוועק אהין, צו יענעם פּלאַץ, און צו יענעם אָרט, וואו איך האָב זיך באגעגענט דריי מאָל מיט דער מיידעל, און האָב זיך ארומגעדרעהט דאָרטען אזוי לאַנג ביז איך האָב זי אַ פערטען מאָל באגעגענט, און האָב זי באַגריסט:

— העללאָו!

און גלייך נאָך דעם:

— אויב דאָס איז אייך ניט אנגענעם, מיס, פּליז, זאָגט מיר, וועל איך עס ניט טאָן... גלויבט מיר, אז איך בין ניט פון יענע... און אויב איהר ווילט, וועל איך אייך אויסזאָגען דעם גאַנ־צען אמת, אז איך האָב שוין וועגען אונזערע באגעגענישען אָנגע־שריבען אַ נאָוועלע... אַן ערצעהלונג.

דאָס מיידעל איז געוואָרען נייגעריג, א שמייכעל געטאָן און א בליאסק טוענדיג מיט די אויגען האָט זי געפרעגט:

— איהר זענט א שרייבער?

— א שרייבער? ... ניין... קיין שרייבער בין איך ניט... איך דרוק זיך ניט אין ערגעץ... און דאָס, וואָס איך שרייב אָן, צעריים איך.

זי האָט א מבולבל׳דיגע געפרעגט:

— מ׳וויל אייך ניט דרוקען?...

— איך אליין וויל ניט!...

— פאר וואָס?

— איהר וועט זיך עס אמאָל דערוויסען, אויב איהר וועט וועלען אָנהאַלטען מיין באַקאַנטשאַפט מיט אייך... איך קען עס ניט ערקלערען איינס און צוויי...

אייגענטליך איז דאָס שוין ניט וויכטיג געווען. וויכטיג איז געווען דאָס, וואָס וועלענדיג געווינען דאָס צוטרויען פון דער מיידעל האָב איך דאָך זייטיג איהר אריינגעלאָזט א גריל וועגען מיין שרייבערישען בארוף און דאָס איז שוין, ווי מיר דאכט זיך, געווען, ניט אויסגעהאַלטען פון מיין זייט... ס׳איז פונקט דאָס זעלבע ווי איינער אן אָנגעשטעלטער אין א באַוואוסטער פירמע וואָלט באַ׳גנב׳עט אָט די פירמע און וואָלט איינצייטיג, וועלענדיג רעקאָמענדירען זיין ארענטליכקייט, וואָלט ער דערצעהלט, אז ער איז אין דער פירמע אָנגעשטעלט... אויף אן עהנליכען אופן האָב איך געהאַנדעלט... צוזאַמענטרעפענדיג זיך מיט א מיידעל און וועלענדיג געווינען איהר צוטרויען און סימפּאַטיע האָב איך באַנוצט די „פירמע” מיינע אַנטקעגען וועלכער איך בין באַגאַנגען א מרידה דערמיט וואָס איך האָב געוואָרפען דאָס שרייבען...

דאָס מיידעל האָט אַזוי היימליך געשמייכעלט און זיך געלאָזט געהן און אין איהר געהן זיך לאָזען האָב איך דער־קענט אז איך מעג איהר נאָכגעהן. און אריבער פון איין זייט גאַס אויף דער צווייטער, ווייט אוועק פון איהר „דעליקאַטעסען סטאָר”.

האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און אַ היימישע און שמייכלענדיגע גאַר פּלוצים ביי מיר אַ פרעג געטאָן צי איך קען איינעם אַ דיכטער מיט'ן נאָמען „עטראָן”.

איך האָב ניט געוואוסט צי זאָל איך ענטפערען יאָ צי ניין. זאָגען, אַז ניין, וועט עס מיינען אַז איך בין קיין שרייבער ניט. האָב איך דאָס ניט געקענט, ווייל איך האָב באַמערקט, אַז דאָס אַפּעלירט צו איהר; זאָגען איהר, אַז יאָ, וואָלט זי דאָך גלייך פאַרשטאַנען, אַז איך באַלאַנג צו דער משפּחה, וועט עס אפשר נאָך ערגער זיין, ווייל זי וועט איהם דערצעהלען, אַז זי האָט זיך באַקענט מיט אַזעלכען און אַזעלכען, וועט דער חברה־מאַן גלייך אַ זאָג טאָן:

— אָ, מיט איהם? איי, איז דאָס אַ קאַליקע!

און ס'וועט טאַקע שטימען אויך, ווייל איך אַליין האָב איהר דאָך דערצעהלט, אַז איך שרייב און דרוק ניט, שרייב און צערייס...

זי האָט ביי מיר געפרעגט מיין נאָמען. איך האָב איהר צווישען די ציין אַרויסגעזאָגט מיין ליטעראַרישען פּסעוודאָנים, ער איז איהר געווען אומבאַקאַנט, און ס'האָט מיך טאַקע גאַנץ פיין און היבשלעך פאַרדראָסען.

— נו, זעהט איהר, איהר האָט מיר ניט געוואָלט גלויבען... איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך בין קיין שרייבער ניט. אָט הערט איהר דאָך דאָס ערשטע מאָל פון אַזאַ נאָמען.

און אין אַ ווײַלע אַרום:

— איהר קענט איהם טאַקע נאָהענט, אָט דעם דיכטער עטראָן? איך מיין, צי איהר טרעפט זיך מיט איהם אָפט?

זי האָט געענטפערט, אַז ער איז אַן אָפטער אריינגעהער צו איהרער אַ „פריינדינע”, איז אַזוי אָפט ווי זי קומט אריין צו איהר פריינדינע, אַזוי אָפט זעהט זי איהם דאָרטען.

זי צוגעפיהרט צו איהר הויז און זי האָט מיר נאָך אַלץ אין הויז אריין ניט איינגעלאַדען. און איך האָב, דעם אמת געזאָגט,

ניט געהאַט קיין באַזונדערען חשק דערצו... איך האָב בלויז אַ פרעג געטאָן איהר טעלעפאָן און זי האָט נאָך אַ ווײַלע קווענקלען זיך, מיר איהם געזאגט און איך האָב איהם מיר פאַרשריבען.

— גוד באַי, — האָב איך געזאָגט און זי האָט אויף דעם באַמערקט:

— און ער זאָגט קיינמאָל ניט „גוד באַי”, נאָר „אַ גוטען טאָג” אָדער „אַ גוטע נאכט”, זאָגט ער.

— דאָס איז זעהר פיין פון זיין זייט, — האָב איך אויסגע־רופען מיט אַזאַ טאָן, אַז זי זאָל ניט קענען פאַנאַנדערנעמען צי איך מיין עס ערנסט צי ניט, און אין אַ ווײַלע ארום צוגעגעבען:

— אַ גוטען טאָג!...

יאַנואַר, 14.

גיטאָ וואָס צו פאַרצייכענען, סיידען בלויז דאָס, אַז איך האָב ניט וואָס צו פאַרצייכענען... אָט דאָס איז די צרה פון פיהרען אַ טאָג־בוך. ס'ווערט אַ רגילות און דו מיינסט, אַז דו מוזט יעדען טאָג עפּעס פאַרנאָטירען. און צוריק געשמועסט, פאַר־וואָס טאַקע ניט? זעהט אויס אַז „ער” דערלאָזט עס ניט, דער שרייבער אין מיר, דער קינסטלער, און „ער” איז דאָס דער אויסוועהלער, וואָס איך זאָל יאָ אַריינטראָגען אין טאָג־בוך אַריין און וואָס ניט... ער זיצט טיף אין מיר און דיריגירט און איך וועל שוין אויף אַ „צו־להכעיס” איהם פאַרשרייבען פון היינטיגען טאָג, אַז היינט האָב איך מיר אָפּגעשווירען... קען שוין זיין עפּעס געוועהנליכערערס דערפון. אַלע מענשען שערען זיך און פאַרגעסען אויפ'ן צווייטען אָדער אויפ'ן דריטען טאָג אין דעם, און ביי מיר וועט בלייבען לעולם ועד פאַרשריבען, אַז יאַנואַר 14טען האָב איך מיך געשווירען און זאָל „ער” מיר עפּעס טאָן...

דרך אגב, ווען ס'האָלט שוין דערביי, ווילט זיך זאָגען, אַז

נאָכ'ן שערען פּיהלסטו עפּעס א מאָדנע געפּיהל. איך ווייס ניט צי ביי אַלע מענשען איז דאָס אזוי, נאָר איך ווייס, אז איך שער זיך אָפּ, פּיהל איך זיך לעקעשעוואַטע פון דער פארענדערונג וואס ס'קומט אויף מיר נאָכ'ן אָפּשערען זיך, און דו ווייסט ניט צי ביזטו שעהנער צי מיאוס'ער געווארען...

און אז עס רעדט זיך שוין וועגען דעם, וועל איך שוין ווייטער ריידען און דערצעהלען, אז א דאַנק אָט דעם אָפּשערען זיך מיינס, האָב איך זיך געקרעמפּירט צו ווייזען, צו מיין מיידעל, הגם מיר האָבען אָפּגערעדט אויף דעם טאָג צו געהן אין א טעאַטער אריין. איך האָב זי אָפּגערופען און געזאָגט, אז איבער זעהר א וויכטיגער סבה וואָס איז ניט אפּהענגיג פון מיר, וועלען מיר עס מוזען אָפּלייגען אויף א צווייט מאָל...

יאַנואר, 15.

א פוסטער טאָג, וועל איך איהם אויסנוצען און וועל זיך אריבערוואַרפען צום 9טען דעצעמבער פון פאָריגעס יאָהר און פאר־צייכענען ווי אזוי ס'איז ווייטער צוגעגאַנגען מיין באַקאַנטשאַפט מיט „מיין" מיידעל און דערציהען ביז איצט, הגם אָן־און־פאר־זיך איז דאָס אפשר ניט וויכטיג, נאָר ס'איז אָבער זעהר וויכטיג פאר מיר איצט, א דאַנק דער וויכטיגקייט וואָס האָט זיך פון אָט דער ניט וויכטיגקייט ענטוויקעלט.

דעצעמבער, 9 (יאַנואר, 15).

דעם 9טען דעצעמבער האָב איך אָפּגערופען מיין באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע מיידעל און געפרעגט ביי איהר, צי איך קען ערגעץ טרעפען זיך מיט איהר, און זי, זי האָט מיר לאַקאָניש געענטפערט, אז זי אַליין וואָלט גארניט געהאַט געגען דעם,

וויסענדיג אבער ווי אזוי „אונזערע לייט” קוקען אויף אזעלכע מיידלאך וואָס נעמען אָן גאסטן־באַקאַנטשאַפט, איז דערפאר אליין מוז זי זיך אָפּזאָגען פון מיין אָנבאָט.

— מיינט עס, אז איהר האָט צו מיר ניט קיין צוטרוי? — האָב איך אריינדרינגליך אריינגעפרעגט אין טרייבעל פונ'ם טעלעפאן.

זי האָט געענטפערט:

— וואָס נאָט?! פארקערט. זי וויל ניט אָנבינדען קיין וויטערע באַקאַנטשאַפט מיט מיר נאָר דערפאר, ווייל זי איז זיכער אז איך וועל צו איהר קיין צוטרוי ניט האָבען... פונקט פארקערט: זי וואָלט זיך ליבערשט ערלויבט צו זיין באַקאַנט מיט א מאַן צו וועלכען זי זאָל ניט האָבען קיין צוטרויען איידער א מאַן זאָל ניט האָבען קיין צוטרוי צו איהר..

און ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס איך האָב איינגעזעהן אין אירע רייד א טיפען פארשטאַנד, דאָך האָבען אָט די רייד געמאַכט אויף מיר ניט קיין גוטען איינדרוק, אָט ווייל טאָקע זיי זיינען צו קלוגע. איך האָב קיינמאָל ניט געפיהלט קיין באזונדערע סימ־פּאַטיע צו יענע מיידלאך וואָס האָבען ארויסגעוויזען צופיל ניכ־טערקייט און פארשטאַנד וועגען זייערע מיידעלשע אנגעלעגענ־הייטען. א פארהוויכטע פלאָם איז אלעמאָל אפּעטיטנער צום עסען ווי נאָכדעם ווי מ'ווישט פון איהם ארום דעם הויך. מיט א מיידעל איז אויך דאָסזעלבע: זי איז אלעמאָל אָנציהענדער ווען אין איהר איז דאָ אָט דער הויך פון באשיידענקייט... א מיידעל, אָן „אָרענטליכע”, וואָס שעמט זיך ניט און זוכט אויף אַלע אופנים דיר אָנצודייטען אויף איהר ארענטליכקייט, איז זי פיל אומאָרענט־ליכער פון יענער וואָס איז „אומאָרענטליך” און זעהט אויף אלע אופנים די „אומאָרענטליכקייט” איהרע פון דיר צו פארהוילען.

און פון דעם שטאַנדפּונקט האָבען אַט די ניכטערע, קלוגע רייד געמאַכט אויף מיר אַ שלעכטען איינדרוק, הגם איך בין געווען מיט איהר דורכאויס איינשטימיג אַז זי איז גערעכט מיט איהר רייד...

— יע!... איהר זייט גערעכט — האָב איך אַריינגעזאָגט אין טרייבעל אַריין און געבליבען שטעהן ווי אַ גולם ביים טעלע־פאָן, ניט וויסענדיג וואָס ווייטער צו ריידען און ניט וויסענדיג צי איז שוין צייט זאָגן איהר „גוד באַי"... איך האָב געוואַרט אויף דירעקטיווען פון איהר... און אַזוי שטעהענדיג האָב איך גע־פיהלט ווי עס וואַקסען אויף מיר בערג מיט צייט... ממש בערג פון אייביגקייטען דריקען און פּרעסען דאָס גאַנצע וועזען מיינס... ענד־ליך בין איך געפאַלען אויף אַ שכל און געזאָגט, אַז אויב ס'געהט איהר בלויז אין דעם וואָס זי האָט מורא אַז איך וועל צו איהר קיין צוטרוי ניט האָבען קען איך נעמען וועגען איהר אינפאָרמאַציעס ביים דיכטער „עטראָן".

— העלאָ!.. הערט, דער דיכטער עטראָן! איהר זייט דאָך באַקאַנט מיט'ן דיכטער עטראָן... יעס?... יעס!... קען איך נעמען ביי איהם אינפאָרמאַציעס וועגען אייך?...

זי האָט געלאַכט און הויך, אויף אַ הויכען לאַכענדיגען קול, לאַכענדיג און שרייענדיג געזאָגט:

— ניין, ניין!

— פאַרוואָס ניין, פאַרוואָס?... ווייל, וואָס? אַ, ווייל ביי אַ פּאָעט ארבייט די פאַנטאַזיע?... נו, איז וואָס האָט עס?... אָ, די חברה האָבען אַ טבע זיך באַריהמען?.. אַ, ס'הייסט... איך פאַרשטעה... יעס, יאָ... דאָס איז אמת... נו וועל איך שוין צו איהם נאָך אינפאָרמאַציע וועגען אייך זיך ניט ווענדען... וועל איך שוין צו אייך אַזוי מעהר צוטרויען האָבען, איאָ?... נו, איז וואָס בלייבט?...

און נאָך א לאַנגער שווער־טעלעפאָנענדיגער פּויזע האָב איך ענדליך באקומען דעם שעת־הכושר צו קומען צו איהר אין הויז אריין... וואָס איך האָב דוקא אָהן איבעריגען חשק אָנגענומען... ביי דער גאַנצער סיטואַציע וואָלט איך געוועהן צופרידענער זיך צו טרעפען מיט איהר אויף א „נייטראַלער זאָנע”, אָבער איך האָב גאָרנישט געקאָנט מאַכען. ווילענדיג ניט ווילענדיג האָב איך אָנגענומען די איינלאַדונג איהרע צו זיך אין הויז אריין און האָב נאָך געמאַכט אַן אָנשטעל, אז איך בין שטאַרק, שטאַרק צופרידען דערפון וואָס זי איז גרייט צו עפענען פאַר מיר די טירען פון איהר הויז...

יאַנואַר, 19 (פון דעצעמבער, 10).

זי האָט מיך אויפגענומען געלאַסען, שטיל און רוהיג, ווי זי וואָלט מיר געוואָלט באווייזען, אז דאָס־אָ, וואָס זי נעמט מיך אויף ביי זיך אין הויז איז קיין באווייז ניט אז זי איז פאַראינטערעסירט אין מיר, און טאָמער איז דאָס נאָך געוועהן ווינציג, האָט זי דאָס מיר גלייך באוויזען מיט א צווייטער זאַך, מיט דעם וואָס זי האָט מיט א האנט אויף רעכטס און מיט א האנט אויף לינקס צערוקט די צוויי גרויסע, שווערע גאַרדינען וואָס האָבען אָפּגעטיילט דעם פראָנט־צימער (וואו מיר זיינען געווען) פון עס־צימער... דאָ איז שוין קיין צווייפעל ניט געוועהן אז זי האָט מיר געוואָלט באווייזען, אז צווישען מיר מיט איהר איז נאָך דערווייליגע גאָר ניטאָ אזעלכעס וואָס זאָל זיך נויטיגען אין באזונדערנישען...

— זיצט! — האָט זי געזאָגט, אָנווייזענדיג מיר אויף דער ווייכער סאָפע.

איך האָב מיך אוועקגעזעצט אין איין עק און זי, אין א ווייל־ע ארום, אין א צווייטען עק, און געטאָן א ציה דאָס קלייד ווי זי וואָלט עס געוואָלט אראָפּציהען אראָפּ ווייטער פון די קני, האָט זי געזאָגט צו מיר:

— איהר ווייסט, איהר האָט מיך אוועקגעשטעלט אין אזא לאַגע . . .

— אז איהר האָט שוין קיין אַנדער ברירה ניט געהאט און געמוזט מיך בעטען צו זיך אין הויז... — האָב איך פאר איהר פאַרענדיגט.

זי האָט אַ ווײלע געטראַכט און געזאָגט:

— מאָלט אייך, אַז דאָס וואָלט אייך אויך ניט געהאָלפען... נאָר אזוי ווי איך האָב מיך אָנגעפרעגט . . .

— אָ, ביי איהם זיכער... ביים פּאָעט עטראָן? ...
זי האָט שמייכלענדיג צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און איך האָב ווייטער געפרעגט:

— איך גלויב, אז נאָכדעם ווי איהר האָט מיר געגעבען די ערלויבניש צו קומען, איז דאָס אַ סימן אז ער האָט אויף מיר קיין שלעכטעס ניט געזאָגט? ...

דאָס מיידעל האָט צוגעשמייכעלט און איינשטימיג צוגע־שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— יאָ, איך ווייס, — האָב איך מיך אָפּגערופען, — אין דער הינזיכט זיינען „אונזערע" קינסטלער ברייטהארציג, זיי וועלען זאָגען אויף אַ חבר דאָס בעסטע וואָס זיי קענען... גיט־זשע אָבער אַ פרעג ביי איינעם אויף זיין בעסטען פריינד, צי ער קען שרייבען, וועט איהר גלייך דערהערען אזעלכע דיבורים, אז איהר וועט ניט גלויבען אז דער בעל־דבר האָט נאָר־וואָס גערעדט גוטס אויפ'ן חבר אויף זיינעם... נו, און וואָס האָט ער געזאָגט וועגען „אכצעהן און דרייצעהן"? ...

— ער האָט אייך זעהר געלויבט.

— ערנסט?

— וואָס איהר האָט אוועקגעוואָרפען שרייבען!

— אָ!... אזוי?!...

— ער האָט נאָר געזאָגט, אז ס'וואָלט נאָך בעסער געווען ווען איהר באריהמט זיך ניט...

איך באריהם זיך? מיט וואָס?..

— מיט דעם וואָס איהר האָט אוועקגעוואָרפען שרייבען.

פאר דער צייט וואָס מיר האָבען געשמועסט האָט זיך פון צייט צו צייט א פּנים פון אן עלטערען קינד און א פּנים פון א אינגערן קינד באוויזען... די פּנים'ער און די אויגען פון די עלטערע קינדער האָבען אריינגעקוקט מיט חכמה און פארשטאַנד, ווי זיי וואָלט קלאָר געווען דער ציל פון א פרעמד־בחור'ישען באזוך ביי דער שוועסטער... און איך האָב געהאט דעם איינדרוק, אז דאָרטען מוז זיך געפינען אמווינציגסטען ביי א טוץ קינדער, ווייל איך האָב פון איין מאָל צום צווייטען ניט דערקענט דאָס פּנים פון קינד, דערפאר האָט זיך מיר געדאכט אז אלע מאָל קוקט אן אנדער קינד...

די שוועסטער פון די קינדער, אויף וויפיל זי האָט אליין געוואָלט האָבען די „אָפענקייט" צו איהר שטוב און צו איהר הויז־געזינד, האָט קענטיג איינגעזעהן אז דאָס איז שוין צופיל, האָט זי זיך געגעבען א הייב אויף פון פּלאַץ און אריין אין צווייטען צימער האָט זי אויסגעשריען:

— מא, דו קאָנסט זיי צונעמען פון דאָרטען, צי ניט?

א צווייטען וויזיט האָט איך איהר געמאכט אין צעהן טעג ארום, דאָס מיינט:

דעם 19טען דעצעמבער.

איך וויל זיך באנוגענען בלויז מיט דעם פארצייכענען דעם דאַטום, ווייל קיין וויכטיגעס פון דעם צווייטען וויזיט געדענק

איך ניט, ווייל ביים צווייטען באזוך ביי מיינעם איז פארגעקומען כמעט פונקט דאָסזעלבע וואָס ביים ערשטען. דערפאר איז שוין דער דריטער וויזיט געווען אינטערעסאנט... איך געדענק אבער ניט פּינקטליך ווען דאטום איך האָב געמאכט דעם דריטען וויזיט. איך בין אָבער זיכער אז דאָס איז געווען אין איינעם פון די לעצטע טעג פון דעצעמבער, וועל איך, אלענפאלס, אוועק־שטעלען:

דעצעמבער, 26.

איך ווייס אליין ניט וואָס פאר א צוועק איך האָב געהאט דערביי, איהר דוקא איינצושמועסען, אז דער דיכטער עטראָן געהט צו איהר „פריינדינע" ניט צוליב דער פריינדינע נאָר צוליב איהר.

— וואָס אייך קאָן איינפאלען! — האָט דאָס מיידעל מיט קאָקעטישער מאנירליכקייט געזאָגט.

— ווי לאַנג איז ער שוין אַן אריינגעהער צו אייער פריינ־דינע? — האָב איך ביי איהר געפרעגט.

— א פּאָר מאָנאטען שוין.

— נו, אויב אזוי, אויב שוין „א פּאָר מאָנאטען", האָט שוין אייך די פריינדינע צו דאנקען וואָס ער געהט אריין צו איהר...

איהר האָט עס, קענטיג, זעהר אימפּאָנירט וואָס איך רעד מיט אזא זיכערקייט וועגען דעם, און זי האָט זיך „צווישען די ציין" אפּגעזאָגט:

— כ'ווייס ניט... מיר איז דאָס קיינמאָל ניט איינגעפאלען.

איך האָב מיר אויפ'ן אָרט ניט געקאָנט אָפּגעבען קיין רעכענונג צוליב וואס איך טו דאָס, האָב איך דען געגלויבט אין דעם וואָס איך האָב איהר איינריידען געוואלט... אום צו זיין איבערצייגט אין אַזאַ זאַך, מוז מען אליין פריהער עפּעס פיהלען

צו דער מיידעל וועלכער מ'וויל אזעלכעס איינריידען... האָב איך דען עפּעס געפילט צו איהר? ניין! און דאָך, באַצוועקט מיט דעם וועלען איינריידען איהר (וואָס איך האָב איהר, קענטיג, טאַקע איינגערעדט), אז... נו, יאָ... מיט דעם אליין וואָס איך בין אזוי זיכער אז יענער, דאָרטען, געהט אריין צו דער חבר'טע כדי זיך צו טרעפען מיט איהר, איז אז איך רייד מיט אזא איבערצייגונג, איז א סימן אז איך אליין בין שוין ווייט ניט גלייכגילטיג צו איהר... צו וואָס פאַרט האָט עס מיר גענוצט ווען איך האָב אין דער אמת'ן גארניט געפיהלט צו איהר... וואָס פאַר אן אינטערעס האָב איך געהאַט אין אָט דער שפּיל ווען איך, פּערזענליך, בין אזוי ווייט געווען פון וועלכען עס איז באַגעהר מיט איהר זיך „צו שפּילען"? ... ווער זשע פאַרט האָט מיך געצוואונגען דאָס צו טאָן? ...

איצט ווייס איך שוין, אז דאָס איז ער, דער „קינסטלער" אין מיר... נאָר אין אזא פאַל האָט אזעלכעס געקאָנט מעגליך זיין. ווייל וואו איז דען אזעלכעס מעגליך ביי א „פּשוט'ן בשר ודם" — האָבען אן אינטערעס צו שפּילען א שפּיל מיט א מיידעל ווען ער פּערזענליך האָט אין איהר קיין אינטערעס ניט... איך מיין אפילו, אז גאָר פון אָנהויב בין „איך" אויך ניט געווען דערביי, אז פון ערשטען אויגענבליק האָט „ער" זיך אין איהר פאַראינטערעסירט, ניט „איך". שוין דאָס אליין וואָס איך האָב גלייך אָנגעשריבען אן ערצעהלונג „באַגעגענישען", וועגען מיינע באַגעגענישען מיט איהר (דאָס וואָס איך האָב די ערצעהלונג צעריסען, דאָס איז א באַזונדער זאַך). שוין אָט דאָס אָנשרייבען די זאַך וואָס איך האָב וועגען דער „זאַך" אָנגעשריבען, דאָס אליין האָט מיך באַ־דאַרפט גלייך באַווייזען, אז מיין אינטערעס צו דער מיידעל וואַקסט אויף א ניט נאַטירליכען און ניט געזונטען באָדען... און ס'איז מיר א גרויסער חידוש וואָס איך האָב זיך גלייך ניט געכאַפּט, אז דער ערשטער צוטריט מיינער צו איהר איז ניט צו־געגאַנגען אויפ'ן רעאַליסטישען אופן (איך מיין, אויף א געוועהנ־

ליבען און נאַטירליכען), נאָר מעשה־מעסיג... איצט ווייס איך שוין אויף זיכער, אז ווען מיר וואָלט איינגעפאלען אזא מעשה אָנצו־שרייבען און אזא העלד פאַרצושטעלען וואָלט איך עס ניט אַנדערש געטאָן ווי נאָר אזוי ווי ס'איז אין דער ווירקליכקייט פארגעקומען... די ווירקליכקייט אבער איז ניט אלעמאָל ווירקליכקייט... איך מיין, אז ביי קיין בן־אדם וואָלט עס אויף אזא אופן ניט צוגע־גאַנגען ווי ביי מיר... און דאָס מיינט, אז די „ווירקליכקייט" איז ביי מיר א קינסטלערישע וואס קומט פונ'ם „קינסטלער" וואָס זיצט אין מיר, וואָס ניט קענענדיג רעאליזירען אויף א קינסטלע־רישען אופן (ווייל איך לאָז איהם ניט) איז זוכט „ער" זיך אזוי ארום אין פשוט'ן רעאליזם, כ'מיין, לעבעדיג דעמאָנסטרירען די קונסט זיינע...

און הגם איך האָב דעמאָלט נאָך אליין ניט געוואוסט וואס פאר א שפיל איך שפיל, האָב איך דאָך געפיהלט, אז עפּעס טו איך א געמיינע זאַך... ווייל אויב איינער וויל א מיידעל דעם קאָפּ פארדרעהען כדי עפּעס צו געניסען פון איהר, איז עס דאָך א גרעסערע געמיינהייט פון מיין זייט וואָס איך, ניט ווילענדיג און ניט באַגערענדיג פון איהר גארניט וויל איהר דעם קאָפּ איהרען פאַרדרעהען... איך האָב מיר גלייך צוגעאיילט איהר צו זאָגען:

— ניין, ניין, איך בין ניט זיכער אין דעם... איך האָב עס מיר גלאַט אזוי געזאגט... ס'איז מיר איינגעפאלען.

— מיר איז אַלץ איינס! — האָט זי פלינק געטאָן א זאָג אָפּ, און איך ווייס ניט דורך א וועלכער ס'איז סיטואציע איז מיר גאָר פּלוצים איינגעפאלען, אז אזוי פלינק וואַרפט זי אַראָפּ פון זיך דאָס אונטערשטע קליידעל...

— אַלץ איינס! — האָב איך ווייטער זיך גענומען צו מיין מיין ראַלע, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס איך האָב געפיהלט אז איך באַגעה אן אומרעכט אנטקעגען דער מיידעל, — וואָס איז שייך אַלץ איינס... ווען ער וואָלט געווען אבי־ווער, וואָלט איך אייך עס געקענט גלויבען... נאָר א דיכטער! דאָס איז אומפּאַנירט...

וואָס וועט איהר מיר דערצעהלען, אז איהר זענט ניט מקנא אייער פריינדינע וואָס צו איהר געהט אריין אַ דיכטער?

זי האָט אַ וואָרף געטאָן אין מיין זייט דאָס אינגעלש־געשווי־רען קעפעל איהרס און אזא קוק געטאָן אויף מיר, ווי זי וואָלט געוואָלט מיט׳ן קוק דערגעהן צי מיין איך דאָס אויבעט ערנסט. נאָכהער האָט זי מיט ביידע הענט אָנגעצויגען דעם זוים פון איהר קלייד און האָט איינגעקרעמפּעוועט ביידע קניען, וואָס האָבען פון קליידעל־קורצקייט ארויסגעשטעקט, און האָט אזוי פעסט אַפּיהר־געטאָן מיט ברעג הין און צוריק, און געהאַט האָב איך דעם איינ־דרוק אַז זי האָט דערמיט אומבאוואוסטזיניג, אינסטינקטיוו דע־מאָנסטרירט אַ געדאנק איהרען, אַז:

„דו קענסט מיר דרעהען אַ קאָפּ פון היינט ביז מאָרגען, אָבער זיי וויסען, אַז איך וויים די גרענעצען... און אויב דו ועסט זיי וועלען אריבערגעהן, וועל איך וויסען ווען און וואו דיך „צו סטאָ־פּען"...

## 20. יאנואר

איך האָב זי דאָס ערשטע מאָל „אויסגענומען", אין אַ טעאַ־טער אריין, און נאָכ׳ן טעאַטער בין איך מיט איהר אריין אין אַ קאַפע, וואָס הויבט זיך אָן אָנצופילען נאָך די טעאַטערס, וואו ס׳קומען זיך צונויף די טעאַטער־שפּילער, אָט די זעלבע, וואָס נאָר־וואָס זיינען זיי געווען ווער אַ קיסר, ווער אן אומגליקליך פארליב־טער און ווער אן אַלטער פאָטער, וואָס האָט ארויסגערופען טרערען ביים עולם דורך דעם וואָס די קינדער פארנאַכלעסיגען איהם..

איך האָב זיך באַזעצט מיט איהר, מיט מיין מיידעל, נע־בען איינער אַ שרייבערקע וואָס וויינט אַלע מאָל ארוים צו מיר באַזונדערע אויפגעלייגטקייט און איז מיך אַלע מאָל מצרף צו זיך און זאָגט מיר אַז איך און זי זיינען מיר די גרעסטע שרייבער ביי אידען... ווימענדיג אַז זי איז נעבאך „אַ געבראָכענער מעמ־

בער", אַז קיינער וויל איהרע „קונסט ווערק" ניט דרוקען, און וויסענדיג וואָס פאַר אַ קאַליקע זי איז, פאַרדריסט מיך זעהר, וואָס זי שטעלט זיך אויף איין ברעט מיט מיר.

די קאַפע איז שוין פול געווען מיט מענשען און מיט רויך, מיט רעש און טומעל... ס'האָבען אַלע גערעדט און גערוישט און דערפאַר ווייל אַלע האָבען עס געטאָן איז געווען דער איינ־דרוק, אַז קיינער טוט עס ניט... ווייל אין אַלגעמיינעם רעש איז יעדען איינציגענס שטים פאַרשלונגען געוואָרען און פון אויבענאויף האָט זיך געקענט דאַכטען, אַז יעדער איינער פאַר זיך זיצט שטיל...

און אויף וויפיל די דערמאָנטע שרייבערקע איז מיר ניט סימפּאַטיש, האָב איך זיך דאָך באַזעצט נעבען איהר... עפּעס איז זי מיר פּאַרט געווען נעהענטער ווי אַלע אַנדערע דערמיט וואָס זי איז אויך אַ שרייבערקע און דרוקט זיך ניט... און אויב איך האָב זי ניט געקענט פאַרגלייכען צו זיך מיט איהר שרייבען, איז זי אַלענפאַלס געווען אַ קאָלעגע צום ניט־דרוקען.

— האָט איהר עפּעס אָנגעשריבען גוטע זאַכען פאַר דער לעצטער צייט? — איז געווען די ערשטע פראַגע איהרע.

איך האָב איהר געענטפערט, אַז איך שרייב ניט און זי האָט זיך איראָניש אַ זאָג געטאָן:

— נו, דאָס ווייסען מיר דאָך!...

געמיינט הייסט עס, אַז שרייבען שרייב איך, נאָר ווייל איך האָב ניט וואו צו דרוקען איז דערפאַר זאָג איך, אַז איך שרייב ניט.

— איהר גלויבט ניט?

זי האָט אַ ברייטען שמייכעל געטאָן און אַ פרעג געטאָן ביי מיין מיידעל:

— איהר מוזט דאָך ביי איהם וויסען צי ער שרייבט צי ניט?...

מיין מיידעל האָט זיך געפונען אין אַ גרויס פאַרלעגענהייט.

אז מ׳פרעגט עס ביי איהר איז דאָך אַ סימן אַז זי בעדאַרף עס וויסען, און אַז יענע רעדט מיט אַזאַ זיכערקייט אַז איך שרייב, מסתמא שרייב איך נאָר זי, מיין מיידעל, ווייסט ניט דערפון. איז דערפאַר האָט זי געקוקט אויף מיר פאַרווירט און שעמעוודיג, ווי זי וואָלט מיך דאָס ערשטע מאָל געזעהן.

די גאַנצע שעה, וואָס איך בין געזעסען, האָט די שרייבער־קע באַרעדט אַלע שרייבער, ס׳הייסט אַלע יענע שרייבער, וואָס דרוקען זיך. דערפאַר האָט זי ממש פאַרגעטערט עפּעס אַ גאַנצען טוצען שרייבער וואָס די נעמען זייערע האָבען נאָך ניט אָנגעקוקט די עפענטליכקייט און פון וועלכע איך האָב קיין אהנונג ניט געהאַט אַז אַזעלכע עקזיסטירען... און געוואוסט, אַז איך האָב אַ ברו־דער אַ פאַרמעגליכען, האָט זי צו מיר געזאָגט:

— איהר האָט דאָך עפּעס אַ ברודער, קען ער אייך ניט געב־בען עטליכע הונדערט דאָלאַר איהר זאָלט אַרויסגעבען אייערע אָנגעזאַמעלטע זאַכען וואָס איהר האָט!...

און וואָס אַנבאַלאַנגט מיין מיידעל איז זי די גאַנצע צייט געזעסען אַ צו׳ברוגז׳טע און פאַרשטאַנען האָב איך, אַז זי האָט רעכט ברוגז צו זיין: ווייל ממה נפשך, אַז מיר האַלטען שוין דערביי, אַז איך הויב זיך אָן מיט איהר באַווייזען צווישען מענשען, האָט זי דאָך על כל פּנים רעכט צו וויסען וועגען מיר דאָס, וואָס ווייטע און פרעמדע מענשען ווייסען.

פאַר׳ן אוועקגעהן האָט די שרייבערקע אוטאָריטעטיש געז־זאָגט צו מיין מיידעל:

— ס׳איז אָלל ראַיט!... ער וועט שוין געבען אייך האָבען אינספּיראַציע!...

און אַרויספאַלענדיג פון קאַפע און אַריינפאַלענדיג אין דער, נאָך איינס אַזייגערדיגער נאַכט אין גאַס, בין איך איינצייטיג אַריינגעפאַלען אין אַן עהרליכער שטימונג, און געגלוסט האָט זיך מיר דורכאויס זאָגען אמת׳ן, אַלע אמת׳ן וואָס זיינען געלעגען ערגעץ אָפּגעלייגט אויף מיין האַרצען האָט זיך געגלוסט אַרויסצור־

געבען, און בתוכם אויך דעם וויכטיגסטען אמת, ס'הייסט דעם וויכטיקסטען וואס וואָלט מעהר פון אַלע וויכטיג געווען פאַר מיין מיידעל, אז... איך בין אין איהר ניט פארליבט... אז איך דרעה איהר גלאַט אַ ספּאַדעק און וויים אַליין ניט צוליב וואָס. איך האָב נאָר אַרויסגעקוקט אויף אַזאַ געלעגענהייט, די געלעגענהייט איז אָבער ניט געקומען און דערפאַר האָב איך ניט געזאָגט מיין מיידעל וואָס מיר האָט זיך אַזוי אין דעם מאָמענט איהר געוואָלט זאָגען... און פאַר דער טיר פון איהר הויז, איידער זי איז אַריין האָב איך געזאָגט צו איהר בקול רם:

— איהר זאָלט לאָזען גריסען פון מיר דעם דיכטער עטראָן!...

געקומען אהיים איז שוין געווען נאָהענט צו צוויי אזייגער, און אַ קוק געגעבען אויפ'ן טינט און פען אויפ'ן טיש, האָט מיך אַ ציה געטאָן צו „זיי", אַזוי ווי ס'גיט אמאָל אַ ציה... צו אַ פרוי מיט וועלכער דו ביזט צוקריגט אָבער טיף אין דיין הארצען איז איינגעבאַקען אַ וואַרעם, ליב געפיהל צו איהר. ניט לאַנג גע־טראַכט האָב איך זיךביים טיש באַזעצט און איינגעטונקען די פען אין טינטער און זי אַנגעשטעלט אויפ'ן פּאַפּיר און געוואָלט אָנשרייבען וואס איך האָב ערשט ניט לאַנג אָנגעשריבען און צע־ריסען... ס'איז אָבער ניט געגאַנגען. אויף דעם אָרט פון יענער זאַך איז אַרויס עפּעס אַ פאַרזעהעניש וואָס איך האָב צעריסען מיט'ן זעלבען אימפּעט ווי איך האָב יענע זאַך צעריסען... האָב איך געוואָלט אָנשרייבען עפּעס אַנדערש, איז מיר אויך ניט גע־גאַנגען...

אפשר אוים!... אפשר שוין?... אפשר האָט יענע זאַך אויך ניט געטויגט?...

יאנואר 21.

געוואָלט פאַרטזעצען די פאַרצייכענונגען פון דער ערש־טער באַקאַנטשאַפט מיט מיין מיידעל און דערציהען ביז די איצטיגע דאַטומס און מיט מיין איצטיגער באַקאַנטשאַפט און

פיהרונג מיט איהר, איך מוז אָבער אין מיטען איבעררייסען, ווייל ס'איז מיר צוגעפאלען אַן אויסערגעוועהנליכער און אומ־ערוואַרטעטער צופאַל, אַזעלכער וואָס מיר האָט זיך אפילו אין חלום ניט גע'חלומ'ט, און מיין מיינונג איז, אז דאָס איז דאָס אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטעל (אַלענפאלס, פאַר מיר) אין מיין טאָג־בוך...

געקומען אהיים אין אָווענט, אין מיין איינציםערדיגער היים וואָס איך האַלט אַן ביי פּרעמדע, אומבאַקאַנטע מענשען, האָב איך אויף מיין טיש געטראָפען אַ דרינגענדיגען בריף פון איינעם אַן עלטערען, באַוואוסטען און פּאָפּולערען שריפטשטעלער, איך זאָל צושיקען „עפּעס" פאַר דעם חודש זשורנאַל, וואָס ער קלייבט זיך ארויסצוגעבען מיט אייגענע כוחות...

„מיט אייגענע כוחות" מיינט, באַקומען „זאכען" אומזיסט און באַקומען ביי נדבנים געלט אויף דעם זשורנאַל... דאָס איז זיין מעטאָד פון ארויסגעבען ביכער פון צייט צו צייט...

פאַרהאַן נאָך בריות פאַר אזעלכע „אונטערנעמונגען", אָבער דער עלטערער, באַוואוסטער שריפטשטעלער, וועגען וועלכען עס רעדט זיך דאָ, איז אַ באַזונדער בריה אויף אַזעלכע זאכען... ביי איהם אז ער נעמט זיך אונטער ארויסצוגעבען אַ פּעריאָ־דישע אויסגאַבע, איז „געהט עס" אַ פּאָר יאָהר, כאָטש געהן געהט עס ניט... אָבער דאָס איז ניט וויכטיג... וויכטיג איז, וואָס איך האָב באַקומען אַן איינלאַדונג מיטצואַרבייטען אין דעם זשורנאַל, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס שוין דריי יאָהר צייט אז מיין נאָמען האָט ניט אָנגעקוקט די ליכטיגע שיין.

מילא פון שיקען איהם עפּעס איז אָפּגערעדט... איך ווייס נאָר ניט, וואָס זאָל איך איהם ענטפערען אויף זיין בריף, צי איך זאָל גאָר אינגאַנצען ניט ענטפערען... א סברא, אז ער און אַנדערע צו איהם, ווייסען ניט, אז איך בין אינגאַנצען אַוועק פון זיי און פון שרייבען, צי זיי מאַכען זיך ניט ווייסענדיג; אָדער ער און אַנדערע מיינען אז דאָס איז בלויז אַן אָנשטעל... האָב

איך איהם דאָך אַליין, אַז דעם זעלבען שריפטשטעלער, פון וועמען איך האָב באקומען די איינלאַדונג „מיטצואַרבייטען" אין זיין זשורנאַל, האָב איך דאָך איהם אַליין שוין פיל מאָל געזאָגט, אַז איך בין מיך אויף אייביג צוזאַגנגען מיט דער מוזע... האָט ער עס ניט גענומען ערנסט? זעהט אויס! אַנדערש וואָלט ער דאָך מיך ניט איינגעלאַדען אַלס מיטאַרבייטער פאַר זיין זשורנאַל, וואָס ער קלייבט זיך אַרויסצוגעבען.

נאָך אַ לאַנגען ישוב־הדעת האָב איך זיך אַוועקגעזעצט און איהם אָנגעשריבען אַ בריף אין וועלכען איך האָב איהם באַדאַנקט פאַר דעם כבוד וואָס ער האָט מיר אָנגעטאָן מיט זיין איינלאַדען מיך פאַר אַ מיטאַרבייטער פאַר דעם זשורנאַל, וואָס ער קלייבט זיך אַרויסצוגעבען. צום באַדויערען אָבער מוז איך מיך אָפּזאָגען פון דעם כבוד ווייל... נו, ווייל... איך שרייב ניט... און אזוי דעם בריף פאַרענדיגט:

„איהר ווייסט דאָך, אַז שוין זייט דריי יאָהר, אַז איך האָב זיך געג'גט מיט מיין מוזע.

„מיט דרך ארץ, „ד. הימעלשטיין".

יאַנואַר 22.

גאַנץ פריה, אויפ'ן ניכטערען האַרצען זיך אַריבערגעכאַפּט צום ברודער און איהם דעם בריף געוויזען און געמאַכט אַן אָנשטעל פון אומצופרידענקייט און געזאָגט:

— וואָס וויל מען פון מיר, וואָס... אַז איך שרייב ניט! אַז איך וויל קיין שרייבער ניט זיין...

מיין ברודער האָט ערנסט און אויפמערקזאַם איבערגעלייענט דעם בריף און מיט אַ באַזונדערער אויפגעלייגטקייט אויסגערופען:

— זעהסטו שוין, אַ? זעהסטו, ווי ער בעט זיך ביי דיר... אבי דו זאָגסט נאָך, אַז... אַט פאָלג מיר, שרייב עפּעס אָן און שיק איהם צו.

— אָ, נאָו... דאָס וועט קיינמאָל ניט זיין...

— נו, טאָ שיק איהם צו די זאַכען, וואָס דו האָסט, די דריי עסייען דיינע...

איך האָב מיך סאַרקאַסטיש צעלאַכט:

— וואָס הייסט, דער עולם וועט דאָך מיינען אז איך האָב זיי ערשט אָנגעשריבען...

— איז וואָס אַרט עס דיר?

און איך האָב איהם אָוועקגעשטעלט אַזאַ פראַגע:

— זאָג נאָר, ברודערקע, דו ווייסט ניט פאַר וואָס איך האָב אוועקגעוואָרפען שרייבען?

— ניין, איך ווייס ניט...

— ניין, דו ווייסט יאָ, נאָר דו מאַכסט זיך ניט וויסענדיג, דו האָסט ערגעץ דאָרטען ביי זיך אַזאַ פאָרשטעלונג, אַז אויב דו וועסט זיך מאַכען ניט וויסענדיג, וועל איך אַליין אויך אויפ־הערען צו וויסען פאַר וואָס איך האָב געוואָרפען די פען און וועל מיך... אָדער דו ווילסט, ברודערקע, מיט דיין ניט וויסענדיג זיך מאַכען, מיר געבען צו פיהלען, אַז די סבות, פאַר וואָס איך האָב אויפגעהערט צו שרייבען זיינען אַזעלכע ניט וויכטיגע, אַז דו געדענקסט זיי אפילו ניט, אַז דו האָסט אינגאַנצען פארגעסען וועגען וואָס ס'האַנדעלט זיך... יאָ, דאָס איז דיין זאַך... איך אָבער קען ניט פארגעסען און, והא ראיה, איך שרייב ניט... דו מיינסט אודאי אז ס'איז ביי מיר אַלץ איינס, יאָ שרייבען און ניט שרייבען, אַ? זאָג איך דיר, אַז דאָס ניט שרייבען מיינס קאָסט מיך זעהר פיל געזונד און לעבען... אָבער, ס'איז אַלץ נאָך בעסער... ווי... נו, ס'איז שוין גענוג גערעדט געווען וועגען דעם...

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט מיין שוועגערין, וואָס איז געזעסען אין זיידענעם מאָרגען־ראָק ביים טיש און געגעסען „גרייפ־פרוט" מיט אַזאַ פאַזע, ווי זי וואָלט געוועזן די ערשטע, וואָס האָט זיך דערטראַכט, אַז אויפ'ן גיכטערען האַרצען איז בעסער

צו עסען „גרייפפרוט" איידער טרינקען טיי, ווי מ'האָט עס ביז אהער געמיינט...

— וואָס טויג דיר, מארטין? שוין דריי יאָהר... ווי פיל איז שוין, אז דו האלטסט אין איין איהם איינריידען, „שרייב, שרייב, שרייב"...

מיין ברודער האָט אָפּגעשטרעקט פון זיך א האנד און געזאָגט:

— דזשעני, לאָז דאָס צו מיר!...

— אָבער ס'קריכט מיר שוין פונ'ם האלדז!... ווען זיי קומען זיך צונויף, ועסטו ווייטער און אָבער און ווידער הערען — ווייטער שרייבען און ווידער שרייבען... דער זאָגט, אז ער זאָל יאָ שרייבען, און דער שרייט אין איין קול, אז ער וויל ניט! כ'ווייס, דאָרטען, צי ער קען ניט... קרעפּלעך ווערען דאָך אויך צוגעגעסען...

מיין ברודער האָט אויף איהר א ווײלע געקוקט מיט פארדרוס און פאראכטונג, און האָט פּלוצים אויסגעשריען:

— אז דו ווייסט דאָך ניט, אז דו הויבסט ניט אָן צו וויסען וואָס פאר א טאלאנט אין איהם געהט פארלוירען... ווען דו וואָלסט כאָטש איין ביסעלע דאָס געוואוסט, וואָלסטו אזוי ניט גערעדט... פּונקט ווי דו ווייסט ניט וואָס ער האָט געשריבען, אזוי ווייסטו ניט, פאר וואָס ער האָט אויפגעהערט צו שרייבען. ווען דו וואָלסט געוואוסט... פארשטעהסט, וואָלסטו פארשטאנען.

און גאָר פּלוצים זיך געווענדעט צו מיר:

— און אפשר איז זי טאַקע גערעכט. ס'איז טאַקע פון מיר א גרויסע נארישקייט... ווען איינער, למשל, זעהט, אז איינער שטויסט וואַסער אין א שטויסעל, דארף ער פארשטעהן, אז ער האָט דאָ פאר זיך א ניט־נאָרמאלען מענשען. און פון אזעלכען וואָלט געווען נאָך מעהר אומנאָרמאל, ווען ער וואָלט איהם, אָט דעם וואַסער־שטויסער גענומען ערקלערען, אז... צווישען אונז ביידע איז אייגענטליך די זעלבע

מעשה, דו שטויסט וואסער אין א שטויסעל, און איך, דער צוויי־טער משוגענער, וויל דיר שוין גאנצע דריי יאָהר דערווייזען, אז דו שטויסט וואסער... יאָ, זי איז זעהר גערעכט... ס׳וואָלט שוין פאר דיר, און איינציייטיג פאר מיר, — ס׳וואָלט פאר אונז ביידען פיל גלייכער געווען ווען דו וואָלסט בעסער געהאט א פיצעל, א ברעקעל טאלאנטעלע, וואָלסטו ניט געהאט אָט די קאפריזען דיינע... בעסער צו זיין א קליין שרייבער׳ל און שרייבען, איידער א גרויסער און ניט שרייבען.

ער האָט ארויסגעזאָגט דאָס, וואָס איך אייגענטליך האָב שוין ניט איינמאָל געטראכט וועגען דעם. און דאָ האָב איך מיך אָן איבעריג מאָל איבערצייגט, אז בכדי צו פארשטעהן א מענשען איז נאָך ווינציג צו זיין קלוג... מיט חכמה בלויז וועסטו צו יענעם אין הארצען ניט אריינקריכען. ס׳מוז נאָך זיין דערצו א פארוואנדשאפט אין בלוט... פון מיין ברודער׳ס ווערטער, וואָס האָבען געטראפען אין פונקט אריין, האָב איך מיר ערקונדיגט, אז קיין מענש אין דער וועלט, מעג ער זיין דער גרעסטער חכם, קען דיך אזוי ניט פארשטעהן, ווי אנ׳אייגען־בלוטיגער, ווען ער באזיצט, פארשטעהט זיך, דעם געהעריגען פארשטאנד...

אָנגענומען איהם פאר א האנט און א ציה געטאָן צו זיך און צוריקגעשטויסען, האָב איך געזאָגט צו איהם:

— איך וועל מאכען ביי דיר אָן אונטערזוכונג, ברודער־לעבען... מיר דאכט זיך, אז בנסתרים מוזטו אמאָל אונטערזינ־דיגען מיט דער פען... ווייל א פשוט׳ער בשר ודם וואָלט ניט גע־קענט זאָגען אָט דאָס, וואָס דו האָסט דאָ געזאָגט וועגען מיר...

און שפעטער א ווײלע צוגעגעבען:

— כ׳וויים ניט... דערווייל ווייס איך נאָך גאָרניט... מיר וועלען זעהן... דערווייל ווייס איך, אז איך האָב נאָכאמאָל גע־וואָלט אָנשרייבען די זעלבע זאך, וואָס איך האָב צעריסען. איז מיר ניט געגאנגען... איך וועל זעהן, וואָס דער עלטערער קאָלעגע מיינער וועט מיר ענטפערען אויף מיין בריף...

### 23. יאַנואַר

איך האָב נאָך ניט קיין ענטפער פונ'ם שריפטשטעלער, הגם איך קען מיר ניט אָפּגעבען קיין רעכענונג, וואס פאר א בריף איך ערוואַרט פון איהם, נאָכדעם וואס איך האָב מיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פון מיטצואַרבייטען אין זיין חודש זשורנאַל, אָנגעבענדיג אזא וויכטיגען (און אפשר ניט וויכטיגען) מאָטיוו, אז איך שרייב ניט און שרייב ניט דערפאַר, וואָס איך האָב אַוועקגעוואָרפען שרייבען. און דאָך קוק איך אַזוי אומגעדולדיג ארויס אויף אַן ענטפער...

דאָס איז אַלעס וואָס איך האָב פון דעם טאָג צו פאַרצייכענען (איך מיין פון דאָס וויכטיגסטע) און אַזוי ווי צו שלאָפען געהן איז נאָך פריה, וועל איך טאקע אויסנוצען די געלעגענהייט און וועל פאַרצייכענען אַן אינטערעסאַנטען עפּיזאָד מיט מיין מיידעל, דאָס איז געווען:

### 24. דעצעמבער

איך האָב ביי מיין מיידעל אין „פּאַרלאָר", אויפ'ן פירעקיגען לעננליכען טישעל דערזעהן אַנ'אַלבום און, ווי דער שטייגער פון א פרעמדען, וואָס הויבט אָן היימיש צו ווערען, האָב איך געעפענט דעם שווער־פּלושיגען טאָוועל און גלייך האָט זיך מיר אַ וואָרף געטאָן אין די אויגען אַ געשריבען גערדיכט אין ווייסע פערזען און אונטען האָב איך דערזעהן אונטערגעשריבען: „עטראָן"!

— איך זעה דאָס ערשט דאָס ערשטע מאָל ביי אייך!

— דאָס האָב איך געקראָגען א פּרעזענט! — האָט מיין מיידעל מיט צופרידענקייט געענטפערט.

— ניט דאָס... איך מיין דאָס גערדיכט!

— דעם אַלבום אויך! — האָט זי מיט אַ באַריהמערישען טאָן געענטפערט.

—... א, זעהט איהר? — האָב איך זיך אָפּגערופען — איך האָב באַלד פאַרשטאַנען: אויב ער געהט שוין אריין א פּאָר חדשים צייט צו אייער פריינדינע און ער געהט נאָך אַלץ צו איהר, איז דאָס שוין צוליב אייך, און ניט צוליב דער פריינדינע. — און נאָך א קורצער פּויזע צוגעגעבען: — מילא, דאָס געדיכט, ווי דאָס געדיכט. אָבער דעם אַלבום וואָס ער האָט אייך געשענקט!...

מיין מיידעל האָט תמימות'דיג געענטפערט, אז פאַרקערט, אז ביי איהר איז דער עיקר טייער דאָס געדיכט, וואָס ער האָט איהר דאָ אָנגעשריבען:

— אַנ'אַלבום קריגט מען דאָך צו קויפען!

— און איך מיין, אז וויכטיגער איז דוקא דער אַלבום... און וואָס אנבאַלאַנגט דעם געדיכט וואָס ער האָט אייך אויף איהם אָנגעשריבען, איז ער ניט קיין גרויסער מפונק אין אזעלכע זאַכען... ער איז לייכט אויף דער פּען... פאַרקערט, ער איז נאָך דאַנק־באַר, אז ער קריגט אזעלכע געלעגענהייטען... אויב איהר ווילט, קען ער אייך געהן פון הויז־צו־הויז און ווער וואו ביי וועמען ס'איז דאָ אַנ'אַלבום וועט ער דאָרטען „אַוועקלייגען" זיין „געדיכטע־ניש"... דער פּאָר, זאָג איך, איז דאָס געדיכט דוקא ניט וויכטיג... וויכטיג איז טאַקע דער אַלבום! — און נאָך א קורצער פּויזע צוגעגעבען: — זאָל זיין אין א גוטער, מזל'דיגער שעה!...

דאָס מיידעל האָט געבלאָנדזשעט אויף מיין פּנים מיט איהרע מיידעלשע, און איינציייטיג, שטילע, רוהיגע אויגען, קענטיג גע־וואָלט דערגעהן וואָס אונטער אָט דעם געזאָגטען שטעקט. און ס'איז אויך געווען צו באמערקען, אז זי פיהלט זיך אביסעלע פאַרווירט...

— איך האָב איהם ניט געקאָנט אָפּזאָגען! — האָט זי זיך פאַרענטפערט פאַר מיר. און אין א ווייַלע, שוין גאָר מעשה פּקח'טע, צוגעגעבען: — ווען דאָרטען וואָלט ניט געווען אָנ־געשריבען די ליד, וואָלט איך איהם געווען געקענט אָפּזאָגען, נאָר

ער האָט מיר גלייך צוגעטראָגען דעם אַלבום מיט'ן צועפּענטען טאָוועל...

— וואו, טאַקע ביי דער פריינדינע? — האָב איך איהר איבערגעשלאָגען אין מיטען.

— יעס, ביי מיין פריינדינע.

און איך האָב, נאָך אַ לענגערער פּויזע, געזאָגט צו איהר:

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען וואס איך האָב עס אייך געזאָגט...

— וואָס?

— כ'מיין, אָט דאָס אָ, אַז ער קען יעדען איינעם, ווער עס זאָל עס נאָר בעטען ביי איהם, אָנשרייבען אַ ליד צום „געדע־בעניש".

— ס'אַרט מיך ניט, אַז אַזוי! — האָט דאָס מיידעל צווישען די צייהן געענטפערט, און אין אַ ווײַלע אַרום אַ מורמעל געטאָן:

— יאָ, אָבער דער אַלבום איז דאָך עפּעס ווערט!

און ס'האָט ביי מיר קיין צעהן רגע'ס ניט גענומען, ווי ס'איז מיר עפּעס איינגעפאַלען און איך האָב עס איהר גלייך געזאָגט. אָט דאָס וואָס מיר איז איינגעפאַלען:

— ... יאָ, ווירקליך, ווען־זשע, ווען ער וואָלט דעם אַלבום האָבען געקויפט...

דאָס מיידעל האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר פראַגע־צייכענס:

— וואָס מיינט איהר?

— ער אַרבייט אין אַ פאַבריקע, וואו מ'מאַכט זיי, אָט די אַלבאָמען...

— נו?

— וואָס־זשע פאַרשטעהט איהר דו ניט?... קאָסט עס איהם קיין געלט ניט...

דאָס מיידעל איז שוין מיידעלש אַמביציעז געוואָרען. זי האָט שוין מיט שטורעם ביי מיר אַ פרעג געטאָן:

— איהר ווילט זאָגען, אַז ער האָט איהם גע'גנב'עט?

— אָ, ניין!... ווען ס׳וואָלט געהאַלטען דערביי, וואָלט איך שוין ליבערשט איהם באַשולדיגט אין גנבה׳נען פּרעמדע לידער... אָבער אַזוי ווי דאָס איז ניט מיין זאַך, ווייל איך באַלאַנג שוין ניט צו דעם פאַך, איז לאָז איך עס איבער פאַר אַנדערע... און וואָס אַנבאַלאַנגט דעם אַלבום, מיין איך ניט, אַז ער האָט איהם גע׳גנב׳עט... ווען ער וואָלט געקראַגען פאַר איהם באַצאָהלט, וואָלט עס געהייסען גנבה, נאָר אַזוי ווי ער האָט איהם גענומען לא על מנת לקבל פרס, איז מיינט עס, אַז ער האָט איהם דאַרטען „גענומען” און ניט גע׳גנבעט...

מיין מיידעל איז שוין, קענטיג, אמת׳דיג אריין אין גרימ־צאָרען:

— זעהט איהר, און איך האָב נאָך איהם נאָך קיינמאָל ניט געהערט ריידען אַ שלעכט וואָרט אויף אייך!

— וואָס? פאַר וואָס זאָל ער יא ריידען? וואָס איז, איך בין דען אַ שרייבער?..

— טאָ פאַר וואָס־זשע רעדט איהר אויף איהם, אַז איהר זענט קיין שרייבער ניט?

פאַרשטאַנען דעם עסק, אַז יענער האַלט מיך פאַר אַזאַ גאָרניט, אַז ער געפינט אפילו ניט פאַר נויטיג וועגען מיר אַ שלעכט וואָרט צו לאָזען פאַלען, פונקט ווי מ׳איז זיך נוהג מיט אַ געשטאָרבענעם, און דאָס האָט אויפגעקאָכט אין מיר דאָס בלוט מיינס, און ניט זעהענדיג קיין אויסגאַנג ווי אַרום אויסצו־גיסען אָט דעם צאָרען מיינעם, האָב איך אנ׳עפען געטאָן דעם טאָ־וועל און אויף אַ הויכען קול גענומען דעקלאַמירען דאָס געדיכט זיינס:

### וועלטען.

וועלט!!!
די וועלט איז גרויס!
הימעל!!!
ערד!!!

ערד איז וועלט!
און הימעל איז וועלט!
צוויי וועלטען אין —
איינער!!!!
א סך, א סך וועלטען אין —
איינער!!!
וועלטען און וועלטעלעך.
אין די —
מיליע מיליאָנען!
ווייל יעדעס פליגעלע,
יעדעס ווערימעל איז פאר זיך —
א וועלט!
יעדעס גרעזעלע,
יעדער בוים און בוימעלע — וועלטען!!!
וועלטען אָהן א שיעור!!!
און איך, מענש, נעם איין אין זיך פון די אלע —
וועלטען, איך בין דער מושל —
איך בין דער שר!
איך קען חרוב מאַכען וועלטען און פארניכטען —
א וואָרעם אין א באר...

— גרויסארטיג!! פשוט געניאל!! — האָב איך אויס־געשריגען מיט'ן זעלבען פאַפּוס, ווי איך האָב דאָס געדיכט גע־לייענט...

— אפשר ניט? — האָט דאָס מיידעל מיט אקידער־ווידער טאָן א פרעג געטאָן.

— זעהר גוט!... גוט איז ווינציג... גרויס, גרויסארטיג, געניאל.

— נו, לאָמיר זעהן, אז איהר וועט אָנשרייבען עפּעס בע־סערס? — האָט דאָס מיידעל א זאָג געטאָן מיט א פרעגעלע.

— איהר זענט אזוי שטארק זיכער, אז איך וואָלט נים געקענט?

— נו, לאָמיר זעהן! — און זי האָט גלייך געטאָן א מיש איבער א בלאַט פון אלבום און אוועקגעשטעלט צוויי פינגער מיט דעם מיין איך זאָל דאָרטען עפּעס אָנשרייבען...

— נו, איהר מוזט דאָך פארשטעהן, אז דאָס איז אוממעג־ליך...

— וואָס?

— דער אלבאָם איז דאָך זיינער!... און דערצו נאָך...

— וואָס?

— . . . ניט זיינער...

— אָבער דאָס איז אַלץ ניט וויכטיג, — האָב איך נאָך א לאנגער פויזע געזאָגט... דאָס שפּאס איך מיר גלאט. דער עיקר'שט איז אָט וואָס: ווי אזוי וועט איהר קענען וויסען ווע־מעם ליד ס'איז בעסער, מיינע צי זיינע?

א סארקאסטיש שמייכעלע האָט זיך צוגאָסען אויף איהרע לי־פּען און ס'איז קענטיג געווען, אז עפּעס האָט זי מיר צו זאגען און האַלט זיך אָפּ...

— אויף אייערע ליפּען העננט עפּעס א זאָגעכץ — האָב איך צו איהר געזאָגט, און אין א ווייַלע ארום צוגעגעבען:

— איך מיין ניט, אז איהר זענט ניט קיין מבנת אויף אזעלכע זאַכען, נאָר איך מיין, אז אייער פּאָזיציע צווישען אונזביידען איז אזעלכע, אז ווי אייך זאָל זיך ניט דאכטען, אז איהר זענט נייטראַל, וועט איהר עס ניט קענען זיין... עס איז אבסאָלוט אָפּהענגיג אין דעם...

— יא, נו, לאָמיר הערען! — האָט זי מיט ציעקאוועקייט אָפּ־„גע'מזמור'ט", און איך האָב אין א ווייַלע ארום אויף א עכט דיפּ־לאָמאטישען און קונציגען אופן זיך אזוי אויסגעדרעהט:

— . . . איהר וואָלט געקענט בלויז אין יענעם פאַל זיין

נייטראַל, ווען איהר וואָלט צו אונז ביידען איין געפיהל גע־פיהלט... אויב אָבער איהר פיהלט צו איינעם פון אונז ביידע עפּעס מעהר ווי צום צווייטען פון אונז, קענט איהר שוין ביי אייער בעסטען ווילען נייטראַל ניט זיין... איהר וועט זיכער זיין, אַז דאָס געדיכט פון יענעם, צו וועמען דאָס האַרץ אייערס ציהט אייך שטאַרקער, וועט איהר זיכער זיין אַז יענעמס געדיכט איז דאָס בעסערע.. אַלזאָ, איך בין גרייט שוין צוליב דעם צוועק אַליין ערפילען דעם פאַרלאַנג אייערען און וועל דאָ אָנשרייבען צו אייער „געדרעבעניש" אַ געדיכט, און מיר וועלען זעהן...

ביי די לעצטע ווערטער האָב איך אַרויסגעכאַפּט מיין „פאָנטאַן־פּען" און האָב מיך שוין מכין געווען עפּעס אָנצושריי־בען. דאָ האָט זיך גאָר פּלוצים אוועקגעלייגט אַ האַנט מיט פינ־גער אויפ'ן בלאַט, וואו איך האָב געוואָלט דאָס געדיכט אָנשריי־בען.

— איהר ווילט שוין ניט?... איהר האָט דאָך נאָר וואָס אַליין געוואָלט.

זי האָט ניט געענטפערט און איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען מיט דער פּען אין האַנט און ס'איז מיר אַזוי געפעלען געווען די שפּיל מיינע. איך האָב ממש אַנגעקוואָלען פון דער סיטואַציע... אויף לעצט האָב איך אַ מורמעל געטאָן:

— נו, טאָ לאָזט מיך, וועל איך אונטערשרייבען אונטער זיין געדיכט „אַ קעי".

זי האָט מיך אָנגעקוקט און איך האָב פאַרענדיגט די שפּיל מיט פאָלגענדע ווערטער:

— . . . איך וועל אונטערשרייבען מיין נאָמען... שור! אַנדערש וועט מען מיינען אַז ער אַליין האָט אויף זיך אָנגעשריי־בען אַט די הסכמה, אַז בעסער קען עס שוין ניט זיין.

יאנואר 23.

באקומען אנ׳ענטפער אויף מיין בריף, איך זאָל זעהן אָהן א שום תירוץ עפּעס צושיקען. און ווייטער שרייבט ער, אז מיין טענה, וואָס איך טענה אז איך שרייב ניט, איז קיין טענה ניט און ער פרעגט: „פאַרוואָס עפּעס שרייבט איהר ניט?״ און אויב ער זאָל מיר שוין אפילו גלויבען, אז איך שרייב ניט, איז ווי געשיקט זיך עס, אז ביי מיר פאַרוואַלגערט זיך ניט ערגעץ א פּאָר זאכען פון די צייטען וואָס איך האָב יאָ געשריבען! און ער ברענגט דערצו אזא משל:

„ביי א בעדער, אפילו אין יאָהרען ארום נאָכדעם וואס ער איז אויס בעדער געוואָרען, קען מען נאָך אַלץ געפינען ביי איהם א בעזעמעל אויף זיך אָפּצושמייסען... געשיקט זיך אז ביי אייך האָט זיך ערגעץ ניט פאַרוואַלגערט א פּאָר זאכען?... און אויב ניט, זעצט זיך אַוועק און שרייבט אָן!

אָבער דאָס אלעס איז גארניט אנטקעגען דעם, וואָס ער זאָגט מיר צו האָנאָראַר...

„איך בין אַפילו אייך גרייט צו צאָהלען האָנאָראָר פאר אייער זאך, וואָס איהר וועט מיר צושיקען, וואָס פאר א זאך ס׳זאָל ניט זיין.״

„מיט קאָלעגיאלען גרוס,

„א נ י   ה ג ב ר״.

וואָס איז דאָס? א סברא אז דער חברה־מאַן וויל מיך נעמען אויף דער „האַצקע״. נו, גוט, איך וויים, ער קען זיצענדיג אין קאַפּע צורופען איינעם, וואָס ער האָט אָקאָרשט אָפּגעדרוקט א ניט־דרוקבאר געדיכט, אָדער ערצעהלונג, און איהם זאָגען, אז ס׳איז געניאַל. און אַזוי גלייך ווי יענער דרעהט זיך אָפּ, זאָל ער א שמייכעל טאָן אונטער די וואָנצעס. און באמערקענדיג די פאַרוואונדערונג וואָס ליגט אויסגעגאָסען אויף די פּנים׳ער פון די

קאָלעגען, וואָס האָבען דעם קאָמפּלימענט געהערט, ווערט ער ערנסט און זאָגט:

— וואָס דען, אַזוי ווי איהר, שלעכטע מענשען?... איהר פאַרגינט ניט... פאַר וואָס זאָל מען אַ מענשען און אַ קאָלעגע דערצו ניט זאָגען אַ גוט וואָרט?...

נו, גוט. דאָס איז נאָך פאַרשטענדליך. ווען איינער שרייבט און דרוקט און קומט אָן אויף די אויגען נאָך אַן אָקאָרשט אָפּגעדרוקטער זאַך, אָבער וואָס וויל ער פון מיין לעבען האָבען? זאָל עס שוין אַזוי וויט דערגעהן ביי איהם אָט דער ספּאָרט צו גוטסקייט, אַז ער וויל זיך אַזש צו מיר דערלאַנגען? צו מיר, צו איינעם אַזעלכען, וואָס איז אַנטלאָפען פון זייער מחנה און וואָס האָט איינגאַנצען געוואָרפען דאָס שרייבען?... ניין, עפּעס גלויבט זיך ניט. איז וואָס זשע דען? קומט דאָך אויס, אַז ער מיינט עס ערנסט (אויב ער מיינט ניט קיין שפּאָס)? איז דאָך אָבער צוריק די זעלבע מעשה, ווען ער וואָלט ווירקליך אַזוי שטאַרק געהאַלטען פון מיר, וואָלט ער ערשט דעמאָלט אויפגעהערט פון מיר צו האַלטען. איך ווייס דאָך, אַז ער האַלט נאָר (מאַכט בלויז אַן אָנשטעל אַז ער האַלט) פון גאַרנישטען, נאָר פאַר אַזעלכע האָט ער פולע כאַליעוועס מיט קאָמפּלימענטען, און האַלט ער באמת פון איינעם, איז ער שוין גאַנץ קאַרג אויף גוטע ווערטער, סיידען אַז דער יעניגער פון וועמען ער האַלט, האַלט פון איהם אויך, און זאָגט איהם שבחים פאַר זיינע „זאַכען"...

מיר איז אין דעם פאַל שוין ניט וויכטיג, צי וועל איך ווערען זיין מיטאַרבייטער צי ניט. מיר איז אין דעם מאָמענט וויכטיג, ווי וויט ערנסט אָט דער „בחור" איז.

עס בלייבט ביי מיר איין זאַך צו טאָן: איהם אָנשרייבען אַ בריף און איהם זאָגען, אַז אויב ער וויל ביי מיר האָבען אַ „זאַך" זאָל ער מיר צושיקען פאָראויס דעם האָנאָראַר און נאָכדעם...

„חשוב'ער קאָלעגע אני הגבר!

„אויב איהר ווילט פון מיר האָבען אַ „זאַך," וועל איך אייך

בעטען איהר זאָלט מיר פאַראוים צושיקען דעם האָנאָראַר וועלכען איהר זאָגט מיר צו צו צאָהלען אין אייער צווייטען בריף.

„מיט גרוים דרך ארץ,

„ד. הימעלשיין".

יאַנואר 25.

הגם איך האָב דעם ערשטען טאָג נאָך מיין אוועקגעשיקטען בריף נים געקאָנט ערוואַרטען קיין ענטפער, דאָך האָב איך אַ גאַנצען טאָג געלעבט ווי אין פיבער און איך האָב מיר אין ערגעץ קיין פּלאַץ ניט געקענט געפינען, און אין אווענד בין איך אוועק צו מיין מיידעל, און אַזוי ווי מיר איז שוין פון יענעם יאָהר, ס'הייסט פון אַ פּאָר וואָכען פריהער, ניט געבליבען קיין וויכטיגעס צו פאַרצייכענען פון מיינע באַגעגענישען מיט איהר, קען איך שוין דערפאַר צוטרעטען צום היינטיגען דאַטום און וועל שוין קענען אָנגעהן כראָנאָלאָגיש מיט מיין טאָג־בוך.

ווען איך בין אריינגעקומען דאָס מאָל צו מיין מיידעל, האָב איך גלייך דערפיהלט גאָר אַנ'אַדער אַטמאָספערע ארום זיך... ערשטענס האָט זי דאָס מאָל ניט צערוקט די פאָרהאַנגען וואָס האָבען אָפּגעטיילט „אונזער פּאַרלאָר" פון עס־צימער; צווייטענס האָב איך אין איהר אַליין דערזעהן גאָר אַנ'אַנדערע... איך האָב גלייך באַמערקט אין איהר, אַז עפּעס איז זי מונטערער, פרעה־ליכער און אויפגעלייגטער און אין איהר קוק האָב איך באַמערקט מעהר פריינדליכקייט און מעהר אינטימקייט ווי ביז דעם מאָל... אָבער ניט אין איהר אַליין האָב איך אָט די ענדערונג דערפיהלט נאָר אפילו אין די מיטגלידער פון איהר הויז־געזונד... ס'האָט ניט גענומען קיין צעהן מינוט נאָך מיין אריינקומען ווי איך האָב פון הינטער'ן פאָרהאַנג דערהערט איהר מוטער'ס קול:

— נעמי!

און ווען מיין מיידעל האָט אַ רוק געטאָן אין אַ זייט דעם פאָרהאַנג האָט די מוטער איהרע געפרעגט ביי איהר, קוקענדיג מיט גוטע, גלעטענדיגע אויגען אויף מיר:

— אפשר וויל מיסטער הימעלשיין אַ גלאָז טיי?

איך האָב שוין פיל מאָל געזעהן דאָס מאמעלע איהרס, און בלויז ביים ערשטען מאָל וואס איך האָב זי דערזעהן האָט מיך איבערראשט איהר קליינער וואוקס. איצט, אַ דאנק דעם, וואס זי איז געשטאַנען ביי דעם ברייטען און הויכען פאַרנעם פון דעם פאָרהאַנג, האָט זי מיר איצט אויסגעזעהן נאָך קלענער ווי דאָס ערשטע מאָל און זי האָט געמאכט אויף מיר אַנ'איינדרוק, אַז זי איז אַ מאַמע פון אַזוי פיל קינדער אויף קאַטאָוועס... איך האָב געהאַט דעם איינדרוק אַז אָט דאָס מאמעלע איז בלויז צוליב מאַמע־שפּיל אַ מאַמע...

— העללאָו! — האָט זי געזאָגט צו מיר, נאָכדעם ווי זי האָט געפרעגט ביי דער טאָכטער צי איך וויל טיי, און געזאָגט האָט זי דעם העללאָו מיט אַזא טאָן, ווי זי וואָלט מיך נאָר וואס דער־זעהן...

אָבער סיי ווי, אַזוי צי אַזוי, האָב איך געזעהן אַז דאָס מאַ־מעלע איז צופרידען מיט מיר, איז צופרידען וואס איך, אַזעלכער עקזיסטיר, און צופרידען פון דער מעגליכקייט אַז אַ דאנק מיין עקזיסטענץ וואָס איך עקזיסטיר, איז צו האָפען אַז די טאָכטער זאָל דורך מיר קריגען אַ חתן...

— וואָס מאכט איהר?

— אָלל ראיט! וואָס זאָל מען מאכען? אַ דאנק!

דאָ האָבען זיך אָנגעיאָגט דאָס גאַנצע קינדערשע פאַרמעגעץ איהרס, אַזעלכע פּיצלאַך און דאַר'לאַך, און געזעהן זיי ארום דער מוטער האָט זיך ניט געגלויבט, אַז דאָס איז די מאַמע זייערע, נאָר אַז זי... האָט זיך צעפּיצעלט, אויף קליין און קלענערס פון זיך... אַז זיי, די קינדער, זיינען שוועסטער און ברידער צו דער מאַמען, שוועסטער און ברידער צו איהר קליינקייט און

וואוקסיגער נישטיגקייט... נאָך ביי דער ערשטער באַקאַנט־שאַפט, ווען מיין מיידעל האָט מיך צו זיך אין הויז אריינגעפיהרט און האָט מיך מיט אַט דאָס מאַמעלע איהרס באַקענט, איז מיר איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז דאָס נישטיגע מאַמעלע קען אַמאָל זיין אַ שטער צו אַ שידוך פאַר אַ קינד...

דאָס מאַמעלע האָט איינצייטיג ווי די קינדער האָבען זיך אָנ־געהויבען אריינצוזאָגען, האָט זי זיי אָנגעהויבען אָפּצוטרייבען פון זיך און ניט אַזוי פון זיך ווי פון „פּאַרלאָר", און ניט אַזוי פון „פּאַרלאָר", ווי פון אונז, פון דער טאָכטער און פון מיר, וואָס איז געקומען צו דער טאָכטער, זיי זאָלען אונז ניט שטערען... זי האָט זיי איינס נאָך דאָס אַנדערע געוואָרפען. נאָר אַזוי ווי קליינ־וואַרג האָט איהר ניט געהערט און זיך צוריקגעוויזען, האָט זי גאָר פּלוצים אויסגעשריען:

— הערי!

דאָ איז אַריינגעקומען בכבודו ובעצמו דער עלטסטער זוהן, דאָס עלטסטע קינד, און חברה קליינוואַרג זיינען זיך צולאָפען פאַר איהם ווי פאַר אַ טאַטען... און נאָך זיי גלייך איז די מאַ־מע אויך אַוועק, דערפאַר איז ער אַליין „הערי", שוין פאַרבליבען דאָ מיט אונז און פאַרלייגט מיט מיר אַ שמועס ווי מיט אַנ'אַלטען באַקאַנטען, הגם ער זעהט מיך ערשט דאָס צווייטע מאָל... אין דעם געשפּרעך האָב איך זיך דערוואוסט פון איהם אַז ער איז אַ סטודענט פון „קאָלאָמביאַ", אַז ער לערענט „פאַר זשוירנאַליסט", אַז ער איז אַ סטודענט פון קאָלאָמביאַ אוניווערזיטעט האָב איך שוין געוואוסט פון דעם ברודער'ס שוועסטער, אָבער וואָס ער לערענט דאָרטען האָט זי מיר ניט דערצעהלט, און איך בין גע־ווען זיכער, אַז ער שטודירט אויף דאָקטאָר, און דאָס מיידעל, מיין מיידעל, זיין שוועסטער, האָט קענטיג געוואָלט אַז איך זאָל דאָס מיינען... מסתמא איז ביי איהר אַ דאָקטאָר אַ העכערע מדרגה פון אַ זשורנאַליסט. און דעם אמת געזאָגט, האָב איך אַליין בעת מעשה ניט געוואוסט, צי איז ער געפאַלען אין מיינע אויגען, צי

ניט. איין זאַך, וואָס איך האָב יאָ געוואוסט אויף זיכער איז, אַז ער איז מיר דערמיט נעהנטער געוואָרען. אָבער ווען ער האָט ביי מיר אַ פרעג געטאָן אין וועלכען „פּייפּער" איך שרייב, האָב איך גלייך געענטפערט:

— איך שרייב ניט!

ער האָט געוואָרפען אויף מיר אַ ניט־פארשטענדליכען בליק און געפרעגט:

— אָ, איצט שרייבט איהר ניט?

— קיינמאָל ניט! איך האָב קיינמאָל ניט געשריבען!...

דער ברודער האָט אַ קער געטאָן דער שוועסטער מיט אַ בליק. די שוועסטער האָט אַ צעמישטען בליק געוואָרפען אויף מיר. און איך קען מיר ניט פאָרשטעלען ווי נאָך מעהר צעמישטער אַ מענש קען אַ קוק טאָן אויף איינעם, וואָס וואַקסט פּלוצים אויס מיט אַ מעסער אנטקעגען זיין האלדז... און ס'האָט מיר באמת גע־שניטען דאָס הארץ פאַר איהר... וואס איך זאָל דאַרטען ניט האָ־בען געפיהלט צו איהר, האָב איך עס איהר ניט געדאַרפט טאָן... ווען איך וואָלט ניט געווען אזוי עהרגייציג, עגאָאיסטיש, וואָלט איך געווען געקענט אַ טראַכט טאָן, אז מסתמא האָט זיך די שוועסטער באריהמט פאַר'ן ברודער, אז איך בין אַ שרייבער...

אַ לאַנגע, אומענדליך לאנגע פּויזע... און אייביגקייט, האָט זיך מיר געדאכט, ציהט זיך פון שוויגעניש און ווארגעניש פון שווייגען... און איך האָב מיר די גאנצע צייט געבראָכען דעם מוח און ניט געפונען גאָרניט עפּעס אַזעלכעס מיט וואָס איך זאָל קענען ראַטעווען אָט די סיטואַציע... ווען איך וואָלט גע־וואוסט, אז ס'וועט עפּעס העלפען בין איך גרייט געווען צו זאָ־גען אַז איך בין געווען און בין דער גרעסטער שרייבער אין דער וועלט...

— איהר האָט דאָך יאָ געשריבען, וואָס זאָגט איהר אַז ניט?

— איז מיין מיידעל מיט איינגעהאלטענעם צאָרען אָנגעפאלען אויף מיר.

— יאָ... וואָס קומט אַרויס? — האָב איך זיך פון מיין זייט אָפּגערופן, ניט קריגענדיג צו דער האַנד עפּעס אַנדערש צו זאָגן.

— וואָס מיינט עס? — האָט דער ברודער־סטודענט גע־פרעגט, און איך האָב גלייך געענטפערט:

— איהר פאַרשטעהט, די געשיכטע איז אַזאַ: ביי אונז איז דאָ צעהנדליגער, אויב טאַקע ניט הונדערטער, שרייבער וואָס יעדער איינער האַלט זיך פאַר אַ גאון... נו, האָב איך זיך אויך פאַר אַזעלכען געהאַלטען און האַלט מיך נאָך איצט אויך... אויף יעדען שריט און טריט טרעפּסטו זיך אָן מיט גאונים... האָב איך מיר אַזוי געטראַכט צו זיך: אויב אַפילו דו האָסט ניט קיין טעות, ווי אַלע איבעריגע פון דיינע קאָלעגען, אויב דו ביזט טאַקע אַ גאון, איז טאַקע דער ווערטאָג נאָך גרעסער וואָס אַזעלכע גאָר־נישטען האַלטען זיך גרעסער פון דיר... צו וואָס באמת די גאַנצע גאונות אַז מ'קען מיינען אַז מ'איז אַ גאון דאָס ניט זייענדיג...

— האָט איהר דערפאַר געוואָרפען שרייבען?

— שטעלט זיך פאַר!... און אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבען:

— אָט קען איך איינעם אַ דיכטער... אייער שוועסטער קען איהם אויך... וועגען דעם דיכטער איז נאָך קיין איין וואָרט ניט געשרי־בען געוואָרען. איז, דאַכט זיך, על פי פשוט'ן שכל, וואָלט זיך איינער אַזעלכער געדאַרפט פיהלען שלעכט. ניין, פיהלט ער זיך דוקא גוט. טאַקע מיט דעם, וואָס קיינער האָט נאָך וועגען איהם קיין וואָרט ניט געשריבען. זיין טענה איז אַזעלכע:

ער שרייבט שוין אַזוי פיל יאָהרען (הגם ער רעכענט זיך צווישען די יונגע) און האָט שוין אַזוי פיל אָנגעשריבען. איז דאָס דען מעגליך, אַז דאָס אַלעס וואָס ער האָט פאַר אַזוי פיל יאָהרען אָנגעשריבען זאָל ניט טויגען? קען עס דאָך ניט זיין... איז דרינגט ער דערפון אַרויס, אַז ס'איז שוין צו גוט, גאָר גוט, אַזוי וויט גוט, אַז... ניטאָ!... נאָך ניט געבוירען געוואָרען דער קריטיקער, וואָס זאָל פאַרשטעהן זיינע ווערק...

נאָך א לענגערער פויזע האָט מיין מיידעל׳ס ברודער גע־פרעגט:

— איהר האָט שוין געדרוקט?

— נו, זיכער, אנדערש וואָלט קיין זינען ניט געהאַט מיין אוועקוואַרפען שרייבען...

נאָך איהם אָבער, נאָך מיין מיידעל׳ס ברודער, איז דאָס אויסגעקומען פונקט פאַרקערט: אז אוועקוואַרפען שרייבען האָט בלויז דעמאָלט א זין, ווען מ׳קריגט ניט קיין „קאָסטאָמער" אויף די אָנגעשריבענע זאכען...

— און אז מ׳וויל אייך דרוקען, פאַרשטעה איך טאקע ניט...

— און ווי וואָלט איהר שוין ניט פאַרשטאַנען יענע, וואָס שרייבען שוין יאָהרען לאַנג, און שרייבען ווייטער, ניט קוקענ־דיג אויף דעם, וואָס זיי זיינען נאָך אין ערגעץ ניט געדרוקט געוואָרען?

— דאָס איז גראַפאָמאַניע!

— נו, און אז מ׳דרוקט שוין, קען מען ניט זיין קיין גראַ־פאָמאַן?

— יעס! דאָס איז אויך ריכטיג!...

— הגם איך פאַרשטעה ניט, פאַר וואָס האָט מען גראַד גע־קרוינט די טאַלאַנטלאָזיגקייט מיט׳ן נאָמען „גראַפאָמאַן"? „גראַ־פאָמאַניע" פאַרמאָגט יעדער שרייבער, א גרעסערער צי א קלע־נערער... אויב ס׳איז געמאָלט אז איינעם זאָל עס „מאַניען" צו שרייבען און ער זאָל קיין ברעקעל טאַלאַנט ניט האָבען, דערפאַר איז שוין אָבער אוממעגליך, אז א באַגאַבטער שרייבער זאָל ניט האָבען קיין מאַניע צו שרייבען...

דער „ברודער" האָט געמאַכט א פנים אז ער פאַרשטעהט מיך, איך האָב אָבער דערקענט אז ס׳איז „געמאַכט", און אז מאַכען מאַכט ער עס ווייל ער האָט שוין דאַרטען זיין מיינונג וועגען מיר אז איך קען ניט שרייבען און אז דערפאַר האָב איך

געוואָרפען דאָס שרייבען און דערפאר בין איך בייז און אויפגע־רעגט אויף אַלע מיינע קאָלעגען... אָבער איך האָב שוין גאָרניט געקענט מאַכען. פארפאַלען. אַליין ארייננגעוואָרפען אַ שטיין אין גאָרטען און קען איהם פון דאָרטען ניט אַרויסשלעפען.

איך האָב פון גרויס אויפרעגונג געוואָלט אין מיטען דרינען אוועקלויפען פון הויז און איך וואָלט עס אפשר געווען געטאָן אויך, נאָר אין דעם מאָמענט האט זיך שטורעמדיג די טיר פון גאַס אין „פארלאָר" אָנ'עפען אויף געטאָן און ס'האָט זיך געטאָן אַ יאָג אריין מיט אַ פאָהר־אריין אַ ברודער'ל איהרס אויף „ראָלער־סקייטס". זיין אריינפאָהר מיט די רעדלאך האט אָנגעמאכט אזא גערודער און אזא געפילדער, עס האָט זיך געדאכט, אז אין הויז אריין האָט זיך אריינגעריסען אַ שטיקעל־גאַס פון גאַס, אז פון די פיל מאַשינען און רעדלאך, וואָס לויפען און יאָגען אין די גאַסען, איז אַהער דאָ אין הויז אריין אריינגעפאָהרען אַ מאַ־שינדעל אין מענשען־געשטאַלט... און אזוי גלייך ווי ער האָט געטאָן אַ פאָהר־אריין מיט די אייזענס און רעדלאך האָט איהם דער עלטערער ברודער אַ כאַפּ געטאָן אונטען ביים קאָלנער און האָט איהם געגעבען אַ שטויס־אָפּ פון זיך אין עס־צימער אריין און דאָרטען, אזוי גלייך ווי ער איז אריינגעפאָהרען אזוי גלייך האָט זיך פון דאָרטען דערהערט אַ פאַל מיט אַ געוויין...

יאנואר 26.

באַקומען אַ „ספּעשעל דעליווערי" מיט אַ טשעק אויף פינף און צוואַנציג דאָלאר און אַ בריוועלע דערביי.

„טייערער היעמלשיין!

„ווי איהר זעהט, שיק איך אייך דאָ אַ טשעק אויף פינף־און צוואַנציג דאָלאר און שיקט מיר גלייך עפּעס ארויס, ווייל איך וויל אייך האָבען אין ערשטען נומער.

„מיט פריינדליכען גרוס, „אני הגבר".

און ניט נאָר איך, נאָר איך מיין, אַז אפילו ווען דעם דיכ־טער עטראָן וואָלט אַזאַ סיורפּריז געטראָפען, וואלט ער אויך גע־ווען איבערראשט. איך זאָג „איהם" און ניט קיין אַנדער שריי־בער, דערפאר ווייל אזוי האַלטען ווי דער האַלט פון זיך, איז גאָר קיין גלייכען צו איהם ניטאָ, און פון דעסטוועגען בין איך זי־כער, אַז ווען מיט איהם וואָלט אַזעלכעס געטראָפען, וואָלט ער געוועזן ניט ווינציגער איבערראַשט ווי איך...

ניט די פינף און צוואנציג דאָלאר אָן און פאר זיך האָבען מיך צעטומעלט. ווען איך וואָלט אַזאַ סומע געלט אין גאַס גע־פונען וואָלט עס ביי מיר געווען אַ קנאַפּע גדולה, ווייל ניט ס'פעהלט מיר געלט און ניט איך בין אַ אוהב בצע. עס האַנדעלט זיך בלויז וועגען דעם פאר וואָס איך האָב די געלט באַקומען און ווער ס'האָט זיי מיר צוגעשיקט. אָט אין וואָס עס האַנדעלט זיך...

יאָ, איז וואָס וועל איך יעצט טאָן? אָט, ווען איך וואָלט גע־האַט די ערצעהלונג, וואָס איך האָב צוריק מיט עטליכע וואָכען אָנ־געשריבען און צעריסען וואָלט איך... קען איך איהם דאָך צושיקען די דריי עסייען מיינע, וואס ליגען ביים ברודער... נו, מיינט עס דען ניט, אַז איך האָב שוין געבראָכען מיין נדר? צי שרייב איך דען ניט דערפאר, וואָס איך וויל ניט שרייבען? איך האָב עס דאָך געוואָרפען דערפאר, ווייל איך וויל ניט דרוקען...

איך בין גלייך אַוועקגעלאָפען צו מיין ברודער און אריינ־קומענדיג צו איהם אין הויז האָב איך איהם גאָרניט געזאָגט, ער אָבער האָט געקוקט אויף מיר מיט אַזעלכע פארשולדיגטע, שמייכ־לענדיגע און נייגעריגע אויגען...

— עפּעס האָסטו מיר צו זאָגען! — האָט ער געזאָגט צו מיר, נאָך אַ לענגערער פּויזע...

— איך דיר?... און מיר דאַכט זיך, אַז דו ווילסט מיר עפּעס זאָגען.

און ער האָט זיך אריינגעזעצט אין וויג־שטול אריין און זיך אַ שאָקעל געטאָן אויף הין און צוריק און אַ ציה־געטאָן דעם

גרויסען, דיקען ציגאַר, האָט זיך ביי איהם איין אויג צוגעמאַכט. און הגם דאָס איז געווען נאַטירליך, אַז פונ׳ם רויך וואָס האָט זיך געשלענגעלט פונ׳ם ציגאַר גלייך אין אויג אַריין זאָל זיך דאָס אויג צומאַכען, אָבער אַנ׳איינדרוק האָב איך פאָרט געהאַט, אַז מיין ברודער האָט אַ שטיק ביטערקייט מיט׳ן אויג צומאַכעניש אַריינגעמאַכט אין זיך, און איך האָב מיך זעהר ניט באַקוועם גע־פיהלט. און אַט די ניט־באַקוועמליכקייט האָט אַזוי ווייט דער־לאַנגט, אַז איך האָב שוין ניט געהאַט קיין שליטה איבער זיך צו נעמען און באַווייזען איהם דעם בריף מיט׳ן טשעק, צוליב וואָס איך בין ספּעציעל געקומען.

— נו, וואָס הערט מען עפּעס גוטס?...

און וועלענדיג איהם באַווייזען, אַז סיי דער בריף און סיי דער טשעק האָט ביי מיר קיין ווערט ניט, האָב איך דיביידע „דאָקומענטען” וואָס האָבען געזאָלט איבערצייגען מיין ברודער אין מיין גרויסקייט (הגם ער האָט עס געוואוסט, אָבער מיר האָט זיך געדאַכט אַז וויפיל ער ווייסט, ווייסט ער נאָך אַלץ ניט גע־נוג) איבערגעגעבען מיין ברודער.

ער האָט זיך גלייך אויפגעהערט צו וויגען און אַ צענעם געטאָן דאָס צונויפגעוויקעלטע בריוועלע, און אין אַ ווייලע אַרום מיט פּאָמפּע אויסגערופען:

— נו, זעהסטו שוין, אַ?

איך האָב געשוויגען און ער האָט זיך געטאָן אַ הויב־אויף פון דער וויג־שטול און ביי מיר אַ פרעג געטאָן:

— נו, וואָס קלעהרסטו איצט צו טאָן?

— איך וועל מיך מוזען ענטשולדיגען פאַר איהם...

— וואָס מיינסטו?

— איך מיין, אַז דער טשעק וועט מוזען געהן צוריק...

— צוריק? פאַר וואָס עפּעס צוריק? — האָט מיין ברו־דער מיט אַנ׳אומעט אין פרעגען געפרעגט...

— וואָס פרעגסטו פאַר וואָס? צי מיינסטו, אַז איך בין

די גאַנצע צייט געזעסען און בלויז אַרויסגעקוקט אַז ער זאָל מיך „אונטערשמירען" מיט פינף און צוואַנציג דאָלאַר, איז ברעך איך שוין דעם פּרינציפּ מיינעם... נאָו, סער!... דער פינף־און־צוואַנציגער וועט פליהען צוריק... איך שרייב ניט!

מיין ברודער האָט זיך האַמוטנע אַראָפּגעלאָזט אין וויג־שטול און אַזוי גלייך ווי ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט האָט ער זיך צע־וויגט און צערויכערט און אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעגאָסען אַ שווערער און שטייפער אומעט, און נאָך אַ לענגערער פּויזע האָט ער, ווי עס איז קענטיג געווען, איינגאַנצען אַדורכגעזאַפּטער מיט פאַרדרוס און וועהטאָג, געזאָגט:

— וועגען דעם ביזטו איצט געקומען?...

איך האָב מיט איהם גרויס מיטלייד געהאַט און גענומען פאַר־גלעטען דעם עגמת נפש וואָס איך האָב איהם פאַרשאַפט:

— אַז איך פאַרשטעה ניט און הויב ניט אָן צו פאַרשטעהן, ווי אַזוי האָט ער מיר געקענט צושיקען פינף און צוואַנציג דאָ־לאַר... ס'איז עפּעס נאָך מעהר ווי אויסערגעוועהנליך... אַז איך פאַרשטעה ניט וואָס דאָ טוט זיך...

— . . . און איך פאַרשטעה יאָ!

— וואָס פאַרשטעהסטו?

— אויף וויפיל איך קען איהם און אויף וויפיל איך האָב וועגען זיינעטוועגען געהערט, איז ער זעהר אַ נאָבעלער מאַן...

— יאַ, אפילו ווען דאָס אַלעס וואָלט געווען אמת...

— זעהסטו דאָך!

און געזאָגט די ווערטער, ניט געקוקט מיר אין די אויגען, און זיך אויפגעהויבען פון שטול, עפּעס ווי אויך צוליב דעם, כדי זיך אויספּעהלען מיט מיין בליק... און האָט זיך אַרומגע־דרעהט עפּעס אַזוי ניט אַהער און ניט אַהין, אין די ווינקלען זיך געריבען און זיך געזייטיגט פון מיר, און אָהן־אויפהער געצויגען דעם ציגאַר... אויף לעצט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אָפּגע־טרייסעלט אין דער אַש'ניצע דעם אַש פון ציגאַר האָט ער גע־

זאָגט צו מיר, קוקענדיג דערביי אויף דער מלאכה וואס ער האָט געטאָן:

— איך מיין, אז דו וואָלסט זיך דערווייל בעדארפט אָפּ־זאָגן...

— וואָס מיינסטו ?

— . . . איך מיין, אז דאָס בעסטע וואָלט געווען ווען דו זאָלסט זיך זעהן מיט איהם פּערזענליך.

— יע... דאָס יא... איך האָב אויך געטראַכט וועגען דעם...

— און אויב דיר איז דאָס שווער, וועלען מיר מאַכען אזוי, אז אויפ'ן אָרט וואָס דער בארג זאָל געהן צו מאַכמאַד'ען וועלען מיר מאַכען ער זאָל געהן צו דיר...

— צו מיר ? וואס מיינסטו, צו מיר ?...

— איך מיין ניט דירעקט צו דיר...

און אַ ציה געטאָן דעם ציגאַר, געזאָגט אז אזוי ווי מ'קלייבט זיך דאָ ביי איהם מאַכען אַ „פּאַרע", איז וועט ער פאַרבעטען אָט דעם שריפטשטעלער אויף אָט דער ליאַמע, און...

— און ס'וועט זיין אַ כשר'ער לעפעל און אַ כשר'ער טאָפּ... ס'וועט ניט הייסען, אז ער איז געקומען צו דיר און ניט דו צו איהם, און דאָ וועסטו מיט איהם וועגען אַלץ איבערשמועסען...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ ליאַמע ? גאָר פּלוצים — האָט איך געפרעגט ביי מיין ברודער.

ער האָט מיר געענטפערט צווישען די צייהן, אז דאָס איז ניט וויכטיג, נאָר אז איך בין צוגעשטאַנען צו איהם, האָט ער מיר געזאָגט, אז ערשטענס ווערט פינף יאָהר נאָך זיין חתונה, און צווייטענס ווערט צו דער זעלבער צייט זיין ווייב, מיין שוועגערין, אנ'אימעניניצע" (געבורטסטאָג).

— יאָ, אָבער דאָס וועט דאָך נעמען צייט !...

מיין ברודער האָט מיר געענטפערט און געפרעגט, אז ערש־

טענס, פון וואנעט ווייס איך, אז דאָס וועט נעמען פיל צייט און, בכלל:

— וואָס האָסטו קיין צייט ניט?... דו האָסט דאָך איהם אין די הענט, ניט ער דיך... נו, זאָל ער זיך זאָרגען!...

— יאָ... איך פארשטעה פון דעסטוועגען ניט... איז געהסטו איהם ספּעציעל צוליב דעם אליין פארבעטען אהערצו?

— צוליב דעם, צוליב יענעם... איך האָב איהם אזוי אויך געוואָלט איינלאָדען.. וואס מיינסטו, אז דערפאַר וואָס דו ביזט געווארען אוים שרייבער דארף איך זיך אויפהערען צו קענען מיט איהם? ער איז דאָ גאָרניט שולדיג... איך מיין, אז ס'איז דיר דאָ קיינער ניט שולדיג, נאָר דו אליין...

— יע, קענסט זיך טאָן וואָס דו ווילסט — האָב איך געזאָגט צו מיין ברודער, — נאָר איין זאַך נעם איך מיט דיר אוים, אז אין מיין נאָמען זאָלסטו איהם ניט בעטען...

מיין ברודער האָט געזאָגט, אז ס'איז רעכט פאר איהם אזוי אויך און איינצייטיג אויסגעדריקט זיין פארוואונדערונג, וואָס איך בין געגען דעם ער זאָל בעטען אָט דעם שריפטשטעלער צו זיך אויך אין מיין נאָמען. איך האָב איהם געענטפערט, אז איך וויל עס ניט דערפאר, ווייל זיי די שרייבער, האָבען אזא שוואכקייט, אז זיי וועלען גערען געהן אין וואָס פאר א הויז ס'ניט איז, געהען זיי אָבער צו א אינגערען און צו א קלענערען שרייבער פון זיך, מיינען זיי אז זיי טוען איהם אָן דעם גרעסטען כבוד...

— איז דערפאר וויל איך ניט!...

מיין ברודער האָט זיך אוועקגעשטעלט אין מיטען צימער, פארלייגט די הענט אויף די ברוסט, און אזוי שמייכלענדיג און גוטמוטיג צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געזאָגט:

— וואָס טוט מען מיט דיר, א?

דאָ זיינען אריינגעקומען צוויי ווייבלאַך, מיין שוועגערין און מיין שוועגערינס שוועגערין, ביידע איינגעהילט אין שווארצע גלאַנציגע פוטערס און ביידע אזעלכע פארפלאַמטע פון קאַלטען

דרויסען... און מערקווירדיג, זייער אריינקומען אין הויז האט מיך דערמאנט אז מיר וואלט שוין צייט געווען אוועקצוגעהן, און אזוי גלייך טאקע ווי איך האב מיך באגריסט מיט די דאמען האב איך געזאגט:

— נו, איך געה!

— קיין אינגערם פון אייך זאל ניט אוועקגעהן! — האט מיין שוועגערין'ס שוועגערין מיט באהאלטענעם פארדרוס גע־זאגט.

— מיט גוואלד וועל איך אייך ניט צוהאלטען, — האט מיין שוועגערין מיט א טאן פון באליידיגונג צוגעמורמעלט.

— ער געהט נאך ניט! — האט מיין ברודער פון זיין זייט באמערקט.

דערווייל זיינען ביידע דאמען געשטאנען אין די פוטערס, קענטיג אז ביידע זיינען אריינגעקומען לפי שעה, נאר דערזעהענדיג מיך, איז מיין שוועגערין גרייט געווען אין הויז צו פארבליי־בען.

מיין ברודער איז צוגעגאנגען צו מיין שוועגערין'ס שווע־גערין און געוואלט פון איהר אראפנעמען דעם פוטער, זי אבער, ווי זי וואלט נאר געווארט אויף דער געלעגענהייט, האט זיך קא־קעטיש געגעבען א דרעה־אוועק און זיך געטאן א גליטש אוים פון זיינע הענד און פון דעם דרעה איז ארוים א דרעהענדיג טענ־צעל. נאכהער האט זי זיך געטאן א נעם איין אינ'ם פוטער און אזוי שטייף, אז עס האבען ארויסגעשטארצט די קאנטורען פון איהר שלאנקען קערפער, און פארנייגענדיג זיך האט זי געזאגט:

— גרענד מערסי!

איך האב פארשטאנען, אז ווייל דאס בלייבען איהרם וואלט פארשטאנען געווארען, אז ס'איז צוליב מיר, אז דערפאר אליין וועט זי שוין דא ניט פארבלייבען... אזוי זיינען זיי, יענע, די לייכטזיניגע ווייבלאך אז זיי ווערען געגען איינעם פארביטערט, ווייל ער האט פארבייגעלאזט מיט גלייכגילטיגקייט זייער לייכט־

זיניגקייט, ווערען זיי אזוי האַרט און עקשנות׳דיג, אז זיי װעלען שוין פאַר אזעלכע די מינדעסטע זאַך ניט נאָכגעבען...

יא, זי האָט מיר פילע מאָל כמעט ווי געגעבען אָנצוהערע־נישען אז איך קען פאַרפיהרען מיט איהר א ראָמאַן. איך אָבער, האָב זיך ניט וויסענדיג געמאכט, ניט געוואָלט נעמען אויף זיך אָט די התחיבות׳ן... פון פראַקטיק ווייס איך, אז אויב דו פיהרסט א ראָמאַן מיט א פאַרהייראַטער פרוי, איז אַחוץ וואָס דו ביזט איהר אַ שטענדיגער בעל חוב פאַר איהר „ליבע", איז ביסטו אַ דאָפּעלטער בעל חוב דערפאַר וואָס זי פאַרראַט דעם מאַן איהרען...

יאנואר 28.

איך האָב שוין אָבער קיין געדולד ניט געהאַט ביז וואַנעט מיין ברודער וועט אַמאָל די „פּאַדע" זיינע מאכען. איך האָב פריהער געוואָלט זיך זעהן מיט דעם שריפטשטעלער, וואָס הויבט אָן ארויסצוגעבען דעם חודש זשורנאַל און געוואָלט ביי איהם אויסגעפינען, וואָס איז דאָס די מעשה מיט׳ן פינף און צוואַנציג דאָלאַרדיגען האָנאָראַר וואָס ער האָט מיר אַזוי עקסטרא צוגעשיקט.

געוואוסט, אַז מ׳קען איהם אַלע טאָג טרעפען אין דער ליטע־ראַרישער קאַפע, האָב איך מיך טאַקע אַהינצו אַוועקגעלאָזט, און אַ פּאָר „בלאַק" פון קאַפע האָב איך איהם באַגעגענט, קענ־טיג געהענדיג פון דאָרטען... איין זאַך איז אָבער ניט גוט גע־ווען, וואָס ער איז ניט געגאַנגען אַליין, וואָס ער איז געגאַנגען מיט זיין שטענדיגען באַגלייטער, מיט׳ן דיכטער עטראָן. און אַזוי גלייך, ווי זיי האָבען מיך דערזעהען האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט און מיך באַגריסט:

— העללאָ, הימעלשיין!

און גלייך נאָך איהם דער צווייטער:

— העללאָ, הימעלשיין!

זיי זיינען געגאַנגען געשלאָסען איינער נעבען אנדערען ווי... צוויי „איינס'ן", פון וועלכע ס'קען קיינמאָל קיין „צוויי" ניט ווערען, ווייל... „2" איז דאָך שוין אויבעט איינס... אויף זייערע פנים'ער איז געווען צו זעהן, אז הגם ביידע געהען אזוי געשלאָסען איינס אין דאָס אנדערע, זיינען זיי דאָך צוויי באַזונדערע מענשען... אי פאַר וואָס עפּעס אזא צוזאַמענקייט? ווייל מ'האַלט איינס פון צווייטען, און דער עיקר, דער עלטערער פון דעם אינגערען... דער אינגערער פונ'ם עלטערע'ן האַלט אויבעט... אָבער נאָר דערפאַר, ווייל דער עלטערער האַלט פון איהם... אין דעם אליין זעהט ער איין, דער אינגערער, אז דער עלטערער איז א גרויסער קינסטלער...

א דאַנק דעם האַלט מען זיך אַלע מאָל צוזאַמען, וואו איינער, דאָרטען איז דער צווייטער...

און אפילו ווען מ'האָט זיך אָפּגעשטעלט האָט דער עלטערער שריפטשטעלער ניט אַרויסגענומען די האַנט פון דעם אָרים פון דעם אינגערען און קלענערען פון זיך, ווי ער וואָלט געוואָלט באַווייזען פאַר מיר און פאַר דער וועלט (וואָס קען איהם מסתמא), אז ער פיהרט דעם יונגען אין די „יונגע" וועגען אריין... מיט אזוי פיל טעמפּעראַמענט און אזוי פיל אומגעדולד, ווי ער וואָלט נאָר וואָס... יונג געוואָרען... ווי ערשט נאָר וואָס וואָלט זיך אין איהם אריינגעכאַפּט דאָס יונגע לעבען.

יאָ, ער איז אַלע מאָל אינגער פון די אינגסטע... ווייל, וואָס? ווייל עפּעס לייט מורמלען, אז ער איז פון די עלטערע... איז דערפאַר אַליין קען ער זיך ניט פאַרגינען דאָס, וואָס א יונגער קען זיך פאַרגינען, סאָלידקייט און שטילקייט. ער מוז כסדר „יונגעווען", מ'זאָל ניט זאָגען אויף איהם אז ער איז אַלט...

אין זייער געהן פאַרשטאַנען, אז זיי געהען ערגעץ נעמען אַבי־סעלע משקה, און אין זייער האַלטען זיך פאַרשטאַנען אז זיי זיינען גערען אַרויסצואווייזען מ'זאָל דערקענען וואוהין זיי געהען... ווייל אין דעם וואָלט שוין איינצייטיג דערקענט געוואָרען, אז זיי זיינען

ניט אַבי ווער, אַז זיי זיינען קינסטלער, און אַז ניט זיי געהען נעמען אַביסעל משקה, נאָר די קינסטלער וואָס אין זיי...

דער עלטערער איז שוין געווען אויפגעלייגט און ברוזענדיג, וויסענדיג אַז ער וועט דאָרטען, ביים גלעזעל וויין דאָס זיין, איז ער עס שוין געווען באַצייטענס, אָט פונקט ווי ער וואָלט שוין געהאַט אין זיך אַ „כוסה".

— קומט, ס'איז קאַלט! — האָט געזאָגט דער אינגערער,

— און ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ פאַרקעלטערטער... דאָס פנים זיינס האָט אַזאַ אויסזעהן ווי ס'וואָלט קיינמאָל קיין זומער און קיין זון ניט געזעהן... אַ בלאַס, געלבליך פנים, ווי ער וואָלט געהאַט אַמאָל אַ גרויסען דערשרעק... יאַ, און די אויגען זיינע זעהען אויכעט אוים ווי איבערגעשראָקענע...

— אָט האַסטו אָ, אַ יונגענמאַן, איהם איז קאַלט... פאַר וואָס איז מיר ניט קאַלט, אַ? — האָט געזאָגט צו איהם און געפרעגט ביי איהם דער עלטערער שריפטשטעלער...

— מ'ווייסט שוין! — האָט דער אינגערער געזאָגט קאַפּריזנע און אומגעדולדיג. — מ'ווייסט שוין אַז איהר זענט אינגער פון אלע יונגע... אָבער וואָס בין איך שולדיג, מיר איז קאַלט צו שטעהן!...

און ס'איז געווען צו זעהן, אַז אויך דעם עלטערען איז נעבאַך גוט קאַלט, דאָס פנים זיינס איז געווען אַזוי איינגעצויגען און איינגעשרומפּען און דערפאַר האָט זיך גערדאַכט אַז די וואָנצעס זיינע און די ברעם זיינען געוואָרען גרעסער און געדיכטער ווי אַלע מאָל...

— אפשר וועט איהר אויך מיטגעהן מיט אונז? — האָט דער עלטערער ביי מיר אַ פרעג געטאָן, — קומט, איהר וועט זיך אַביסעלע דערוואַרעמען, דערפרישען... אַ קינסטלער מוז נעמען פון צייט צו צייט אַביסעלע משקה, דאָס מונטערט איהם אויף, דאָס רעגט איהם אָן... און טאַקע אַלס הויפט-מיטאַרבייטער אין מיין חודש זשורנאַל וואָס איך הויב אָן אַרויסצוגעבען...

— איך האָב טאַקע וואָס צו ריידען מיט אייך וועגען דעם — האָב איך געזאָגט.

— גוט! — האָט ער אויסגערופען — וועלען מיר טאַקע דאָרטען ריידען...

איך האָב אָבער לגמרי קיין חשק ניט געהאַט צו ריידען אין דער געגענוואַרט פון אַ צווייטער פּערזאָן און געמוזט איינהאַמע־ווען דעם אומגעדולד מיינעם און נאָך אַ לענגערען יושב־הדעת האָב איך געזאָגט:

— מיר וועלען דאָס שוין אָפּלייגען אויף אַ צווייטען מאָל... מיין ברודער קלייבט זיך אייך צו פאַרבעטען צו זיך אויף עפּעס אַ ליאַמע... וועלען מיר שוין דאָרטען ריידען וועגען דעם...

— משקה וועט דאָרטען זיין?...

— איך גלויב אַזוי.

— אַ פּאָר שעהנע מיידלאַך?...

— איך מיין אַזוי.

און דאָ האָט דער עלטערער אָנגענומען דעם אינגערען פּאַר אַ האַנד און פאַר'ן אַרבעל און באַפוילעריש, גוט־ברודעריש אויס־געררופען:

— עטראָן, איהר געהט מיט מיר!

דער האָט, מיט אַנשטעל און מיט רעספּעקט צו זיך, גע־זאָגט:

— וואָס הייסט איך וועל געהן, מ'האָט מיך דען געלאַדען?

— וואָס אַרט עס אייך? איהר געהט מיט מיר! איהר בע־דאַרפט קענען דעם ברודער זיינעם. דער ברודער זיינער איז טאַקע אַ שטיקעל בורזשוי, נאָר ער האָט זעהר ליב די אידישע ליטעראַטור און אידישע שרייבער... ער האָט אייך זיכער גע־לייענט און קען דעם נאָמען אייערען...

— נו, נו, מיר'ן שוין זעהן — האָט נאָכדעם געזאָגט דער דיכטער עטראָן און געפרעגט ביי מיר, ווען דאָס וועט זיין...

— מסתמא גאָר אינגיכען, — האָב איך געענטפערט...

— איך וואָלט עס בעדארפט וויסען פריהער, — האָט ער מיט אזא טאָן געזאָגט, ווי ער וואָלט איינגעלאַדען געוואָרען פונ'ם בעל שמחה אליין — איך וואָלט געדארפט וויסען פריהער מיט א פּאָר טעג... ווייל פונקט אין יענעם אווענד קען איך גראָד זיין פארנומען.

— איהר וועט ניט זיין פארנומען, וואָס וועט איהר עפּעס זיין פארנומען, וואָס? — האָט דער עלטערער געפרעגט.

— פון וואַנעט ווייסט איהר, אַז ניט? — האָט דער מיט א פארדרוסיגען טאָן און מיט גרויס רעספּעקט צו זיך אָפּגעצעהלט די ווערטער, — פון וואַנעט ווייסט איהר, אַז איך וועל ניט זיין פארנומען? וואָסי, ס'פעהלען מיר „פּאַדעס", פעהלען מיר?...

— נו, איז וואָס? וועט איהר קומען אביסעל שפּעטער — האָט מיט א געפאַלענעם טאָן איהם גע'עצה'ט דער עלטערער.

— נו, דאָס וועלען מיר שוין זעהן! — האָט דער אינגערער געזאָגט, און אין א ווייל'ע ארום ביי מיר א פרעג געטאָן: — נעכע וועט דאָרטען אויך זיין?

— נעכע?... וואָסער נעכע? נעטי, מיינט איהר?

— זאָל זיין נעטי, פאר אייך, פאר מיר איז זי נעכע... איך האָב גלייך ביי איהר א פרעג געטאָן, ווי אזוי דער נאָמען איהרער איז אין אידיש... ביי מיר געהט עס איינס און צוויי...

און דאָ גלייך נאָכדעם וואָס ער האָט דאָס אָפּגעזאָגט, האָט ער זיך געווענדעט צום עלטערען קאָלעגע:

— ער האָט א שעהן מיידעל, הימעלשיין!...

און דאַכט זיך פון אויבען־אויף איז דאָ גאָרניט פאַרגעקומען, נאָר אָט דער גאָרניט... נו, וואָס א שטייגער, קען זיך שלעכט פיהלען איינער, וואָס פארבייגעהענדיג א פענסטער האָט עמיצענס א האַנד פון פענסטער־ארויס איהם געטאָן א גיס אָפּ מיט אביסעל וואַסער... איך מיין אפילו, מיט ריינע וואַסער, און אָהן א בייזער כונה, און דאָך, וואָס פאר א בייז און באַליידיגט גע־פיהל דאָס רופט ארויס... אין דער לאַגע פונ'ם אָפּגעליאַפּעטען

האָב איך זיך געפּיהלט נאָך דעם וואָס ער האָט זיך אַזוי גלייכ־גילטיג אָפּגעזאָגט די ווערטער: „ער האָט אַ שעהן מיידעל, הימעלשיין", און מיט וואָס פאַר אַ גלייכגילטיגקייט ער האָט עס דערצעהלט וועגען זיין אָהן צערעמאָניעדיג האַלטען זיך צו דער זעלבער. „פאַר אייך, נעטי, פאַר מיר נעבע". ווייל וואָס, ווייל ביי דיר איז זי דאָך מן הסתם אַ גאַנצע מיצאַצע, און ביי מיר? אָט, זעהסטו דאָך, וואָס פאַר אַ ראָלע זי שפּילט ביי מיר, אַז איך זאָג דיר אַליין, אַז זי איז אַ שעהנע, נאָר ביי מיר פאַרנעמט זי קיין אָרט ניט, ווייל שוין דערמיט אַליין, וואָס זי איז דיינע קען זי שוין ביי מיר קיין גרויסען פּלאַץ ניט פאַרנע־מען...

אָט דעם איינדרוק האָב איך פון זיינע עטליכע ווערטער אַרויסגעטראָגען און איך האָב מיך אַזוי שפּל דערפּיהלט... דאָס וואָס איך האָב געוואוסט ביי זיך, אַז זי איז פּונקט אַזוי „מיינע" ווי זי איז זיינע, דאָס האָט ניט געלינדערט דעם פאַרדרוס מיי־נעם. וויכטיג איז וואָס ער האָט עס געמיינט, און ער האָט זיך אַזוי כלאחר־יד'יג גערעדט...

און ווילענדיג איהם באַווייזען, אַז זי איז ביי מיר ניט קיין גרעסערע מיצאַצע ווי ביי איהם, האָב איך צו איהם גע־זאָגט:

— אויב איהר ווילט, קען איך זי אייך ברענגען אויף דער „פּאַדע"...

— ווענעם איז דאָס מיידעל, אייערע צי זיינע? — האָט געפרעגט דער עלטערער קאָלעגע ביים אינגערען, און דער האָט זיך געענטפערט בהאי לישנא:

— איהר הערט דאָך: „נעטי" און „נעבע".

— אָ, וועגען צוויי רעדט איהר? אבי איך האָב געמיינט, אַז איהר רעדט וועגען איינער...

דער אינגערער האָט געקוקט, געשמייכעלט און זיך צע־חכמה'ט:

— . . . ס'איז טאקע איינע... פאר איהם איז זי נעטי, פאר מיר נעבע — און פּלוצים אַ ציה געטאָן אונזביידען:

— קומט, איהר געהט? ס'איז מיר קאַלט!

— וואָסער קאַלט, ווער קאַלט! — האָט זיך אויפ'ן איינגערען אָנגעבייזערט דער עלטערער און איינצייטיג מיך גענומען אונטער'ן אָרים און צו מיר געזאָגט:

— קומט, הימעלשיין! מיר וועלען נעמען אביסעלע משקה, וועט איהר זיך צעווארעמען... הימעלשיין, איהר זענט אַ מאביד עצמו לדעת, איהר הערט, ס'אנ'עולה, אַ גרויסע עולה, זאָג איך אייך... און פון אונז אויך, פון אונז, קאָלעגען, וואָס מיר דערלאָזען דאָס... מ'וואָלט אייך ניט געדאַרפט לאָזען רוהען!

דער יונגער האָט דעם עלטערען אַ שלעפּ געטאָן מיט אומצופרידענקייט און פאָרוואורף:

— דאָ איז אַ פּלאַץ, אין מיט'ן גאס?... קומט אהין, וועט איהר דאַרטען מוסר'ן...

דער עלטערער איז אריינגעפאלען אין דער ראָלע פון אַנ'עלטערען און מיט אַ בייזער אָפּגעשאָקעלט דעם איינגערען:

— איהר זענט אַ שלעכטער מענש... וואָס פארגינט איהר איהם ניט אַ גוט וואָרט, פאַר וואָס... אייך מעג איך כסדר זאָגען גוטע ווערטער.... איך קען אייך איצט אויך זאָגען... אָבער ער איז אויך אַ גרויסער טאלאנט... נו, לאָמיר הערען איהר זאָלט עס איהם זאָגען... וואָס, פאַר וואָס ניט... פאַר וואָס גע־פין איך פאר אַלעמען אַ גוט וואָרט...

דאָ האָט זיך דער דיכטער עטראָן אָנגעהויבען אָפּצושאַרען און אָוועקגעהן, איך האָב עס גלייך באמערקט, נאָר דער עלטערער שריפטשטעלער האָט עס ערשט באמערקט ווען יענער האָט זיך שוין געהאַט אָפּגערוקט אויף עטליכע שפּאַן פון אונז.

— עטראָן, וואוהין געהט איהר?

און דאָ ערשט האָט יענער גענומען שטעלען פיס. דער שריפטשטעלער אני הגבר האָט מיך פעסט אונטערגעאָרימט און

גענומען מיט מיר נאָכיאָגען דעם פּליט וואָס האָט זיך קענטיג אָנגע׳ברוגז׳ט פאר דער פּאָרציע מוסר, וואָס דער האָט אין איהם אריינגעפּומפּעט.

איך האָב מיך געפיהלט אזוי מאָדנע נאָכשפּאַנענדיג דעם שפּאַן און נאָכגעהן דעם אָניאָג, וואָס דער האָט געוואָלט יענעם אָניאָגען. איך האָב דאָך יענעם ניט בעדארפט און ניט געקלערט צו געהן מיט זיי, אהין דארטען וואוהין זיי האָבען זיך געקליבען צו געהן... און דאָך בין איך נאָכגעגאנגען דעם האסטיגען שפּאַן־גאנג, וואָס דער האָט געמאכט נאָך יענעם, פּונקט ווי איך וואָלט אויך געווען פּאראינטערעסירט יענעם צו דעריאָגען..

— עטראַן, עטראַן! משוגע׳נער, וואוהין לויפט איהר, וואו — האָט איהם נאָכגעשריגען נאָכשפּאַנענדיג איהם דער שריפטשטע־לער אני הגבר.

און יענער? אינ׳ם האלדז און נאקען האָט מען גע־קענט דערקענען דעם רוגז און דעם אָנשטעל פון רוגז און אפילו אין דער האלב־רונדקייט פון די אויערען האָט זיך געלאָזט דער־קענען אמביציע און רוגז...

— משוגע׳נער! — האָט דער עלטערער נאָכגעשריגען דעם אינגערען איבער דער גאַס.

דער יונגער האָט זיך געלאָזט אָניאָגען, ס׳הייסט ס׳איז קענ־טיג געווען, אז ער האָט זיך לכתחילה געלאָזט אוועקגעהן מיט אזא גאנג, אז ס׳זאָל מעגליך זיין איהם צו דעריאָגען. און אויסגע־קומען איז, אז ניט נאָר ער אליין, אני הגבר, האָט זיך נאָך איהם נאָכגעאגט און איהם געכאפּט, נאָר גאנצע צוויי יאגען זיך נאָך איהם נאָך.

— וואָס זענט איהר אנטלאָפען, משוגענער?... — האָט דער עלטערער געשריגען. מיר לויפען אייך נאָך... מיר שרייען: עטראַן! און איהר קוקט זיך ניט אום... וואָס, איך האָב אייך באליידיגט? אי, געהט שוין געהט! נו, קומט, נו...

ווילענדיג ניט ווילענדיג בין איך מיטגעגאנגען מיט זיי אַ

שטיק וועג און ווען מ׳האָט שוין געהאַלטען ניט ווייט פון פּלאַץ, וואוהין זיי זיינען געגאַנגען, האָב איך מיך עקשנותדיג אפּגע־שטעלט מיט אַ האַרטען באַשלוס ווייטער מיט זיי אַ טראָט ניט צו מאַכען.

ס׳האָט פּאַמעליכקע שטיל און ווייס געשנייט, מיט אומעט פון ווייסקייט. די פּוכקע שנייעלאַך האָבען פּאַמעליכקע גענידערט אַראָפּ, אַראָפּ, ווי מיט מורא פאַר דער הינטערשטקייט: אָט, אָט, וועט עס אַראָפּפאַלען, זיך איינגעצען און ניט בלייבען... אויף די טראָטואַרען און אויף די געפלאַסטערטע גאַסען איז קיין סימן ניט געווען פון שניי, עס איז נאָר געווען נאַס און בלאָטיג. דערפאַר האָט זיך דער שניי צו מענשען צוגעקלעפּט און זיך געהאַלטען און זיך געלאָזט אַרומטראָגען אויף קעפּ און אויף אַקסלען און פון צייט צו צייט האָט זיך דורכגעטראַגען אַ מאַשין מיט אַ ווייס דעכעל... ס׳איז געווען אַזוי אומעטיג אין גאַס פון די שטיקער ווייסקייט וואָס מענשען און מאַשינעס האָבען מיט זיך געטראַגען אין דער צייט ווען הינטען איז געווען אַזוי שוואַרץ און בלאָטיג... עס האָט זיך געדאַכט, אַז צוויי אינדרויסענס זיינען דאָ... איינער אַן אונטערשטער און איינער אַן אויבערש־טער... אויבען אַ ווינטערדיגער דרויסען, און אונטען עפּעס אַ שוואַרצע, נאַסע וויסטיגקייט וואָס איז ניט ווינטער און ניט זומער..

אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר „בלאָק" האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און גלייך מיט׳ן אָפּשטעלען זיך האָב איך זיך גענומען פאַרענט־פערען פאַר מיין אָפּשטעהן פון זיי.

— וואָסי, איהר געהט טאַקע ניט? — האָט מיט פאַרוואונ־דערונג געפרעגט ביי מיר דער שריפטשטעלער אני הגבר, און אין זיין שטימע איז קענטיג געווען, אַז ער פרעגט עס ביי מיר מיט ניט דרייסטקייט, ווי ער וואָלט זיך געשעמט פאַר דעם אינגערען פון זיך פאַר דעם אַמביציעז־קאַפּריזנעם דיכטער עטראָן, און ווי גע־מיינט פאַר מיר זיך צו פאַרענטפערען וואָס ער בעט מיך ניט

שטאַרקער און צודרינגליכער, האָט ער געזאָגט אַנווייזענדיג אויף זיין יונגען פריינד:

— אזוי ווי א מיידעל איז ער אייפערזיכטיג... מ'טאָר אויף קיין אַנדערען קיין גוט וואָרט ניט זאָגען... אוי, חברה, חברה, פאר וואָס לערענט איהר זיך ניט פון מיר, פאר וואָס...

פעברואר 1.

טייערע נעטי!

געזאָלט קומען צו אייך, נאָר איבער אַ געוויסער אורזאַך ניט געקענט. האָב איך אייך נאָכהער געקלערט אָפצורופען, איך האָב אָבער געפיהלט, אז ס'איז גלייכער צו שרייבען וועגען אַזאַ וויכ־טיגער זאַך... הגם דאָס שרייבען איז פיל, פיל עלטער פונ'ם טעלעפאָן, האָב איך פונדעסטוועגען אויסגעפונען פאר מעהר אינ־טימער צו שרייבען... ווייל, ווייל איהר פארשטעהט? ווער צו וועמען רעדט דען ניט אויף אַ טעלעפאָן?... אָבער שרייבען שרייבט מען שוין בלויז צו אייגענע און צו באַקאַנטע... וואס קען זיין מעהר פּראָזאַאישעס ווי צוויי געליבטע ריידען זיך אי־בער אויפ'ן טעלעפאָן... און דערפאר טאַקע „רוף" איך אייך ניט אזוי אָפט... וואָלט איך אייך בעדארפט שרייבען... האָב איך אָבער מורא, אז עמיצער ביי אייך וועט איבעררייידען, אז איך וויל ס'זאָל מיר קאָסטען ביליגער מיט דריי סענט, דערפאַר שרייב איך בריף... איז דערפאר שרייב איך אייך ניט, און דערפאר רוף איך אייך ניט אזוי אָפט, ווי איך וואָלט בעדארפט אייך „רופען"...

איך ווייס די אומשטענדען, נעטי. איך ווייס, ווי ביי אַזאַ צייט, ווען א יונגערמאַן הויבט אָן ארייןצוגעהן צו אַ מיידעל, ווערט יעדער טראָט זיינער געוואויגען און געמאָסטען... און יע־דע קלייניגקייט ווערט גענומען אין אכט... איך מיין ניט אייך, פּערזענליך... איך מיין אייער הויז־געזונד...

יאָ, אָבער דאָס האָט ניט צום ענין. ניט דאָס איז דער ציל פון מיין יעצטיגען שרייבען צו אייך... איך קום דאָ מיט דעם בריף אייך צו מעלדען, אַז דעם זיבעטען פעברואר מאַכט מיין ברודער „אַ ליאַמע" (אייך איז דאָס וואָרט זיכער ניט באַקאַנט. דאָס מיינט אַ „פּאַרע"). איז וויל איך בעטען איהר זאָלט זיין גרייט צו דעם אָוועגט... איך גלויב, אַז איהר וועט מיר ניט אָפּ־זאָגען אין מיין ביטע... אַכט אַזייגער אין אָוועגט וועל איך זיין ביי אייך (איך גלויב, אַז איך וועל נאָך זיין ביי אייך פריהער פאַר דעם אָוועגט), ווייל ניט שפּעטער פון ניין, וויל איך, זאָלען מיר דאָרטען זיין.

אייער,

הימעלשיין.

פעברואר 3.

איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז מ'האָט גאָרניט וואָס צו פאַרצייכענען? איינמאָל האָב איך עס שוין, דאַכט זיך, גע־טאָן אין מיין טאָג־בוך... איצט אָבער האַנדעלט זיך עס ניט בלויז אין דעם, וואָס איך האָב ניט וואָס צו פאַרצייכענען, נאָר אין דער שרעקליכער פּוסטקייט, וואָס פּוסטעוועט אין מיין נשמה...

איך געדענק, מיט יאָהרען צוריק, ווען איך בין נאָך אַ אינ־געל געווען, האָב איך אריינגעקוקט אין אַ פּאָר שטי־וועל, וואָס זיינען פאַרבליבען נאָך אַ טויטען... אַזאַ עהנליך גע־פיהל, ווי איך האָב דעמאָלט געפיהלט, אריינקוקענדיג אין אָט די שטיוועל אריין, פיהל איך יעצט...

און דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואָס... וואָס אָט די שטימונג באַלאַנגט אייגענטליך צו נעכטען... איך פאַרציי־כען דאָס היינט דעם נעכטען... ווייל נעכטען בין איך ניט געווען בכח איבערצוגעבען די פּוסטקייט, וואָס איך האָב גע־

פיהלט, און איצט, ווען דאָס איז שוין אריבער, קען איך עס דוקא יאָ... איז דאָס ניט מערקווירדיג, וואָס אפילו איבערגעבען א צושטאַנד פון פּוסטקייט קענסטו פוסט ניט זיין?... ס׳וואָלט נאָר אינטערעסאַנט געווען צו וויסען, ווען א שטייגער איך וואָלט זיך נעכטען דערוואוסט דאָס וואָס איך האָב מיך היינט דער־וואוסט, אז מיין ברודער האָט געמאכט אין „לאַטס", וואָס ער האָט צוריק מיט א פּאָר חדשים געקויפט, ניט מעהר און ניט ווינציגער ווי צוועלף טויזענד דאָלאר, וואָלט עס מיר אנדערש געמאכט צו פיהלען, צי ניין?... כ׳וויים, אז אינדערפריה היינט, בין איך אויפגעשטאַנען מיט א גאַנץ גוטער שטימונג, נאָך איידער איך האָב געוואוסט פון מיין ברודער׳ס פאַרדינסטען, אין וועלכע איך אליין האָב אויך א שטיקעל חלק, הגם איך האָב אין זיינע געשעפטען כמעט אזוי ווי גאָרניט אריינגעלייגט. ער האָט מיך פשוט „אריינגענאַרט" מיט די פּאָר הונדערט דאָלאר, וואָס ער האָט ביי מיר, נאָך מיט א פּאָר יאָהר צוריק כלומר׳שט געליגען, און אזוי ארום מיך געמאַכט פאַר א שותף אין זיינע „ריעל עסטייט ביזנעס", וועגען וועלכע איך האָב קיין אהנונג ניט... ס׳וואָלט אפשר ניט איבעריג געווען צו פאַרצייכענען, הגם דאָס באַלאַנגט שוין צום עבר, אז איך אליין בין געווען א צושניידער און האָב ניט שלעכט פאַרדינט... אמת, טאקע, אז איך האָב געוואָלט פטור ווערען פון מיין אַרבייט און האָב זיך געריסען צו ווערען א שטיקעל מאַכער אין אונזער יוניאָן, און אזוי אַרום פטור ווערען פון דער אַרבייט... דאָס מיינט, אי בלייבען פאַררעכענט פאַר אנ׳אַרבייטער, אי ניט אַרבייטען און זיך רעכע־נען פאַר א גרעסערען חשוב אין דער יוניאָן, הגם דו ארבייטסט שוין ניט...

וועגען די פּלענער האָט געוואוסט מיין ברודער, אָבער ער איז אַלץ ניט צופרידען געווען. ער האָט מיך אינגאַנצען גע־וואָלט אַרויסרייסען פון דעם פאַך... אמת טאקע, אז אין אמע־ריקע איז א בעל מלאכה קיין חרפּה ניט, נאָר ניט צו זיין קיין

בעל מלאכה איז אפילו אין אמעריקע אליין אויך שעהנער... שעהנער, ווייל ס'איז בעסער און באקוועמער, און ס'איז אלע מאָל דאָ האָפנונגען זיך „ארויפצואַרבייטען"...

נו, האָט ער מיך סוף כל סוף אריינגעכאפּט מיט מיינע פּאָר הונדערט דאָלאר און מיך געמאכט פאר א שותף אין זיינע געשעפטען... אמת, ווייט ניט קיין גלייכען שותף... ער גיט מיר אָבער געגוג אויף צו לעבען, און ווען איך וואָלט בעדארפט מעהר, וואָלט ער מיר אויך געגעבען, און אפילו אָהן מיינע פּאָר הונדערט דאָלאר... ער האָט אָבער געוואוסט, אז איך וואָלט קיינמאָל ניט איינגעגאנגען צו ווערען זיין קעסט־קינד, האָט ער עס מיך אזוי ארום „בעארבייט".

פעברואר 4.

מיך ציהט אזוי אָנצושרייבען א „טראקטאט" וועגען קונסט. ניין, ניט וועגען קונסט, נאָר וועגען די אלע שרייבער, וואָס שריי־בען וועגען קונסט.

פאראן „חכמים", וואס מיט זייער חכמה דערגרייכען זיי בלויז נארישקייט. דאָס איז פון זעלבען סאָרט חכמים, וואָס פרעגען זיך און אנדערע, וואָס איז אזעלכעס לעבען? זיי זוכען רק די צילען פונ'ם לעבען. דאָס זעלבע פרעגען פילע חכמים וועגען דער קונסט, און וואָס פאר א צוועקען די קונסט האָט... איז דען טויזענד מאָל ניט קליגער דער אומוויסענדער מענש, וואָס לעבט און האָט הנאה פון זיין לעבען און ס'קומט איהם קיינמאָל ניט קיין פראגע אויפ'ן זינען צוליב וואָס ער לעבט? ער אליין, אָט דער אזעלכער, איז דאָך שוין אַנ'ענטפער אויף די אלע פראגען פון די גרויסע חכמים, וואָס מיינען און ווילען אנדערע איינריידען, אז דאָס לעבען האָט עפּעס א ציל פאר זיך... אָט לעבען דאָך מענשען און האָבען הנאה פון לעבען ניט פארטראכטענדיג זיך צי דאָס לעבען האָט

ערגעץ באהאלטענע צילען, צי ס'האט ניט... דאס זעלבע איז מיט דער קונסט. מ'קען פונקט אזוי ניט פרעגן וועגן די צילען פון דער קונסט, פונקט ווי וועגן לעבן... ווייל די קונסט איז א צווייג פון לעבן... יא, ס'איז אבער פארהאן נאך אזעלכעס, וואס ווערט אנגערופען שונד, און מענשען האבען הנאה דערפון ווי פון קונסט... איז וואס קען מען מאכען? קען מען דען קומען צו אזעלכע מענשען און זיי זאגען: האט ניט קיין הנאה פון דעם וואס איהר האט הנאה, ווייל דאס, פון וואס איהר האט הנאה איז ניט קיין קונסט, נאר שונד.

איך רייד שוין ניט פון דעם, וואס אזעלכעס איז גאר אומ־מעגליך אפצעטיילען איינס פון דאס אנדערע... איך מיין, אז דער, וואס האט ניט קיין חוש פאר דעם, איז מ'זאל ריידען אין איהם אריין אכצעהן טעג און אכצעהן נעכט, וועט עס איהם גארניט העלפען... ווייל, מ'בעדארף געבוירען ווערען מיט דעם חוש. און האט מען איהם ניט, איז פארפאלען, מעג מען שריי־בען טויזענטער אפהאנדלונגען וועגען אט דער פראגע, וועט עס אלץ בלייבען א פארשטאפטע זאך פאר איהם... פונקט ווי מ'קען קיינעם ניט אויסלערנען צו זיין א קינסטלער, אזוי קען מען קיינעם ניט אנווייזען אויף די גרענעצען (אויב אזעלכע זיינען דא), וואס ליגען צווישען קונסט און שונד... טא, צו וואס אט די אלע שרייבאכצען וועגען דער פראגע (וואס איז קיין פראגע ניט)? ס'איז דאך אומזיסטע ארבייט. פונקט ווי לעבען איז א געמיש פון . . . פון (וויפיל) קאפריזען, קאמבינאציעס און קאמפליצירונגען, צו וואס מיר וועלען זיך קיינמאל ניט קענען דערגרונטעווען, אזוי איז די קונסט א צוזאמענשמעלצונג פון טויזענדער (און אפשר מיליאָ־נען) קאמפליצירונגען. פון דיסהארמאניע און הארמאניע שאפט זיך הארמאניע, שטעלען זיך צונויף ווערטער, פארבען און טענער וואס ביי אונז פארצייכענט מען אונטער'ן נאמען פון קונסט... טא, ווי קען מען גאר קומען און ריידען וועגען אזא פאר אונז פארשלאסע־נער זאך?

קען מען דען ערקלעהרען איינעם, וואָס זעהט ניט א געוויסע פארב, אז אזא פארב עקזיסטירט? לאָמיר זאָגען, אז די פארב וואָס אָט דער איינער זעהט ניט, איז א רויטער. נו, אז מ'זאָל איהם „רויטעווען" עד ביאת המשיח, וועט ער דען קריגען א באַ־גריף וועגען דעם, אז עס עקזיסטירט א רויטע פארב?... אָדער, לאָמיר נעמען אזא ביישפּיל: מיר זאָלען אוועקשטעלען א קורצ־זיכטיגען אנטקעגען א בוים און איהם וועלען ערקלערען: זעה (ווען יענער זעהט ניט), אָט האָסטו די בלעטער און אָט האָסטו די פרוכטען... די פרוכטען עסען מענשען און די בלעטער עסען דברים אחרים... ניין, דברים אחרים וועלען זיך סמאַקעווען מיט די פרוכ־טען אויך, נאָר די בלעטער איז פאר זיי אויך א גוט מאכל... אָבער א מענש קען בלויז עסען די פרוכטען.

דאָ רעדט זיך בלויז וועגען באנעמען מיט'ן אויג. און פונקט ווי דער קורצזיכטיגער קען מיט'ן אויג ניט אונטערשיידען פון די פרוכטען ביז די בלעטער, אזוי קען מען דאָס זאָגען וועגען איינעם וואָס האָט קיין חוש ניט צו פונאַנדערטיילען פון קונסט ביז שונד. איז האָט עס עפּעס א זין צו שרייבען פאר אזעלכע אַרטיקלען וועגען דעם אונטערשיד פון קונסט ביז שונד? און אויב אָט דער ערקלערער (וואָס ערקלערט גאָר ניט) וועט שוין אפילו זאָגען, אז די פרוכט, דאָס איז קונסט, און די בלעטער איז די שונד, אז ביידע האָבען זיי איין יניקה, איז וואָס? וועט דען נאָך דעם עפּעס קלערער ווערען? אויב איין יניקה, פאר וואָס־זשע טאקע איז דאָס שונד, און דאָס קונסט?

מיר ווילט זיך אזוי אַרויסשפּרינגען מיט אזא אַרטיקעל גע־גען אָט די אלע שרייב־רייבער, וואָס „רייבען" און שרייבען אַר־טיקלען וועגען אָט דער קאָמפּליצירטער פראַגע... ווען זיי וואָל־טען באמת געפיהלט וואס קונסט איז, וואָלטען זיי געפיהלט אַז מ'קען וועגען דעם ניט ריידען.

און אפילו אין דעם וואָס איך האָב דאָ אָנגעשריבען פיהל איך אויך, אז ס'איז מעהר פון פוסטקייט, ווייל איך האָב ניט

וואָס וויכטיגעס צו פאַרצייכענען. אפשר וואָלט שוין אינטערע־סאַנטער געווען צו פאַרנאָטירען, אַז איך האָב מיר די טעג גע־קויפט אַ גראַניטור און אַ פּאָר שיך צום „אָווענט", וואָס דאַרף פּאָרקומען דעם 7טען פעברואר ביי מיין ברודער... וואָלט דען ניט גלייכער געווען צו פאַרצייכענען ווי איך האָב מיר געלאָזט אָנמעס־טען ביי אַ טוץ שיך און ווי יעדען שוך האָט מיר דער אָנגעשטעל־טער, אין שוך־סטאָר, אָנגעטאָן און אויסגעטאָן מיט אַזוי פיל גע־דולד, ווי ער וואָלט קיין מענש ניט געווען און ווי איך וואָלט אויך קיין מענש ניט געווען, ווי ער וואָלט געווען אַ מאַשין און איך וואָלט אַ מאַשין געווען. אינטערעסאַנט וואָלט געווען צו וויסען, ווי ווייט וואָלט אָט דאָס געדולד פון דעם שוך־פאַרקויפער געקענט אָנהאַלטען?

פעברואר 5.

וואָס ערוואַרט איך אייגענטליך פון דעם אָווענט, וואָס איך ערוואַרט איהם אַזוי אומגעדולדיג? אַ סברא אַלץ צוליב אָט דער קליינינגקייט. און אַז איך וועל זיך שוין דערוויסען, וואָס וועט זיין? וואָס קען איך דען טאָן אחוץ דאָס, וואָס איך טו? ס'הייסט אחוץ דעם, וואָס איך טו ניט, וואָס איך שרייב ניט... וועט מיר נאָכדעם מיין ניט־שרייבען ווערען געשמאַ־קער?...

מיר דאַכט, אַז ס'איז עפּעס אַ רחמנות אויף מיר.

פעברואר 6. — — — — — — — — — — — — — —

פעברואר 7.

אזוי גלייך, ווי איך זאב זיך אריינגעזעצט אין טראמוויי מיט מיין מיידעל, צו פאהרען צו מיין ברודער, האב איך א זאג געטאן צו איהר:

— נעבע!

זי האט האסטיג געטאן א דרעה אוים צו מיר דעם גאנצען פראנט פון איהר פנים און האט מיך אנגעקוקט מיט צוויי גרויסע, פארוואונדערטע אויגען... געלאזט איהר זיך גענוג „אנצושפיגלען" אין מיר האב איך געזאגט:

— איך וויים פון אזא פאל, וואס א יונגערמאן האט אפגעלאזט א שידוך מיט א מיידעל דערפאר, וואס יענע, די מיידעל זיינע, האט צעקנאקט א ניס, איהם אויסגעיאדערט און געגעבען א צווייטען יונגענמאן, איהרען עפעס א קרוב, וואס איז געקומען צו איהר צו גאסט...

— אנטקעגען וואס איז דאס צורייד געקומען? — האט מיין אויסגעפוצט, אנגעפודערט און צוגעפארבט מיידעל געפרעגט.

— איהר שטעלט זיך אזעלכעס פאר?...

— וואס?

— אז איבער אזא קלייניגקייט זאל מען אפלאזען א שידוך? ניין, אודאי ניין. איך אליין האב עס מיר אויך ניט געקענט פארשטעלען... נאר איצט פארשטעה איך דאס...

— יא, אבער, אנטקעגען וואס איז דאס צורייד געקומען? — האט זי קאלט און מיט מיידעלשער פארביסענקייט געפרעגט.

— אנטקעגען דעם, וואס יענער, דער פאעט, רופט אייך נעבע...

— נו, איז וואס איז דאס פאר א משל?

— ס'איז שוין א גרויסער משל... איך פיהל אין דעם דאסזעלבע, וואס יענער יונגערמאן האט געפיהלט, ווען זיין כלה, צי זיין געליבטע, האט אויסגעיאדערט א ניס און געגעבען דעם קרוב איהרען... פיהלט איהר דען ניט, אז אין דעם ליגט א

גוואַלדיגע אינטימקייט... דאָס זעלבע האָב איך געפיהלט, ווען ער האָט מיר דערצעהלט, אז ער רופט אייך נעכע, און ניט נעטי, ווי אַלע און איך רופען אייך...

— ער האָט אייך דערצעהלט?... אנטקעגען וואס?

— ס'איז אַזוי אויסגעקומען... ניין איהר בעדאַרפט ניט זיין בייז אויף איהם. ער האָט גאָר ניט געמיינט... פאר איהם איז דאָס גאַנץ נאַטירליך. א אידישער פּאָעט... ער האָט גאָר־ניט געמיינט. נאָר מיך פאַרדריסט עס דאָך פאָרט, וואָס איך, זייענדיג מיט אייך שוין באקאַנט העכער דריי מאָנאַטען, האָב ניט געוואוסט דעם אמת'ן, דעם אידישען נאָמען אייערען.

— וואָסי, איהר האָט מיך דען געפרעגט און איך האָב אייך ניט געוואָלט זאָגען?

— יאָ, איך האָב צו אייך גאָרניט... ניט איך האָב צו אייך עפּעס און ניט איך קען צו איהם עפּעס האָבען... איהר זענט ביידע אפשר גאָט די נשמה שולדיג. אָבער דאָס שטערט ניט דעם איינדרוק מיינעם, אז ער איז אינטימער מיט אייך ווי איך...

— מיט וואָס?

— . . . „מיט וואָס" האָט זיך געדראכט דעם יונגענמאַן פון יענער מיידעל, אז זי, די מיידעל זיינע, איז אינטימער גע־וואָרען מיט יענעם יונגענמאַן דורך דעם וואס זי האָט איהם אויסגעיאָדערט אַ ניס... מ'קען עס ניט ערקלערען... איך האָב דאָס זעלבע געפיהל, אז איהר האָט צוקנאַקט די גוי'אישע שאָלעכץ פון אייער אידישער נאָמען און האָט פאר איהם, פאר אָט דעם פּאָעט, ענטבלויזט דעם אמת'ן נאָמען אייערען בעפאָר איך האָב עס געוואוסט...

דאָס מיידעל האָט זיך איינצייטיג מיט מיין ריידען, וואס איך האָב גערעדט צו איהר, געהאַלטען אין איין קירעווען צו מיר, ביז זי האָט זיך אַזוי באַזעצט, אז דער גאַנצער פראָנט איהרער איז געווען אָנגעשטעלט אינגאַנצען אין מיין זייט אריין...

ס'איז געווען קענטיג, אז וויפיל זי האָט מיך געזעהן, איז איהר אלץ ווינציג געווען און זי האָט זיך געמוזט אויסקירעווען אינ־גאנצען צו מיר זי זאָל מיך בעסער זעהן...

— איך גלויב, אז יענער איז געווען אזא צעדרעהטער, ווי איהר זענט! — האָט מיין מיידעל געזאָגט.

— . . . יענער? וועלכער יענער?

— אָט דער באקאנטער אייערער מיט'ן נוס...

— און איהר גלויבט, אז איך האָב געהאַט אזא באקאנ־טען, מיט וועמען ס'האָט אזעלכעס פאסירט?...

— נאר?...

— דאָס איז מיין אייגענע פאנטאזיע... אָבער דאָס איז דאָך ניט וויכטיג, צי איך האָב געהאַט אזעלכען מיט וועמען ס'האָט, צי ס'האָט ניט אזעלכעס געטראָפען. וויכטיג איז, וואָס צווישען מיר און אייך האָט דאָך יאָ עפּעס עהנליכעס געטראָ־פען...

נאָך א לענגערער פויזע האָט מיין מיידעל געזאָגט אין פארלעגענהייט:

— מילא, וואָס קען דאָ זיין... וועט איהר מיך אויך רופען נעבע...

— מיר געפעלט אָבער דער נאָמען נעטי... ער פארענדיגט זיך אזוי דין און שפּיציג, און ער דערמאָנט מיר, דער נאָמען אייערער אן א „שקארמיצעל”, וואס ביי אונז די קרעמער פלע־גען א דרעה טאָן און א מאך טאָן פון פאפּיר, פון אויבען ברייט, און אראָפּ פארדינט און פארשפּיצט... דאָס דערמאָנט מיך אייער נאָמען. נע — ברייט; טי — דין...

— נו, איז דאָך אודאי גוט! — האָט מיין מיידעל ברייט שמייכלענדיג געזאָגט.

— אָבער דאָס וואָס ער רופט אייך נעבע...

זי האָט שוין געלאכט צו מיר היימיש און גוטמוטיג, און איך האָב געזאָגט צו איהר:

— אַט פאַהרען מיר אהינצו... איך האָב דאָך אייך שוין דערצעהלט, אז ער וועט דאַרטען זיין, און ער וועט אייך מסתמא דאַרטען „נעכעווען". וואָס פאַר אַ פּנים וועט עס האָבען, אַ? דאָס קען דאָך פון אַלעמען אויסגעטייטשט ווערען, אַז ער איז מיט אייך נעהענטער ווי איך...

— נו, טאָ וואָס זאָל איך טאָן דערצו?

— איך וויל, איהר זאָלט איהם פאַרווערען אייך צו רופען נעכע.

פאַר דער צייט פון אונזער געשפּרעך האָט די „קאַר" פיל מאָל געשטעלט זיך... דאָס לויפען איהרס האָב איך ניט באַמערקט און צומאָל אפילו פאַרגעסען אז איך פאָהר. נאָר געכאַפּט האָב איך מיך דעמאָלט, אז איך פאָהר ווען די „קאַר" האָט זיך אָפּגעשטעלט און דערפאַר האָט זיך באַקומען ביי מיר אזא איינדרוק, אז דאָס פאָהרען אונזערס באַשטעהט פון שטעלען זיך און שטעהן.

— איהר ווייסט! — האָב איך געזאָגט צו מיין מיידעל נאָך אַ לענגערער פּויזע, — „ער" קומט דאָך צוליב אייך.

— צוליב מיר? פון וואַנעט ווייסט איהר?

— ער האָט מיך געפרעגט צי איהר וועט אויך זיין...

— נו, איז וואָס האָט איהר איהם געזאָגט?

— ווען איהר וואָלט נאָך געוואוסט, ווי אזוי ער האָט געפרעגט.

— ווי אזוי? — האָט מיין מיידעל מיט איהר גאַנצען געזיכט און מיט אויגען נייגעריג אַ פרעג געטאָן.

— „אונזער מיידעל, וועט דאַרטען אויך זיין?"

געזעהן, אז זי איז געוואָרען מלא חמא, האָב איך צוגעגעבען:

— יאָ, ער האָט נאָך אזוי געזאָגט: „מיין נעכע, אייער נעטי...

---

מיין ברודער האָט אונז די טיר געעפענט, און אזוי גלייך ווי ער האָט מיך מיט דער מיידעל דערזעהן, איז ער געבליבען

שטעהן אין אַ פאַרלעגענהייט, קענטיג דערפאַר, ווייל ער האָט ניט ערוואַרטעט איך זאָל וועמען ברענגען מיט זיך.

— מים נעטי, — מיין ברודער!

און גלייך ווי איהם וואָלט שוין נאָכדעם קלאָר געוואָרען ווער זי איז און וואָס זי איז פאַר מיר, האָט ער זיך העפליך צע־שמייכעלט און איהר די האַנט געגעבען, און שפּעטער אַ ווײַלע, ווען מיין שוועגערין איז אַנגעקומען, האָב איך זיי איינס פאַר דאָס אַנדערע פאָרגעשטעלט:

— מים נעטי, — מיין שוועגערין.

אויסגעשיילט אונז פון אונזערע אויבערשטע בגדים, האָט דער ברודער טאַקע דאָ גלייך אין קאָרידאָר זיי אויפגעהאָנגען אויף דער הילצערנער שראַגע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל ביי דער טיר, און מיין שוועגערין האָט מיט אַ צעגאָסענער פריינד־ליכקייט און שמייכעלדיגקייט געקוקט אויף דער „מים נעטי”, קענ־טיג, אַז אָט ווייל זי איז פאַר איהר אַנ׳אומגעריכטער גאַסט, בע־דאַרף זי איהר ווייזען אַזאַ צעשמאָלצענקייט.

ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אין עס־שטוב האָב איך שוין געטראָפען דעם גאַנצען יום־טוב אויסגעשטעלט און אויסגעזעסער־ווירט אויפ׳ן טיש און אויפ׳ן בופעט, און הגם דאָרטען, אין עס־שטוב, איז קיינער ניט געווען האָבען דאָך געברענט אַלע לעמפּ־לאַך. פון אַלע ווענט און פון אַלע פיר ווינקלען פונ׳ם סופיט האָ־בען זיי געברענט, און ס׳איז געווען אַזוי ליכטיג, אַז ס׳איז אין ער־גענץ פון קיינעם און פון גאָרניט קיין סמן פון קיין שאָטען ניט גע־ווען צו באַמערקען..

און דערזעהענדיג אויף דער שוועל פון טיר, וואָס פיהרט פון עס־שטוב אין קיך אַריין, שטעהן די ניגערטע (און דערצו נאָך פון די אמת־שוואַרצע), האָב איך געהאַט דעם איינדרוק אַז אַלע שאָטענס וואָס זיינען דאָ פון דאַנעט פאַרטריבען געוואָרען מיט דער שטאַרקער ליכט, האָבען זיך פאַראייניגט, קאָנצענטרירט

אין אָט דעם שווארצען מענשען, און דערפאר איז „ער" אזוי שווארץ...

געהערט ווי פון דערבייאיגען צימער, פון „פּארלאָר", שפּילען די וויקטראָלא, האָב איך געפרעגט צי ס'איז שוין דאָרטען ווער דאָ. און מערקווירדיג, וואס אויפ'ן אָרט וואָס מ'וואָלט מ י ר בעדארפט ענטפערען אויף דער פראגע, האָט מיין שוועגערין גע־ענטפערט דירעקט „מיין" מיידעל:

— דאָרטען איז דאָ מיינע א שוועגערין און איינע, א מיס בווירטע, אנ'אומבאקאנטע, מיין שוועגערין'ס „דרעססמע־קערקע".

צי זי האָט זיך אומיסטנע צוגעאיילט צו דערצעהלען, כדי איהר געבען אָנצוהערען, אז זי בעדארף זיך ניט פיהלען גע־קרעמפּט מיט איהר פרעמדקייט, ווייל ס'איז דאָ פארהאן נאָך איינע א פרעמדע, וואָס איז געבראכט געוואָרען פון אנ'אייגענעם מענשען... צי זי האָט גלאט געזוכט א געלעגענהייט עפּעס א רייד צו טאָן צו דער אומבאקאנטער מיידעל...

מיין ברודער האָט געהייסען מיין שוועגערין ארייגפיהרען די מיס נעטי אין פארלאָר צו יענע געסט, און אליין האָט ער מיר גלייך געפרעגט:

— גוט, אָבער פאר וואָס האָסטו ניט געגעבען צו וויסען, אז דו וועסט עמיצען ברענגען מיט זיך?

— וואָסי, צו וואָס?

מיין ברודער האָט א ווייל'ע געשוויגען און געזאָגט, אז דאָ וועט זיין די „ביוטי פארלאָרקע".

— טאָ, פאר וואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט?...

— איז וואָס וואָלט געווען? וואָלטסטו זי ניט געבראכט מיט זיך?

— מעגליך, אז ניט...

— און פון מיין זייט א פרעג געטאָן, וואס פאר א „סחורה"

ס'האָט געבראַכט מיט זיך די שווענערין זיינע. מיין ברודער האָט מיט אומעט געזאָגט:

— איך ווייס ניט, וואָס מ'טוט מיט איהר, זי איז אַזאַ מיאוס'ע, דו הערסט... און איך קען דאָך דיינע לייט... זיי, אַז זיי דערזעהען אַ מיאוס מיידעל...

— ניט אַזוי געפעהרליך, ווי דו מיינסט, — האָב איך געזאָגט מיין ברודער, — זיי זיינען גאָרניט אַזעלכע גרויסע איבערקלייבער ווי דיר דאַכט זיך...

— זאָל זיין... אָבער די איז פּשוט אַ פאַרזעהעניש! — האָט מיין ברודער געזאָגט, מאַכענדיג דערביי אַנ'אומעטיג פּנים.

אויף מיין פראַגע, וואס די שווענערין זיינע, מיין ברודער'ס, האָט זי גאָר פּלוצים געבראַכט מיט זיך, האָט מיר דער ברודער דערצעהלט אַזאַ געשיכטע: אַזוי ווי זיין שווענערין האָט זיך געצייהט צו דער „פּאַדע” ביי איהר אַ „דרעס”, האָט דאָס מיידעל, די נייהטאָרקע, ביי איהר געפרעגט וואָס פאַר אַ פּאַדע דאָס וועט זיין, האָט איהר די שווענערין דערצעהלט, און בנייביי איהר פאַרטרויעט, אַז ס'וועט זיין דער און דער שרייבער. נו, האָט זיך יענע אָנגעכאַפּט מיט הענט און מיט פיס... זי מוז געהן אָנקוקען אָט דעם שרייבער...

און דאַכט זיך גוט געהערט, וואָס פאַר אַ מיאוס'קייט אָט די פאַרעהרערקע פון דעם שרייבער איז, פון דעסטוועגען האָט מיך דורכגענומען צום שרייבער אַ קנאה... ווער נאָך, אחוץ דעם וואָס איז געווען אין דער פעל, קען אַזעלכעס פיהלען און באַגרייפען וואָס פאַר אַ קינסטלער באַדייט אַזאַ סיורפּריז... און בלויז דערפאַר אַליין האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקער באַגעהר זי צו זעהן... איך האָב אַ שלעפּ געטאָן מיין ברודער:

— קום, איך וויל זי אָנקוקען!

איך האָב מיר ניט פאָרגעשטעלט אויף אַזוי פיל, ווי דאָס, וואס איך האָב דערזעהן... טאקע אַ פאַרזעהעניש אין פולען זין פון וואָרט: אַ שוואַרצע און קורצע, אַ „סטופּקע”, אַ קיילע-

בינער קאָפּ ווי א ברוקווע מיט גלאַטע, געשווירענע האָר, ווי ביי א שייגעץ, און א פּנים, ווי ביי א מאָפּס, מיט א פאַרריסען נעזעל, און די אויבערשטע ליפּ פאַרריסען ארויף... בלויז די אויגען זיינען געווען מענשליכע, מיט א פיינעם גלאַנץ פון מייי־דעליש־מענשליכע ליידען און מיט יענעם קלוגען אויסדרוק וואָס ס'איז צו טרעפען זעהר זעלטען ביי פארעלטערטע, מיאוס'ע מויי־דען... דער קלוגער אויסדרוק האָט געזאָגט, אז ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס איך בין אזוי אומגליקליך, ווייס איך דאָך אז קיינער איז מיר אין דעם ניט שולדיג און דערפאַר האָב איך צו קיינעם גאָרניט...

און זאָל מיר ניט גערעכענט ווערען: איך בין זיך מודה ומתודה, אז מיין קנאה צום שרייבער איז אביסעלע געלאָשען געוואָרען (אָבער ניט אינגאַנצען), ווען איך האָב דערזעהן אָט די פארעהרערקע, וואָס איז געקומען אהער אנ'אומגעבעטענע (וואָס האָט זיך אַליין איינגעבעטען) אָנצוקוקען דעם שרייבער. און דאָך בין איך צוגעגאַנגען צו איהר מיט אינטערעס און זיך פאָרגעשטעלט פאר איהר:

— מיין נאָמען איז הימעלשטיין!

און גלייך צוגעגעבען:

— אמאָל אויך געהאַט דאָס אומגליק געשטרויכעלט צו ווערען מיט דער פען... ניין, איהר האָט זיכער ניט געהערט... מיין נאָמען קען אייך ניט זיין באקאַנט... און אויב אפילו יאָ, האָט מען שוין אויך פאר דער צייט געקאָנט פארגעסען... און איך וואָלט אייך ניט געזאָגט, ווען איך וואָלט זיכער געווען, אז ס'האָט אייך ווער ניט געזאָגט, אז איך בין א שרייבער... איז זאָג איך אייך דאָס דערפאַר, אז איך בין געווען א שרייבער, כדי איהר זאָלט וויסען, אז היינט בין איך עס שוין ניט... אָבער איך האַלט זיך דערמיט ניט געפאַלען... איך מיין, אז א מענש, ניט קיין שרייבער, קען אויך זיין א מענש... אמת איז, אז ווי גרויס איינער א מענש זאָל ניט זיין, אויב ער וועט ניט לאָזען וויסען פון זיך

וועט קיינער ניט וויסען פון איהם... און קינסטלער האבען גראד את די געלעגענהייט... איז דאס ריכטיג אזוי?

זי האט צוגעשמייכעלט ענייות'דיג און שעמעוודיג און ניט געגעבען די מינדעסטע אנדייטונג, צי זי איז מיט מיר מסכים צי ניט... בכלל האט מיך את די שעמעוודיגקייט איהרע עראינערט אין א מיידעל, וואס האט זיך דורך א צופאל באקאנט מיט'ן חתן'ס ברודער נאך איידער זי האט זיך מיט'ן חתן, וואס מ'רעדט איהר, באקאנט. פונקט אזוי האט זי ניט געוואוסט, ווי זיך צו פארהאלטען צו מיר, אזוי ווי יענע האט ניט געוואוסט, ווי זיך צו פארהאלטען צום חתן'ס ברודער, נאך איידער זי האט דעם חתן אנגעקוקט.

דא האב איך באמערקט ווי אין א זייט, און די הענט אויף די זייטען, שטעהט זיך אזוי מיט'ן קעפעל אן א זייט מיין שווע־גערינ'ס שוועגערין און קוקט אזוי שמייכלענדיג און מיט יענעם באראקטעריסטישען אויסדרוק פון א פרוי, ווען איינער א מאן, אין וועמען זי איז פאראינטערעסירט, פארברענגט מיט איינער, וואס איז ווייט הינטערשטעליג פון איהר...

איך האב זי באגריסט און זי האט מיר ארייגעשפילט אין די אויגען אריין, ווי זי וואלט געמיינט צו זאגען דערמיט: זעהסטו, את די פארגין איך דיר!"... און ניט געקוקט אויף דעם, וואס פון דער מיידעל ביז איהר איז טאקע געווען א חילוק ווי פון טאג צו נאכט, האט מיך דאך, אין דעם מאמענט, דאס מיאוס'ע מיידעל אינטערעסירט מעהר פון איהר... ווייל אזעלכע ווייבלעך זיינען דא א סך... כ'מיין, אזעלכע, וואס טראגען זיך ארום מיט ווייבליכע מותרות און זיינען גרייט זיי אוועקצוגעבען יעדען איינ־ציגען מאן... דערפאר אבער איז א זעלטענהייט אזא עקזעמפליאר ווי מים בווירטע. דא מאכט מען זיך פון א שרייבער א קליינעם וועזען. און אז ס'האט זיך אפגעזוכט איינע אזעלכע, וואס איז געקומען א ניט־געבעטענע אין א פרעמדער, אומבאקאנטער הויז אריין אנצוקוקען א שרייבער, האט זי פאר מיר געהאט פיל מעהר

אינטערעס ווי דאָס ווייבעל, מיט די ווייבליכע מותרות... איך האָב מיר נאָר, בלויז צוליב עטיקעט, אויף א ווײַלע, אפּגעריסען פון דער מיס בוירטע און געגעבען די האנט מיין שוועגערינ׳ס שוועגערין און געזאָגט:

— זעהען מיר זיך ווידער!

אין די פּאָר מינוט, וואָס איך בין געשטאַנען נעבען דער, האָב איך דאָך אַלץ ניט אראָפּגענומען די אויגען פון יענער, פון דער מיס בוירטע, געקוקט אויף איהר מיט יענעם אינטערעס, ווי א ברודער קוקט אמאָל אויף א שוועסטער, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן, וואָס האָט בלויז געוואוסט, אז ער האָט ערגעץ א שוועסטער... און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס איך פיהל ניט צו דעם שרייבער קיין גרעסערע סימפּאַטיע, ווי צו אַלע איבעריגע כהנים פון דער אידישער ליטעראטור, און ניט קוקענדיג אויף מיין גאַנצער צעריסענקייט און אָפּגעריסענקייט פון זיי און פון זייער שרייבען, האָב איך דאָך געפיהלט, אז זי איז מיר עפּעס נאָהענט דערמיט... דערמיט טאַקע וואָס זי איז געקומען פארעהרען א אידישען שרייבער...

געבעטען אנטשולדיגונג ביי מיין שוועגערינ׳ס שוועגערין בין איך צוריק צוגעגאַנגען צו דער מיס בוירטע און פארלייגט מיט איהר א שמועס, געפרעגט ווי לאַנג זי איז שוין דאָ אין לאנד, פון וואנען זי איז א „לאַנדסמאַנשע" און נאָך אַזעלכע און עהנליכע קלייניגקייטען. איך האָב זיך דערוואוסט פון איהר, אַז זי האָט יאָהרען לאַנג געוואוינט אין וואַרשע, און אַז אַליין איז זי א ליטוויטשקע.

— האָט איהר „איהם" דאָרטען קיינמאָל ניט געזעהן? — האָב איך געפרעגט ביי איהר, מיינענדיג „איהם", דעם שרייבער וועלכען זי פארעהרט און צוליב וועלכען זי איז דאָ אהער ספּעציעל געקומען.

— שור, עטליכע מאָל!

— קענט איהר דאָך איהם טאַקע, איז ער דאָך אייערער אַ באַקאַנטער!

זי האָט פאַרווירט געשמייכעלט... און איך האָב זעהר גוט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס שמייכלען באַדייט. דאָס האָט גע־מיינט: איין קלייניגקייט, מיט איהם באַקאַנט. ווי קען מען דאָס גאָר אַזעלכעס זאָגען? „באַקאַנט" קענען זיין אַ גלייכער מיט אַ גלייכען. און אין איהר ענטפער איז אויך גלעגען אָט דער זעלבינער געדאַנק:

— ווייס איך, ווי קען ער מיך דערקענען!?...

זי איז, נעבאַך, געווען גרייט דערצו, די באַקאַנטע פונ'ם שריפטשטעלער, צוליב וועלכען זי איז אַהער געקומען; געווען גרייט, אַז זי זאָל ניט דערקענט ווערען. און איך האָב מיך דער־פיהלט אַזוי געמיטליך געשלאָגען פאַר איהר, און איך האָב שוין צוליב איהר אַליין געזאָגט, הגם איך האָב אַליין ניט געגלויבט אין דעם וואָס איך זאָג:

— אין דער הינזיכט איז ער צווישען זיי אַלעמען דער דעמאָקראַטישסטער... ער האַלט ניט פון די זאַכען... און דאָס וואָס ער האַלט ניט, איז נאָך ווינציג... ער וועט אייך אויף יעדען שריט און טריט באַווייזען, אַז ער איז אַ דעמאָקראַט... און אויב ער וועט אייך טאַקע ניט דערקענען, וועט עס מיינען פשוט און פּראָסט, אַז ער האָט אייך ניט דערקענט, און דאָס קען דאָך טרע־פען מיט יעדען איינציגען „חי וקים"...

דאָס מיידעל האָט אויסגעדריקט אַזוי פיל אומבאַהאָלפענקייט און יאוש, און אַ דאַנק דעם האָט זי אויסגעזעהן נאָך מיאוס'ער ווי זי איז געווען אין דער ווירקליכקייט... און באַנאַנד מיט'ן רחמנות וואָס איך האָב געפיהלט צו איהר, האָב איך מיט אַ געוויסער זעלבסטצופרידענקייט געטראַכט, אַז אייגענטליך האָב איך גאָרנישט אָנגעוואָרען מיט דעם וואָס איך בין אַוועק פון דער אידישער ליטעראַטור... נו, טאַקע, ווער זיינען די לעזערינס פון דער אידישער ליטעראַטור? מיאוס'ע, אַלטע מוידען, אָדער אַלטע

ווייבער, וואָס האָבען אהערצו מיטגעבראכט מיט זיך פון יענער זייט ים אַט דאָס ביסעל אידישקייט און האַלטען זיך דערמיט, אַזוי וואונקעלדיג פונקט ווי א פרומע אידענע מיט איהרע בענש־ליכט פרייטאָג־צו־נאכטס, ביי די פאר׳גוי׳אישטע קינדער... איך ווייס ניט, ס׳איז מעגליך ,אז אזא זאך וואָלט אוממעגליך געווען אין דער אַלטער היים!... ס׳הייסט אז איך זאָל דאָרטען האָבען אוועקגעוואָרפען דאָס שרייבען, ווען איך וואָלט זיך דאָרטען געפונען... דאָרטען, האָסטו פאָרט געקאָנט ערוואַרטען, אז דו וועסט זיך באַגעגענען מיט א וואַרימען בליק פון א שעהן מיידעל, נאָך דעם וואָס זי האָט איבערגעלייענט דיינס א ווערק, און דאָס ווירקט דאָך אַזוי גינסטיג אויפ׳ן שאפונגסגייסט...

מיך געכאפט, אַז איך האָב מיך שוין צופיל פאר׳עסק׳ט מיט דער פרעמדער מיידעל, האָב איך זי געלאָזט און צוגענאנגען צו מיינער, און איהר געזאָגט אין אויער אריין:

— איך מיין, אז איהר זייט ניט אייפערזיכטיג, איא, ניין? ...

און זי גענומען אונטער׳ן ארים, זי אַפגעפיהרט אין א ווייטען ווינקעל, האָב איך געזאָגט צו איהר:

— כ׳ווייס ניט, איך האָב עפּעס געפיהלט א חוב אויף זיך צוגעהן און ריידען מיט איהר... איך האָב שוין לאַנג זיך ניט געפיהלט אַזוי נאָהענט, אין אַזאַ אינטימער צוגעבונדענקייט צו דער אידישער ליטעראַטור, א דאַנק אַט דער מיידעל...

זי האָט זיך אַפּגעטיילט פון מיר אויף א שפּאַן און אַזוי דרינגענד מיר אריינגעקוקט אין די אויגען און דאָס פּנים איהר׳ס האָט זיך עפּעס אַזוי ווי אויסגעפּרעסט, איז געוואָרען הארט און פאַרגליווערט... און געהאַט האָב איך דעם איינדרוק, אַז ניט נאָר מיט איין טראָט שטעהט זי ווייט פון מיר, נאָר אַז זי איז אויף א מהלך רב פון מיר אַפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט און אַז אויף דעם גאַנצען מהלך ליגט א גרויסער, גרויסער באַרג פון פרעמדקייט.

פאַר דער זעלבער צייט האָט זי פאַרביסען אַ ווינקעל פון אַ ליפּ און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז זי האָט אַ שטיק מיידעלשע אַמביציע אַריינגעביסען אין זיך...

זי האָט מיך אַ לאַנגע צייט אָנגעקוקט הארט און שטייף און אויפלעצט איז זי הארט צוגעגאַנגען צו מיר און מיט הארטקייט געזאָגט:

— צו וואָס האָט איהר מיך געבראַכט אַהערצו? ...

דאָ איז צוגעקומען די שוועגערין מיינע און האָט אַזוי געזאָגט:

— נו, נו, מיינע טייערע, ניט דאָ איז דאָס פּלאַץ צו ראָמאַנסירען, — און דירעקט צו מיר: „דאָ דאַרפט איהר זיין אַ קאַוואַליער צו אַלע דאַמען גלייך. אַזוי לאַנג ווי ס'איז ניטאָ קיין אַנדערער נאָך...”

אין דעם מאָמענט האָט מיר מיין שוועגערין אויסגעזעהן אויסערגעוועהנליך קלוג צו זיין... איך האָב דאָס שוין פיל מאָל באַמערקט אָט דעם ספּעציפישען פּרויען־שטריך, וואָס אין ערוואַר־טונג פון געסט זעהען זיי אויס קליגער ווי געוועהנליך אין דער צייט ווען אַ מאַן מאַכט אַ פאַרקערטען איינדרוק, ס'דאַכט זיך, אַז ער ווערט נאַרישער... און אָט די חכמה איהרע, מיין שוועגערינ'ס, האָט באַלויכטען דאָס פּנים איהר'ס, די אויגען, און זי האָט מיר אויסגעזעהן פיל אינטערעסאַנטער ווי תמיד, און דערפאַר אַליין האָב איך ביי איהר אַ פרעג געטאָן:

— מיינט איהר זיך אויך, שוועגערין? ...

— שור! — האָט זי קאָקעטיש אויסגערופען — וואָס, מיין נשמה איז פון קלאָטשע?

דאָ איז צוגעקומען מיין ברודער און געזאָגט, אָנווייזענדיג אויף דער שוועגערין:

— ממה נפשך, אַז זי שטעהט שוין דאָ מעג איך דאָך שוין אויך שטעהן.

— אָט, זעהסטו, דוקא איצט, ניט!

— פארוואָס?

— ווייל איך ראָמאַנסיר דאָ מיט דיין ווייב!

— נו, אויב אַזוי, — און ער האָט ארונטערגעכאַפּט נעטי'ן אונטער'ן אָרעם און זי געטאָן אַ ציה אָפּ פון אונז, געזאָגט, — קומט, מיס נעטי!...

ער האָט גענומען ארומשפרייזן מיט איהר אויף הין און צוריק איבער'ן גאַנצען גרויסען פּאַרנעם פון „פּאַרלאָר".

דאכט זיך וואָס, אַ גאַנץ נאַאיווע שפּיל, דאָ אָבער, אין די פּאַרהעלטנישען, ווי איך מיט „מיין" מיידעל האָבען זיך געפונען, האָט אָט די שפּיל פון מיין ברודער פאַר איהר געדאַרפט זיין אַ טייוועל־שפּיל... וואָס האָט מען געקאָנט ארייננטייטשען אין מיין ברודער'ס שפּאַס? — אַזוי ווי דו, ברודערקע, פלירטעוועסט מיט מיינער, וועל איך פלירטעווען מיט „דיינער".

די שוועגערין האָט מיך צוגעפיהרט און באַזעצט אַנטקעגען איהר שוועגערין און נעבען דער מיידעל וואָס יענע האָט גע־בראַכט מיט זיך, און דאָ האָב איך באַמערקט, ווי אָט דאָס מיידעל האָט פיס ווי פלעשער (פלעשער מיט די העלדזלאַך אַראָפּ), ביי די שיך זיינען די פיס אַזוי דין און מיט אַמאָל הויבען זיי זיך אויף בייכיג... זעהר אָריגינעלע פיס...

דאָ, גאָר פּלוצים, האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר זיצען מיין שוועגערינ'ס שוועגערין און האַסטיג ווי זי וואָלט געטראָגען געוואָרען פון איהרע ווייבליכע מותרות איז זי צו צו דער וויקטאָ־ראָלאַ און לופטיג און יונגענדליך זיך אַראָפּגעזעצט, האָט זי דאָר־טען, אין די אָפּענע פּירקאַנטיגע לעבער פון דער וויקטאָראַלאַ, אָנגעהויבען צו זוכען און צו נישטערען אַ רעקאָרד. אָפּגעזוכט אַ מינוט און צוויי, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק אַז זי אַליין ווייסט ניט וואָס זי זוכט.... אַז זי זוכט צוליב זוכען בלויז... אָט ווייל פאַר איהר פּאַסט „זוכעניש". און מעגליך, אפשר, האָט זי געזוכט אַזאַ רעקאָרד וואָס זאָל זיך צופּאַסען צו איהר טעמפּעראַ־

מענט... ס'זאָל שטימען מיט די ווייבליכע מותרות וואָס זי פאַר־מאָגט אין זיך...

— אפשר זאָל איך אייך העלפען זוכען, מיסים נעש? — האָט ביי דער זוכערקע אַ פרעג געטאָן די אַליין אָנגעבעטענע אורח'טע, מיט די פלעשעלדיגע פיס.

און ניט געוואַרט אויף אַן ענטפער איז זי גלייך צו צו יענער און אַוועקגעלייגטביידע הענט אויף דער וויקטראָלאַ און אָנגע־בויגען דעם קאָפ צו דער מיסים נעש, צו דער זוכערקע, און צו איהר זוכען.

איך בין פאַר דער צייט צוגעגאַנגען צו „מיין אורח'טע" און זיך געזעצט נעבען איהר און אַוועקגעלייגט אַ האַנט אויף איהרער אַ קני, האָב איהר פאַרקוקט אין די אויגען, ווי אַן אייגענער און ווי אַ נאָהענט היימישער און מיט אַן אָנשטעל, ווי איך וואָלט מיך אין גאַרנישט געפיהלט שולדיג אַנטקעגען איהר האָב איך ביי איהר געפרעגט וואָס זי זיצט אַזוי אומעטיג. פאַר דער צייט האָט אַ טראַסק געטאָן די דזשעז־מוזיק און איך האָב זי געטאָן אַ נעם אַרום און געוואָלט זי אויפהויבען צום טאַנצען. זי, אָבער, איז געבליבען זיצען אומבאַוועגליך, זי האָט בלויז אויסגעדרעהט דאָס פּנים צו מיר און אַוועקגעשטעלט אויף מיר אַ פאַרצוויי־פעלטען פאַרדריסליכען פראַגעבליק... איך האָב געקוקט אויף איהר און האָב זי אַלץ געהאַלטען אַרומגענומען ביי דער טאַליע, און געזעהן אַז ס'איז אַ מעשה אָהן אַ סוף, האָב איך געזאָגט צו איהר:

— קומט... אַניט וועט מען מיינען אַז איך האַלט אייך גלאַט אַזוי אַרומגענומען, און איך וועל אַריינכאַפּען אַ פאַרציע מוסר פון מיין שוועגערין — און טאַקע אַזוי גלייך זיך געווענדעט צו מיין שוועגערין וואָס האָט פאַר דער צייט דאַרטען ביים פענסטער זיך געפּאַרקעט מיט'ן פאַרהאַנג:

— זאָגט מיר נאָר, מיין טייערע, פיל געשעצטע שוועגערין: צי האָב איך דאָס רעכט איינצולאַדען אויף אַ טאַנץ מיין „דאַמע"

וואָס איך האָב געבראַכט מיט זיך, צי מוז איך דווקא פאַרבעטען אַן אַנדערע?

— דעם ערשטען טאַנץ דאַרפט איהר געהן מיט אייערער! — האָט מיין שוועגערין גוטמוטיג געענטפערט...

און איך האָב גלייך איבערגעליפערט מיין שוועגערינס ווערטער צו „מיין" מיידעל:

— איהר הערט? דעם ערשטען טאַנץ באַדאַרף איך געהן מיט „מיינער", איהר הערט? ...

און געפיהלט אַז זי גיט זיך ניט ווילענדיג אונטער און צונויפגעגאָסען זיך צוזאַמען זיינען מיר אַוועק אין געדרעה און — פּיס אין פּיס אריין. גלייך נאָך אונז האָבען זיך פאַרנומען צום דרעהען מיין ברודער מיט זיין ווייב'ס שוועגערין און שפּעטער א ווייילע — מיין שוועגערין מיט דער אורח'טע וואָס איז געקומען אהער צוליב'ן באַוואוסטען שרייבער.

מיר אַלע, דריי פּאַרלאַך, האָבען געטאַנצט צום ריטם פון דער מוזיק וואָס ס'איז בלויז באַשטאַנען פון ריטם אָהן מוזיק.. יאָ, אַז מ'טאַנצט איז מען פאַרטאָן אינ'ם ריטם פון טאַנצען און מ'קען זי נאָך איבערטראָגען אָט די מוזיק, אַזוי אָבער אויסצוהערען זי און ניט טאַנצען איז פּשוט אַן אָפּקומעניש. און דערביי האָב איך געטראַכט וועגען דער אַמעריקע, ווי זי האָט אריינגעגאָסען איהר טעכניק אפילו אין טאַנצען; טעכניק פאַר אויטאָמאַטישע פּיס־שטעלעניש און פּיס רוקעניש, אהער און אהין... מ'קאָן גאָר זאָגען, אַז ס'איז קיין מוזיק ניט. ס'איז אויף אַזוי פיל מוזיק אויף וויפיל דאָס ווערט אויסגעשפּילט פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטען...

טאַנצענדיג מיט מיין מיידעל האָב איך מיך צעוואַרימט און צעגליט און איך האָב איהר אַזוי אריינגעזאָגט אין אויער אריין:

— אייגענטליך וואָלט שוין צייט געווען צו וויסען, וואו מיר האַלטען אין דער וועלט? ...

איך בין געווען צופרידען וואָס איך האָב דאָס אָפּגעזאָגט, הגם קיינער האָט מיך ניט געצוואונגען דערצו... איך האָב אָבער

געפיהלט, אז פאר דער צייט וואָס מיר זיינען שוין באקאנט איז שוין צייט געווען עפּעס אזעלכעס צו זאָגען... ס'איז פּונקט ווי איינער נעמט זיך אונטער איבערצושפּרינגען א גרויסען גרוב. יאָ, ער האָט זיך עס טאָקע אַליין אונטערגענומען און נאָר דערפאר, ווייל ער האָט זיך עס אונטערגענומען, איז דערפאר אַליין מוז ער עס שוין טאָן פּונקט אזוי גלייך ווי אימיצער וואָלט עס אויף איהם ארויפגעצוואונגען...

נאָכ'ן טאַנץ האָט מיין ברודער אַ קוק געטאָן אויפ'ן זייגער און געזאָגט צו מיר:

— דיינע לייט קאָנען אמאָל אָפּטאָן אַ שפּיצעל און ניט קומען?

— האָסט איהם געזאָגט, אז ס'וועט זיין משקה?

— יעס... ער האָט מיר געפרעגט, האָב איך איהם געזאָגט אז ס'וועט זיין...

— האָסטו איהם געזאָגט אז ס'וועלען אויך זיין שעהנע מיידלאך?

— יעס. אויף דעם האָב איך שוין ניט געווארט ער זאָל מיך פרעגען...

— נו, וועט ער קומען!...

— אָבער, ס'איז דאָך שוין צעהן אַזייגער!...

— דאָס מאַכט ניט אויס... אזוי איז ער זיך נוהג... אפילו ס'וועט זיין עלף, דארפסטו זיך אויך ניט מייאש זיין...

— אויב אַזוי, קען מען דאָך אויף זיי ניט ווארטען מיט'ן עסען?

— זיכער ניט!... ער קען אמאָל קומען צוועלף אזייגער אויך!...

מיין ברודער האָט גלייך א זאָג געטאָן צו דער שווענערין:

— דזשעני, מיר געהען צום טיש!

דאָ האָט זיך פּלוצים דערהערט א קלונג פון עלעקטרישען גלעקעל. אזוי קלינגען קאָן נאָר א מענש, וואָס ווייס, אז יענע

מענשען צו וועמען ער איז געקומען, נויטיגען זיך אין איהם מעהר ווי ער אין זיי... מיין ברודער האָט אויף מיר אַ צעמישטען פראַגע־בליק געוואָרפען, ווי ער וואָלט געפרעגט: „דאָס זיינען דיינע? ” און איז גלייך פארשוואונדען מיט דער שווענערין און אין עטליכע סעקונדען ארום האָט זיך געגעבען אַ טראָג אריין אַ מיידעלע, אַ זאנג (ווען ער איז נאָך ניט צייטיג), אזא גלייכס און אזא ליכטס, ווי ס'וואָלט גאָר קיין וואָג ניט געהאַט... עס האָט געמאכט אויף מיר דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט נאָר־וואָס פון אַ וויטרינע אריינגעפאַלען אהערצו... זי איז אריין מיט אזוי פיל לעבען און קוראַזש, ווי זי וואָלט טאַקע נאָר־וואָס לעבעדיג געוואָרען... און ווייל דער רוח חי האָט זיך אריינגעכאַפּט אין אַלעם פארטיגען איז דערפאַר אזוי פיל פייער, דערפאַר ברענט עס אזוי, דערפאַר אזוי פיל וויבליכע באוועגונג און אומרוה...

אראָפּגעוואָרפען פון זיך דאָס קורצע פוטער'ל איז דאָס געבליבען שטעהן מיט אַ פיגורקעלע אַ פלאַטשיגס, מיט שמאָלע אַקסעלעך און פון אָט דער שמאָלקייט און פלאַטשיגקייט האָט זיך אראָפּגעצויגען צוויי דינינקע שלאַנקע פיסעלעך ווי ביי אַ שעפּס, און אויף דעם אַלעמען איז געזעסען אַ קעפּעלע אַ שעהנס און אַ לייכטזיניגס, וואס קען דאכט זיך גאָרניט נעמען ערנסט... אויפ'ן קעפּעל איז געלעגען אַ גאַנצע „סטירטע” מיט האָר וואס וואָלט געקלעקט צוואַנציג פּליכעס צו באדעקען, בלאָנדע, געקארבטע האָר, און ס'האָט ארויס געקוקט אַ קליין שטערענדעל ווי אַן אַרבעס די גרויס... צוויי ליכטיגע, פארפיהרערישע אויגען און איבער זיי, צוויי האַלב־רונדע ברעמעלאַך ווי צוויי קליינע פּיאַוור־קעלאַך... דאָס מיידל איז אפילו ניט געווען אזוי קליין וואָס זאָל הארמאָנירען מיט'ן גאַנצען פּנים און ס'האָט געמאכט דעם איינדרוק, אז דערפאַר וואס ס'איז אַזוי רייצענד, האָט עס זיך אַ דערפון אַליין אויסגעצויגען אביסעלע לענגער, ווי ס'וואָלט באַדאַרפט זיין...

— אבי איך האָב געמיינט, אז איך האָב שוין אַלצדינג פאַר־

שפּעטיגט, — האָט דאָס נייע געסט׳ל געזאָגט, ארומקוקענדיג זיך אין אלע זייטען. און איך האָב זיך גלייך אָפּגערופען:

— איך מיין, אז איהר קענט קיינמאָל ניט פארשפּעטיגען...

— וואָס מיינט איהר?

— ווייל, ווי שפּעט איהר זאָלט ניט קומען, וועט זיך עס מיט אייך אָנהויבען פון אָנהויב...

זי האָט אַ בליאַסק געטאָן אויף מיר מיט די ברייט צונאָ־סענע, שוואַרצע אַפּלען, קענטיג פארשטאַנען וואס איך מיין, אָבער איבערראַשט איז זי קענטיג ניט געווען, ווייל זי האָט שוין פּאָר איהר קורצען מיידעלשען לעבען געהערט עפּעס בעסערס וועגען זיך, און איך האָב בעת מעשה אַ טראַכט געטאָן צו זיך מיט אַ זאָגעכטס, אז אויב דו (איך, הייסט עס) ווילסט צוציהען צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון אָט דעם „פייגעלע", איז ניט מיט קיין קאָמפּלימענטען, ווייל וואָס און וויפיל דו וועסט זיי איהר ניט זאָגען, האָט זי שוין זיכער אַלצדינג געהערט; איז איינס פון די ביידע: אָדער דו בעדאַרפסט צוטראַכטען עפּעס אָריגינעלעס זי צו פאַראינטערעסירען, אָדער דו בעדאַרפסט זיך לכתחילה האַלטען פון וויטען...

— הערט, — האָב איך געזאָגט צו איהר אין אויער אריין (אייגענטליך ניט געזעהן קיין אויער, ווייל די אויערען זיינען גע־ווען פארשטעלט מיט די האָר), — איך בין אהער געקומען מיט אַ ליידי... ווען איך אָבער וואָלט געוואוסט, אז איהר זענט אזא אַנטיקעלע, וואָלט איך זי מיט זיך ניט געווען געבראַכט... איך זאָג אייך אָפענהערציג, אז איך בין גרייט זי צו לאָזען דאָ אויף אַנדערע הענט אַבי צו האָבען דאָס גליק צו וואַרעמען זיך נעבען הערלישען פייער פון אייערע גרויסע, ליכטיגע אויגען... און אויף אָט דעם פייער בין איך גרייט צו ברענגען פאַר אַ קרבן טאַקע די זעלבע דאַמע, וואָס איך האָב געבראַכט מיט זיך... אָבער מיינט ניט, אז איך האָב זי ניט ליב... אַניט וואָלט עס דאָך קיין קרבן ניט געווען... דאָס איז אש אוכלה אש. אַ, איהר

פאַרשטעהט זיכער ניט קיין העברעאיש... דאָס מיינט, אַז איין פייער קען פאַרברענגען דאָס צווייטען... איהר זענט שוין באַקאַנט מיט איהר? אָ, מ'האָט אייך נאָך ניט באַקאַנט...

און צונויפגעפיהרט זיי ביידע האָב איך זיי פאָרגעשטעלט איינס פאַר דאָס אַנדערע און געלאָזט זיי ביידען שטעהן בין איך צוגעגאַנגען צו מיס בוירטע און געזאָגט צו איהר מיט מיין פולער אויפריכטיגקייט:

— הגם איהר זענט דאָ אַהער ניט געקומען צוליב מיר, איז פון דעסטוועגען פיהל איך עפּעס אויף זיך אַ מאָראַלישען חוב און אַנ'אַנגענעמענעם חוב, וויל איך זאָגען, אויפצופּאַסען אויף אייך אַזוי לאַנג ביז „יענער", צוליב וועלכען איהר זענט אַהער געקומען, וועט באַוויליגען צו קומען... איך פאַרזיכער אייך, פריילין בוירטאַ, אַז ווען ער וואָלט געוואוסט, אַז דאָ וואַרט אויף איהם, אַזאַ הייסע פאַרעהרערין, וואָלט ער מיט אַן עראָפּלאַן געקומען צו פליהען אַהערצו... יאָ, דאָס איז אַ גרויס גליק, אפשר דאָס גרעסטע גליק פאַר אַ קינסטלער... און הגם איך באַלאַנג ניט צו זייער משפחה, פון דעסטוועגען בין איך אַזוי צופרידען, וואָס איהר האָט אוועקגערוקט אין אַ זייט די מיידעלשע אַמביציע און געקומען אַהער אָנקוקען אַ אידישען שריפטשטעלער. איך פאַרזיכער אייך, אַז „ער" וועט עס וויסען ווי אַזוי אָפּצושאַצען... אָבער דערווייל וואָלט איך ניט געוואָלט איהר זאָלט זיך לאַנגווייליגען...

— ליידים און דזשענטעלמען! — האָט זיך דערהערט מיין שוועגערין'ס שטימע, — מ'געהט צום טיש!

און ווי געוואָרט אויף דעם רוף זיינען „מיינע" ביידע דאַמען גלייך פאַרשוואונדען געוואָרען, דאָס ווייבעל מיט די ווייבליכע מותרות האָט זיך אַרומגעדרעהט ווי איינע אויף אַ יאַריד, וואָס פאַרקויפט האָט זי שוין אייגענטליך אַלעס, נאָר ס'איז איהר נאָך געבליבען אַ קליין ביסעלע סחורה, וואָס זי איז גרייט אוועקצוגעבען בחצי חנם, און אויב ס'וועט זיך ניט מאַכען קיין קונה איז

אויבעט רעכט... זי האָט עפּעס אַריינגעזאָגט מיין שוועגערין אין אויער אַריין און דערביי אַזוי ציקאַוו און שמייכלענדיג געקוקט אויף מיר, און איז אַרויס צוזאַמען מיט מיין שוועגערין. דער לעצטער איז אַרויס מיין ברודער. ער איז געשטאַנען און געוואַרט אויף אונז ביידען. איך האָב געזאָגט צו איהם:

— מיר קומען שוין די מינוט אַריין... איך האָב דאָ עפּעס איבערצושמועסען מיט דער מיס בווירטע.

אייגענטליך ניט געוואוסט וואָס אַזעלכעס איך האָב מיט איהר צו ריידען... איך האָב געפיהלט בלויז אַז אין מיר איז ערגעץ פאַרהאַן אַ פאַרלאַנג צו ריידען עפּעס מיט איהר... נאָך מעהר, איך האָב געפיהלט עפּעס אַ מין געדראַנג פון השתפּחות הנפש, און דעם געדראַנג האָט ביי מיר אַרויסגערופען טאַקע ניט קיין אַנ־דערע ווי זי אליין, און בלויז דורכדעם, וואס זי איז געקומען אהער פאַרעהרען אַ אידישען שרייבער... און בלויז אלס אַזעלכע איז זי מיר אין דעם מאָמענט געווען נעהענטער פון אַלע מענשען אין דער גאָרער וועלט. איך בין גרייט געווען צו עפענען פאַר איהר ברייט די טויערען פון מיין הארצען... איך בין געווען גרייט פאַר איהר דערצעהלען, אַז איך וואָלט אפשר אויך געקענט זיין מיט דער צייט איינער פון יענע גליקליכע, וועמען עס וואָל־טען באַגערט צו קומען אָנקוקען פאַרעהרער... נאָר איך האָב זיך אַליין באַגראָבען, אַליין דערשטיקט אין זיך דאָס פייער וואָס האָט געברענט אין מיר און וואָס פלאַמט נאָך איצט אויבעט אויף פון צייט צו צייט... דאָס, און נאָך פילעס צו דעם פון דעם זעל־בען, האָב איך געהאַט אַ באַגעהר איהר צו דערצעהלען. איך בין אַריינגעפאַלען עפּעס אין אַ מאָדנער שטימונג... אין... עפּעס אַ מין הערליכער, האַרציגער, און כמעט ווי אַ רעליגיעזער שטי־מונג.. אָבער ניט קענענדיג און ניט וויסענדיג ווי מ'הויבט אָן צו ריידען וועגען זיך אָט דאָס אַלעס, וואָס איך האָב געהאַט וועגען זיך צו ריידען, האָב איך אָנגעהויבען שיטען שבחים אויף מיינע „געוועזענע" קאָלעגען...

— דער חסרון איז, וואָס אַלע די יעניגע אַנדערע אַזוי ווי איהר, וואָס באַגעהרען אַזוי פּערזענליך צו קענען אַ שרייבער, ווע־רען ענטטוישט אַזוי גלייך ווי זיי באַקענען זיך מיט זיי... און דאָס וואָלט ניט געדאַרפט זיין... נאָך אַלעמען, איז דאָך דער שרייבער ניט דער, וואָס איהר זעהט, נאָר אַזעלכער וואָס איהר האָט געוואָלט און באַגערט צו זעהן... ס'הייסט אַזעלכער, ווי איהר האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט לייענענדיג זיינע ווערק... וואָס וואָלטען זיי געוואָלט, אַ שטיינער, אָט די אַלע וואָס שלאָגען זיך דורך טיר און טויער צו באַקענען זיך מיט אַ קינסטלער, — צו זעהן איהם מיט משה רבינו'ס הערנער?

זי האָט מיך אָנגעקוקט און אויסגעהערט מיט אַזאַ שטילען אומעט און שטילען שטילשווייגען, און די אויגען איהרע האָבען זיך אָנגעפילט מיט אַ גלאַנציגער, פרומער פייכטקייט, און גע־זעהן האָב איך אין אָט די אויגען יענעם אידישען רעליגיעזען אומעט, וואָס ווערט איבערגעגעבען פון דור צו דור... רעליגיעזער אומעט, גלות אומעט... אומעט פון הכנעה און קשה ערוף'דיג־קייט איינצייטיג...

— איהר זענט דאָך אויך אַ שרייבער! — האָט זי געזאָגט מיט צניעות'דיגער פאַרשעהמטקייט.

אָט דער „אויך" האָט אַלעס אין מיר געגעבען אַ קער איבער. איך בין מאָמענטאַל פאַרהאַרטעוועט און פאַרשטיינערט געוואָרען. איך האָב געזאָגט צו איהר, נאָך אַ לענגערער פויזע:

— . . . געהאַט אַמאָל דאָס אומגליק צו זיין „אויך", יעס!... אוועקגעוואָרפען! געשלאָגען כפרות! צעריסען, פאַרניכטעט, צו אַלע די טייוואָלים... נמאס געוואָרען!...

— פאַר וואָס? — האָט דאָס מיידעל אַ פאַרוואונדערטע גע־פרעגט.

— ווייל דאָס איז די עכטע קנעכטשאַפט. איהר הערט, וואָס איך זאָג אייך? ניטאָ נאָך אַזאַ קנעכטשאַפט איהר זאָלט זי קענען פאַרגלייכען מיט קינסטלערישער קנעכטשאַפט... קינסט־

לער, די העכסטע מענשען פון גייסט, זיי, אָט די גייסט־מענשען, זיינען גערען צו הערען ווענען זיך אַ גוט וואָרט אפילו פון זייערע קעבינס און פון זייערע לאַקייען (אויב אזעלכע געפינען זיך ביי זיי), אפילו פון דער אייגענער ווייב איז אויך א קרן אַ גוט וואָרט צו הערען. און, נאָך ערגער: א קינסטלער וועט וויליגער זיין אויסצוהערען ווי דו וואַרפסט שמוץ אויף זיין געליבטער איידער צו הערען א פריקרע וואָרט ווענען זיין קונסט... אָט, ווער זיי זיינען, אויב איהר ווילט שוין וויסען, די מענשען פון קונסט...

— אָבער איהר האָט דאָך נאָר וואָס גערעדט גאָר עפּעס אַנ־דערש ווענען „זיי", — האָט דאָס מיידעל מיט פארוואונדערונג געזאָגט.

— יעס! איהר זענט גערעכט, — האָב איך זיך געכאַפּט איהר צוצוגעבען, — זעהט אויס, אז עס ליגט אין בלוט... אפילו אַז דו ווערסט אוים שרייבער, איז קענסטו זיך נאָך אַלץ ניט אָפּ־געוואוינען פון די שרייבערשע דעפעקטען... ענטשולדיגט... איך האָב ניט געמיינט איהם... דעם, צו וועלכען איהר זענט דאָ אהער געקומען... ער איז אַנ'אַנדערער... אינגאנצען, אינגאנצען אַנ'אַנדערער... ער איז לייטישער פון אַלע... הגם אַלע קאָלע־גען פּראָטעסטירען אָפּט ווענען אָט דער אַלגעמיין אָנגענומענער מיינונג, זיי זאָגען, אז זיי זיינען ניט ווינציגער לייטיש פון איהם. און פארקערט מיינט עס, אז ער איז ניט לייטישער פון זיי... — און זיך צעלאַכט מיט אַ געמאכטען געלעכטער, אָנגעכאַפּט איהר אונטער'ן אָרים און זי א שלעפּ געטאָן, געזאָגט:

— קומט צום טיש, מ'וואַרט דאַרטען אויף אונז!

* * *

ווען מ'האָט געהאלטען אין מיט'ן עסען האָט זיך דער־הערט א קלינג. מיין ברודער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט'ן ביסען אין מויל. די „ביוטי" האָט געגעבען א פאָהר־ארוים מיט איהר זיצען און מיט'ן בענקעל פון טיש, און האָט אָפּגעצויגען. דאָס

שוואַרצע אידישע מיידעל איז טויט בלאַס געוואָרען. דאָס ווײַ־בעל מיט די ווייבליכע מותרות איז געבליבען זיצען מיט אַזאַ זיצען, ווי איהר וואָלט קיין קויל ניט געקענט ריהרען און „מיין דאַמע" איז עפּעס ווי אַריין אין זיך מיט אַ מחשבה, וואָס האָט געגעבען אַזאַ אויסדרוק אויף איהר פּנים, ווי זי וואָלט זאָגען געוואָלט: „מילא, וואָס ס'וועט זיין וועט זיין". און אויף לעצט, די שוועגערין מיינע. אויף איהר פּנים האָט זיך אָנגעזעהן אַ פאַרלוירענקייט און ס'איז קענטיג געווען, אַז זי ווייסט ניט, צי בעדאַרף זי זיי אויך קומען אַנטקעגען, צי זי בעדאַרף דאָ בלייַ־בען מיט די געסט וואָס זיצען ביים טיש.

דערהערט דאָס גוט־באַקאַנטע קול פון'ם שרייבער אני הגבר, געהערט ווי ער פאַרענטפערט זיך פאַר זיין שפּעט קומען, ווי אַזעלכעס וואָלט ביי איהם דאָס ערשטע מאָל געטראָפען, און ווי גלייך דאָס וואָלט ביי איהם געטראָפען געגען זיין ווילען...

ענדליך האָבען זיי זיך באַוויזען, זיי ביידע, האַרט איינס נעבען אַנדערען, ווי צונויפגעוואַקסען... דער יונגער, בלאַס און טויט ערנסט, מיט אויגען ווי ביי אַ „פאַקירער", וואָס האָט באַ־וויזען אַ קונץ אָפּצוליגען אַכט טאָג אין דער ערד און דאָך אַרויס אַ לעבעדיגער... אליין איינגאַנצען גלייך־סטרונענדיג אויסגעצויגען. און געדאַכט האָט זיך, אַז אָט־אָט ליגט ער אַוועק אַ האַנט אויף דער ברוסט און פון מויל וועט געבען אַ שפּרונג אַרויס אַ וואָרט: „איך!", „איך בין דאָ!", האָט דער גאַנצער אַריינגאַנג זיינער געזאָגט, און ער האָט קוים, קוים, דעם קאָפּ פאַרנויגט צו די מענ־שען וואָס זיינען ביים טיש געזעסען...

דער עלטערער, פאַרקערט, איז אַריין ווי אַ היימישער מענש, און קענטיג געוואָלט געבען צו פיהלען, אַז זיי זאָלען זיך אויך פיהלען היימיש און געזאָגט צו מיין ברודער:

— איהר האָלט אין מיטען עסען, זעה איך, איהר האָט אוועקגעוואָרפען אין מיט'ן עסען... ניט בעדאַרפט געווען...

נאָך זייגע ווערטער איז אויסגעקומען, אַז מ'האָט זיי געמענט

לאָזען װאַרטען אונטער דער טיר ביז װאַנעט מ'װעט אָפּ־עסען...

און צוגעגאַנגען צום טיש, און אַליין נאָך ניט זייענדיג באַ־קאַנט מיט קיינעם, האָט ער, װי ער װאָלט געװען בעל־הבית אין שטוב, און װי צו איהם װאָלט צו־גאַסט געקומען דער קאָלעגע זיינער, מיט װעלכען ער איז ביינאַנד געקומען, האָט ער מיט פּאַמפּע אויסגערופען, אויפהויבענדיג דערביי די האַנט אין דער הויך:

— איך האָב די עהרע דאָ אייך פאָרצושטעלען מיינעם אַ פריינד און אַ קאָלעגע, איינער פון די געניאַלסטע, גרעסטע דיכ־טער... דאָס איז דער דיכטער עטראָן!

דער פאָרגעשטעלטער האָט זיך עהרענהאַפטיג פאַרנייגט, װי ער װאָלט באַשטעטיגט, אַז ס'איז אַלצדינג ריכטיג װאָס דער עלטערער קאָלעגע האָט געזאָגט, און זיך צעשמייכעלט צו „מיין" מיידעל, װי ער װאָלט איהר דערמיט געװאָלט זאָגען: װאָס הערט זיך עפּעס, אַ? דו האָסט אודאי געמיינט אַז איך טרייב איבער, װען איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך בין אַ געניאַלער פּאָעט?

דאָ האָט זיך גענעבען אַ יאָג אריין דאָס אָקאָרשט פאַר־שװאונדענע מיידעל און דער עלטערער שריפטשטעלער האָט זיך גלייך פאַרלוירען. אויפ'ן יונגערען אָבער, איז דאָס ניט געװען צו באַמערקען, גלייך װי זיין „געניאַל קינסטלערישע" װירדע װאָלט געקענט געמינערט װערען דערפון װען ער װאָלט צו אָט דער װייבליכער שטיק פּאָעזיע אַרויסגעװיזען צופיל אויפמערקזאַמ־קייט.

און אַזוי גלייך װי מיין ברודער האָט די צװיי געסט באַקענט געמאַכט מיט דעם אַנטיקעל האָב איך זיך אויפגעהויבען, אָנגערופען דעם עלטערען שרייבער ביים נאָמען, און געזאָגט, אָנװייזענדיג אויף דער מיידעל, װאָס איז געקומען ספּעציעל צוליב איהם:

— געװעזענער קאָלעגע מיינער! איך מיין, אַז עס װעט אייך זעהר פרעהען, װען איך װעל אייך פאָרשטעלען איינע אַ

פאַרעהרערען אייערע, וואס איז ספּעציעל געקומען דאָ אהער, אויסשליסליך צוליב אייך, כדי צו האָבען דעם כבוד און דאָס פאַרגעניגען צו פאַרברענגען מיט אייך א שעה צוויי אין איין הויז... דאָס איז פריילין בוירטע!

דער עפעקט איז געווען א גוואַלדיגער. ווען דער שריפט־שטעלער, פאר וועמען איך האָב די פריילין בוירטא פאָרגעשטעלט, האָט גלייך פאַרלאָזט די יפת תואר, איז גלייך צו צו איהר און איהר געגעבען די האנט, האָט ער זי א פּאָר מינוט צייט גע־דריקט און געטרייסעלט, די האנט איהרע, און אויף לעצט גע־זאָגט:

— נו, מסתמא האָט איהר אויך געהערט פון מיין פריינד און קאָלעגע, פונ'ם געניאַלען גרויסען דיכטער עטראָן — און ניט געוואַרט אויף אַן ענטפער האָט ער געזאָגט צו זיין „פריינד" און קאָלעגע:

— עטראָן, באַקענט זיך מיט אייער א פאַרעהרערין!....

— און אין א ווײַלע אַרום האָט ער זיך געווענדעט אויף מיין אדרעס, אָבער ניט דירעקט צו מיר:

— איך פּראָטעסטיר געגען מיין פריינד און קאָלעגע הימעל־שיין, וואָס ער האָט מיך אָנגערופען געוועזענער קאָלעגע, — און, דירעקט צו מיר: — קאָלעגע הימעלשיין! איהר זענט היינט פונקט אַזא קאָלעגע ווי איהר זענט עס געווען, צי איהר ווילט עס, צי איהר ווילט עס ניט... א קינסטלער ווערט ניט גע־שאצט נאָך דער קוואַנטיטעט, נאָר נאָך דער קוואַליטעט... פריינד הימעלשיין, איך זאָג אייך דעם אמת, איהר האָט געשאַפען עט־ליכע זאכען, וואָס וועלען בלייבען א מאָנומענט אין דער אידישער ליטעראַטור... און חוץ דעם פאַרהאָף איך נאָך, אַז איהר וועט נאָך שאַפען און שאַפען... דאָס איז בלויז א צייטווײַליגער קאַפּ־ריז ביי אייך... און אָט דער קאַפּריז אַליין איז פון א הויכען קינסטלער...

און אָנגעגאָסען אין אייעלעניש א כוס וויין, ווי ער וואָלט

מורא געהאַט אז פאר דער צייט וועט זיך עפּעס ענדערען, און ער וועט שוין ניט קענען פּאַרטזעצען אין דעם גייסט די רעדע זיינע (געטאָן אַזאַ גיס־אָן, אַז ער האָט אַזש אַריבערגעגאָסען און אָפּ־געפארבט מיט רויטען דאָס ווייסע טישטוך), האָט ער אויפגעהויבען דעם כוס אין דער הויך און אויסגערופען, צעהלענדיג די ווערטער:

— איך טרינק אָט דעם כוס פאר פריינד און קאָלעגע הימעלשיין! איהר זאָלט מיר ענטשולדיגען, מיינע ווערטע דאַמען, וואָס ניט פאר אייך פריהער... פריהער פאר אַלץ איז די קונסט. דאָס איז די איינציגע קאָנקורענטין אייערע, מיינע ווערטע דאַמען... איך מיין דאָס די מוזע... און איך מיין אפשר, אַז פריינד הימעלשיין איז היינט אַ גרויסער בעל שמחה, הגם דער יום טוב איז ניט דירעקט פאר איהם געמאַכט געוואָרען... פריינד הימעלשיין ווערט אַ שטענדיגער מיטאַרבייטער פון מיין...

— איך האָב עס אייך נאָך ניט צוגעזאָגט! — האָב איך איהם אינמיטען איבערגעשלאָגען, — איך וויל טאַקע ריידען מיט אייך וועגען דעם...

דאָ האָט גענומען אַ וואָרט מיין ברודער:

— איך מיין, אַז דאָס וואָלט מען בעדאַרפט אָפּלייגען אויף שפּעטער, ווייל דאָס איז אַ צו־פּריוואַטע, אינטימע זאַך...

— בראַוואָ! — האָט האַלב שטיל, האַלב הויך עפּעס אַזוי, אויף ניט אַהין און ניט אַהער אַ זאָג געטאָן דער דיכטען עטראָן, און דערביי לייכט אַ פּעטשעל געטאָן מיט איין האַנט אין דער צווייטער, — מיר זיינען דאָ אַהער ניט געקומען צו ריידען וועגען ביזנעס...

דער עלטערער שריפטשטעלער איז אריין אין דער ראָלע:

— פריינד און קאָלעגע עטראָן, איהר זיינט טאַקע אַ גרויסער קינסטלער, אָבער פאַרגעסט ניט, אַז איך בין נאָך אַ גרעסערער פון אייך, און בין עלטער פון אייך, דערפאַר דאַרפט איהר ווייסען, אַז איך פאַרשטעה מעהר פון אייך, וואָס ס'איז ביזנעס און

וואָס ניט... ס'איז געווען אמאָל ביי אידען א שעהנע מידה פון פּדיון שבויים, פון אויסלייזען געפאַנגענע, איז וועגען אָט די „ביזנעס" האָט מען געמעגט פארהאַנדלען אפילו אום יום כפּור... איך האַלט, אַז פריינד הימעלשיין איז איינער אזעלכער... ער איז א געפאַנגענער... ער איז אַריינגעפאַלען אין א נעץ פון... נו, איך וויים אַליין ניט ווי איך זאָל דאָס אָנרופען... אָבער איך וויים איין זאַך, אַז ער איז א געפאַנגענער און ס'איז א גרויסע מצוה איהם אַרויסצושלעפּען פון אָט דער געפאַנגענשאַפט...

— בראַוואָ, בראַוואָ, בראַוואָ! — האָט מיין ברודער גע־שריגען און געפּאַטשט אין די הענט און געטאָן א גיס אָן א כוס, האָט ער אויסגערופען, ווענדענדיג זיך דירעקט צום על־טערען שריטפּשטעלער:

— איך טרינק פאַר אייער געזונד און ווינש אייך, איהר זאָלט האָבען גרוים ערפאָלג אין אייער אונטערנעמונג...

ניט אַריינטראַכטענדיג זיך און ניט אַנאַליזירענדיג וויפיל אויפריכטיגקייט ס'איז געווען אין אָט די רייד און אין דער „רעדע", וואָס דער שריטפּשטעלער האָט געהאַלטען, בין איך גע־ווען פאַרוואונדערט, וואָס דאָס איז געקומען אזוי פּלוצים, אזוי אומגעריכט, גלייך ווי ער וואָלט ספּעציעל צוליב דעם געקומען, און ס'איז מיר געווען זעהר ניט אנגענעם, וואָס איך בין געוואָרען דער צענטער פון דער גאַנצער שמחה, פּונקט ווי איך וואָלט די שמחה געמאַכט און ווי איך וואָלט דער בעל שמחה געווען...

דאָ, גאָר אומגעריכט, ווי דער שריפּטשטעלער וואָלט זיך גאָר פּלוצים געכאַפּט, אַז מ'בעדאַרף פאַר זיך עפּעס אויך טאָן, האָט ער א פרעג געטאָן ביי דער פאַרעהרערקע, ביי זיינער, וואָס זי האָט „זיינע" געלייענט... דאָס מיידעל האָט שעהמעוודיג, גע־שמייכעלט און זיך געדרייטעלט און די שוואַרצע, אידישע, גלות־אויגען, האָבען געגלאַנצט יום טוב'דיג און עליה'דיג, און זי האָט איהם אויסגערעכענט עטליכע זאַכען זיינע, וואָס זי האָט נאָך דאַרטען, פון יענער זייט ים, אין דער אַלטער היים גע־

לייענט. ער איז געוועזן זעהר צופרידען און מיט אומצופרידענ־הייט געפרעגט:

— אָבער דאָ לייענט איהר שוין ניט?

און ניט באַקומען קיין ענטפער, האָט ער אין א ווייל׳ע ארום ווייטער געפרעגט:

— נו, און דעם דיכטער עטראָן׳ס, האָט איהר עפּעס גע־לייענט, אודאי גארניט געלייענט, א? אָן עולה, זאָג איך אייך. א גרויסע עולה! ווי אזוי לייענט מען דאָס ניט?... מ׳בעדאַרף לייענען די יונגע אויך... ס׳הייסט, איך האַלט מיך אויך ניט פאר קיין אַלטען, הגם איך שרייב שוין לאנג... איך שרייב נאָך אָבער ווי א יונגער, שרייב איך...

און דאָ האָט ער א וואָרף געטאָן א גלאַנציגען בליק אויף דער „ביוטי פּאַרלערקע", און געזאָגט פאַרדאָסיג און עניות׳דיג:

— און איהר האָט דאָך שוין אודאי ניט געלייענט, א? איהר זענט טאַקע אַזעלכענע שעהנהייט... ס׳הייסט, אַלע דאַ־מען, וואס זיצען דאָ, זיינען שעהנע, און מיין פאַרעהרערין אוי־כעט... אָבער, איהר... גלויבט מיר, אז ס׳וואָלט אייך אסור גע־שאַדט...

די „ביוטי" האָט אזוי שעהן מיידעלדיג און קינדעריש גע־לאַכט און זיך פאַרענטפערט מיט דעם, וואס זי קען קיין אידיש ניט לייענען...

— איי עם סאָרי!

— איהר באַדויערט, זאָגט! — האָט פון זיין זייט געפונען פאר נויטיג איהר צו פאַרריכטען דער פּאָעט עטראָן!

און זי, די „ביוטי", ווי זי וואָלט געפיהלט אַז אפילו ביי אידישע שרייבער וועט זי אויכעט אויסנעמען מיט איהר ניט קענען אידיש, האָט גאַנץ גלייכגילטיג אָנגענומען דעם תיקון טעות און קאָקעטיש א שאָקעל געטאָן מיט׳ן קעפּעל, ווי זי וואָלט גע־וואָלט דערמיט באַווייזען, אַז אזוי איז אויך רעכט פאר איהר, האָט זי גלייך נאָכגעזאָגט:

— איך באַדויער!

און זיך געפּלייסט דאָס אַרויסצוזאָגען וואָס ערגער.

דאָ האָט „מיין" פּאָעט געטאָן אַ נעם אַרום „מיין" מיידעל, נעבען וועלכער ער איז געזעסען, און אַריינגעקוקט און אַריינגעשמייכעלט איהר אין פּנים אַריין, אויסגערופען:

— אָבער דערפאַר קען שוין אונזער נעבע ריידען אידיש, — און זיך אַ ווענד געטאָן צו מיר:

— איאָ זי רעדט אַ שעהנעם אידיש?

און איך האָב ניט לאַנג געטראַכט און אויף זיין מאַניער געגעבען אַ דריק־צו צו זיך די „ביוטי" מיידעל און געזאָגט, וואַרפענדיג אַ קוק אויף „מיינער":

— ווּעמען אַרט עס?... וואָס איז נאָך אַלעמען פאַר אַ חילוק?... אפשר פאַר אייך, אידישע שרייבער, אָבער מיר איז אַלץ איינס צי זי לייענט אידיש, צי ניט, צי זי קען אידיש לייענען, צי ניט... איך ווייס אָבער פון אַנ'אַנדער מעלה וועגען וועלכער איהר, מיינע געוועזענע קאָלעגען, ווייסט עס אויך... ס'הייסט, איך וויל זאָגען, אַז איהר זעהט עס... און פאַר איהר הייב איך אויף אָט דעם כוס און טרינק פאַר איהר שעהנהייט, הורא!!

— און איך הייב דעם כוס און טרינק פאַר נעבע'ן, פאַר איהר אידיש ריידען, און פאַר איהר אידיש לייענען טרינק איך, הורא!!! — האָט אויסגערופען דער פּאָעט עטראָן.

— און איך טרינק אַ טאָסט פאַר מיין פאַרעהרערין, פאַר דער מיס... ווי אַזוי רופט מען אייך?

— בוירטאַ! — האָט זיך געכאַפּט צו זאָגען מיין שוועגערין.

— איך טרינק פאַר מיס בוירטאַ, הורא!

נאָכהער זיינען געפלויגען טאָסטען פאַר מיין ברודער און פאַר מיין שוועגערין און איך אַליין האָב אויך געטרונקען אַ טאָסט פאַר זיי און זיך צעקושט מיט זיי ביידע. נאָכהער האָב איך געטרונקען אַ טאָסט פאַר מיין שוועגערינס שוועגערין, וואָס איז נעבאַך שוין געזעסען אַ פאַרצוקטע וואָס קיינער האָט נאָך

פאַר איהר קיין טאָפּטע ניט געהויבען, און בכלל פון דעם, וואָס קיינער קוקט זיך ניט אום אויף איהר, און... אויף איהרע ווייבּליכע מותרות...

די האַלב־אָפּגעגעסענע האָבען זיך פון דאָס נייע פארנומען צום עסען אונטער דער באַרוישונג פון די פּאָר טאָפּטען וואָס מ׳האָט געטרונקען פאַר זיך און פאַר אַנדערע. מיין שוועגערין האָט געאַרבייט, איז אַרום און אַריין, אַמאָל אין דער באַגלייטונג פון דער „שוואַרצער״, אַמאָל אַליין, און צוגעשטעלט פאַר די נייע געסט און פאַר די „אַלטע״ אַלץ נייע און נייע מאכלים. דער עלטערער שריפטשטעלער האָט אַלע מאָל אַ נייעם כוס געטרונקען און איטליכס מאָל פאַר אַ צווייטענס געזונד... און בכלל האָט ער זיך געהאַלטען און זיך געפיהרט אזוי, אַז ווען אַ פרעמדער מענש וואָלט אַריינגעקומען, וואָלט ער געמיינט אַז ער איז דער בעל הבית פון שטוב... ער איז קיין מינוט ניט איינגעזעסען, נאָר געהאַלטען אין איין הויבען זיך. דערפאַר האָט דער צווייטער זיך געפיהרט מעשה סטאַט, איז זיך געזעסען שטיל און סאָליד, גלייך און אויסגעצויגען, שוויגענדיג און קוקענדיג, געקוקט און געשוויגען. בלויז פון צייט צו צייט צוגעשמייכעלט, ווי ער וואָלט זיך געטראַכט: „„עי, חברה, איהר ווייסט דען ווער ס׳זיצט דאָ מיט אייך ביי איין טיש? ס׳איז דאָך „איך״.

אָט דאָס זיצען זיינס און אָט די האַלטונג זיינע, האָט קענטיג באַמערקט דער עלטערער קאָלעגע זיינער און אַ פאַרקרים געטאָן דאָס פּנים האָט ער געזאָגט צו איהם:

— וואָס זיצט איהר אזוי? פע, ס׳איז ניט שעהן!... אַ שרייבער באַדאַרף ניט בלאָזען פון זיך!... אַ שרייבער באַדאַרף זיין אַ מוסטער פאַר אַנדערע...

ביים דיכטער עטראָן האָבען זיך די צוויי סערפּען אַרום מויל טיפער איינגעשניטען אין די באַקען און ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער האָט אַריינגעקוועטשט אין זיך אַ שטיק געדולד און שוויינעניש און ווי ער וואָלט זיך דערביי פאַרענטפערט:

„פארפאלען, מ'מוז מאכען א שוויין דערפאר וואס ער הערט פון יענעם אויך לויב־געזאנגען... מיך האט עס אבער שטארק פאר־דראסען... אויב ער, דער עלטערער קאלעגע, איז דעם יונגערן טאקע אזא גרויסער פריינד, האט ער עס איהם ניט באדארפט געוועזען זאגען בפני כל עם ועדה. און איך האב אזוי, צווישען די ציין, געזאגט צום מוסר־זאגער:

— דאס האט איהר געמעגט אפלייגען אויף אן אנדערש מאל. צווישען פיר אויגען געקאנט איהם זאגען.

גלייך נאך די ווערטער האט זיך אויפגעהויבען דער יונגער דיכטער און איז ארוים פון טיש...

ס'איז געווארען א גערודער און א טומעל. מיין ברודער און מיין שוועגערין זיינען גלייך אויסגעוואקסען נעבען איהם און איהם גענומען איינריידען, אז ס'איז גארניט, אז יענער האט גאר ניט געמיינט. דאס ווייבעל מיט די ווייבעלדיגע מותרות איז אויך דא אזוי גלייך געשטאנען נעבען איהם און האט איהם, אויף איהר אופן, גענומען איינריידען, אז ס'איז גארניט... נאכהער האט ער אליין, דער מוסר זאגער, דעם טיש פארלאזט און צוגעגאנגען צום אויסגע'מוסר'טען, האט ער ארויפגעלייגט גוט־ברודעריש ביידע הענט אויף זיינע אקסלען און געזאגט בזה הלשון:

— וואסי, איך האב אייך באליידיגט? נו, אנטשולדיג איך זיך. — און זיך געווענדעט צו אלע פארזאמעלטע: — איך אנטשולדיג זיך פאר אלעמען, פאר מיין פריינד און קאלעגע עטראן און איך בעט איהם אין מיין נאמען און אין נאמען פון די בעלי הבתים פון דער שטוב און פון אלע איבעריגע געסט, ער זאל דא בלייבען און זאל פאר אונז דא פארלייענען איינע פון זיינע געניאלסטע זאכען וואס ער האט לעצטענס אנגעשריבען... ער האט עס דא ביי זיך, און איך בעט אלע געסט פארנעמען צוריק זייערע ערטער און זיך גוט צוהערען וואס אונזער געניאלער, גרויסער, דער גרעסטער, א חוץ מיר, פארשטעהט זיך, — האט ער אין מיטען אריינגעהאקט מיט א געלעכטערל — וואס מיר האבען...

עס האָבען אַלע אַפּלאָדירט. כ'ווייס ניט ווען: צי דעם עלטערן, פאַר זיין ווילען צושטעלען דעם עולם דעם גייסטיגען פאַרגעניגען, צי האָט מען אוואנסירט דעם יונגערן מיט אַפּלאָדיסמענטען אויף זיין זאַך וואָס ער וועט איבערלייענען...

ביים דיכטער עטראָן האָט זיך דאָס גאַנצע פּנים ווי צעעפענט און פון צעעפענטקייט האָט אַרויסגעשיינט אַ שמייכעל... אפילו דער טיפערער און ערנסטער קנייטש אויף דער לינקער באַק האָט זיין ערנסטקייט פאַרלאָרען, און ס'איז געווען באַשיינפערליך צו זעהן, אַז דער בחור איז אַנטוואַפענט פון יענעמ'ס קאָמפּלימענטען, אַז ער איז אינגאַנצען באַרוישט און פאַר'שיכור'ט פון די שבחים, וואָס זיינען געפלויגען פון יענעמ'ס מויל, ווי ראַקעטען... און וואָס אַנבאַלאַנגט יענעם, דעם ראַקעטען־שיסער, האָט ער געקוקט אויף איהם און אויף אַלע איבעריגע מיט טאַנצענדיגע און גלאַנצענדיגע אויגעלאך איז קענטיג געווען, אַז ער וויל, אַלע זאָלען זעהן אַז ער האָט דעם בחור אַנטוואַפענט...

די פאַר זייעריגע, וואָס האָבען אַ דאַנק אָט דעם אינצידענט דעם טיש פאַרלאָזט, האָבען זיך צוריק באַזעצט אַרום טיש, אָבער שוין ניט אויף די זעלבע ערטער ווי מ'איז פריהער געזעסען. אָט איז גאָר אויסגעוואַקסען מיין שוועגערינ'ס שוועגערין נעבען יונגען דיכטער און פון דער צווייטער זייט האָט זי געהאַט פאַר אַ שכינה איהר שוועגערין, די „ביוטי", גלייך ווי זי וואָלט מיט זיך און מיט איהר קערפּער געוואָלט זיי אָפּצאַמען איינס פון דאָס אַנדערע... און דאָ האָב איך צו מיין גרויסער פאַרוואונדערונג באַמערקט אַז נעטי פעהלט ביים טיש... איך האָב מיר אַנטשולדיגט און אריין אין פאַרלאָר", האָב איך זי דאָרטען געטראָפען זיצען געזונקען אין אומעט און אין שווייגען.

— וואָסי, וואָס זיצט איהר דאָ?

זי האָט ניט געענטפערט און איך האָב נאָך אַ לענגערער פּאַוזע געזאָגט:

— דאָס האָב איך שוין אויף צו־להכעיס געטאָן...

— וואָס ?...

— וואָס איך האָב זי, יענע, ארומגענומען... און וואָס איך האָב געטרונקען פאר איהר א טאָסט... דאָס האָב איך געטאָן דער־פאר, ווייל „ער" האָט עס מיט אייך געטאָן...

— טאָ פארוואָס האָט איהר זיך באַזעצט נעבען איהר ?...

— ווייל ער האָט זיך באַזעצט נעבען אייך !

איך האָב זי אָנגענומען פאר א האַנט, זי געוואָלט אויפהויבען פון איהר זיצען, און געזאָגט צו איהר :

— קומט ! ס'האָט דאָך קיין פנים ניט... ער ווארט דאָך דאָרטען אויף אונז. דאָס קען איהם שרעקליך באַליידיגען... קינסטלער זיינען אין דעם פּרט זעהר איימפּערזיכטיג... איהר מיינט צו מיר, וואָס איהר זייט דאָ מיט מיר און איך מיט אייך ? ניין, ער וועט זיין איימפּערזיכטיג פאר זיין דיכטונג... ער קען היבשליך ברוגז ווערען פאר אזא זאַך...

— טאָ וואָס געהט עס אייך אָן ?

— אייך אימפּאָנירט דאָס, וואָס ער איז א דיכטער !

זי האָט ברייט צעעפענט די אויגען.

— איהר האָט דאָך געקראַנגען צוטרוי צו מיר, ווייל ווי איהר געדענקט, האָב איך ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט אונזערער אייך אריינגעלאָזט א גריל אז איך בין א שרייבער... איך האָב מיך באַנוצט מיט א פרעמדער מאַרקע, צו אַל די רוחות ! און איהר האַלט אָן די באַקאַנטשאַפט אייערע מיט מיר א דאַנק אָט דער מאַרקע, מיט וועלכער איך האָב שוין העכער דריי יאָהר געשלאָ־גען כפּרות... אלס פּשוט'ער בשר ודם קען ער מיט מיר ניט קאָנ־קורירען, ווייל איך בין פיל, פיל שעהנער פון איהם, בלייבט מיר נאָך איבער צו בלייבען איימפּערזיכטיג צו זיין פּאָעזיע, ווייל אלס דיכטער איז דאָך אויסער יעדען צווייפעל, אז איהר האַלט איהם גרעסער פון מיר... אָט פאר וואָס מיר איז אזוי שלעכט מיט אייך, נעטי... איך זאָג דאָס אייך אָפענהערציג...

זי האָט די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב גערעדט, מיך אָנגע־קוקט מיט א האַלב אָפען מויל און מיט ברייט צעעפענטע אויגען

און געקוקט אויף מיר מיט אזוי פיל פארוואונדערונג ווי איך וואָלט געשלעפט סטענגעס פון מויל.

דאָ האָט זיך באַוויזען מיין ברודער און מיט אן אויסדרוק פון פארדרוס און צער האָט ער געזאגט:

—וואָסי, וואָס האָסטו זיך דאָ באַזעצט (הגם איך אליין בין געשטאַנען), מ׳וואַרט דאָך דאָרטען!...

איך האָב איהם געזאגט, אז מיר געהען שוין אריין, אָבער איך האָב עס ניט געטאָן, געפיהלט אז מיין שפּיל (וואָס איך האָב געשפּילט בלויז צוליב שפּיל) האָט דערגרייכט דעם העכסטען שטאַפּעל, האָב איך געוואלט ווייטער זי ציהען, העכער, געוואָלט זעהן ביז וואנען אָט די „אָפענהערציגקייט” מיינע וועט זיך עס קענען דערלאַנגען.. ס׳איז דאָך אייגענטליך טאקע אמת געוועזען אויך... איך האָב עס אָפענהערציג געמיינט, אָט דאָס וואס איך האָב גערעדט, אָבער דאָס מאכט ניט אויס, איז דאָס געווען אן אָפענהערציגע שפּיל... נעטי האָט געקוקט אויף מיר מיט פייכטע אויגען און מיט א וויברירענדער שטים געפרעגט:

— וואָס ווילט איהר פון מיר, א?...

און דאָ בין איך שוין ארוים מיט קלאָהרער אפענהערציגקייט:

— אז איך בין געפאָהרען מיט אייך אהערצו האָב איך אייך געבעטען, איהר זאָלט רעאגירען אויף זיין היימישקייט מיט אייך, אויף זיין רופען אייך „נעכע”, וואס ער רופט אייך... ער האָט אייך דאָ א פּאָר מאָל „געאידישט” און איהר האָט ניט רעאגירט אויף דעם...

און זי א כאפּ געטאָן ביי דער טאַליע אין איילעניש צוגעגעבען:

— קומט, ס׳איז דאָך א סקאנדאל! אלע וואַרטען דאָך אויף אונז!

ווען מיר זיינען אריין אין עס־צימער האָבען מיר געטראָפען אלעמען זיצען געשפּאַנט און כלומר׳שט מיט יענער שטימונג

וואס איז נויטיג אין אזא פאל. דער דיכטער, וואָס האָט בע־דארפט לייענען די זאך זיינע, איז קענטיג ארונטערגעפאלען אונ־טער דער שטימונג, וואס איז דורך איהם און צוליב איהם געשאפען געוואָרען און האָט אנ׳אָנגעלאָדענער אריינגעקוקט אין פאפירעל אריין און אפילו זיך ניט אומגעקוקט אויף אונזער אריינקור־קומען...

דער עלטערער שריפטשטעלער, דער פרעדיגער פון פראָסט־האלטעניש, האָט זיך געהאלטען אזוי ווי ער וואָלט געוואוסט מעהר פון אלעמען, ווי מ׳בעדארף זיך אין אזא אנגעלעגענהייט האל־טען.... און ס׳האָט זיך געדאכט, אז ער, דער פאך־מאַן, רעספעק־טירט נאָך מעהר פון אלעמען אָט דעם שרייבער, און דאָס וואָס ער שרייבט און איינצייטיג דאָס וואָס יענער קלייבט זיך פאָרצולעזען דאָס אָנגעשריבענע... און ס׳איז געווען צו זעהן, אז דאָס איז פון איהם אויף א געקינסטעלטען אופן געשאפען געווארען, כדי צו שאפען ביי אלע איבעריגע באציהונג און רעספעקט צו א שריי־בער...

ווען מיר זיינען אריין האָט ער מיר א דראָה געטאָן מיט׳ן פינגער און איינצייטיג האָב איך געזעהן ווי די אייגעלעך זיינע קוקען גאנץ געמיטליך צו מיר...

— עטראָן, איהר קענט אָנהייבען! — האָט דער עלטערער געזאָגט צום אינגערען.

ביי אבסאָלוטער שטילקייט און אבסאָלוטער רוהיגקייט, האָט דער דיכטער איבערגעלייענט א נאָך ניט געדרוקט גערדיכט אין ווייסע פערזען, אונטער׳ן נאָמען „אין סדום״, פון דער מיידעל וואָס איז געשטארבען מיט א מארטירער־טויט פאר דעם, וואס זי האָט, ווי ס׳ווערט אין דער תורה איבערגעגעבען, „צוגעטיילט״ אן אָרימאן א שטיקעל ברויט...

דאָס איז אייגענטליך געווען א בייסענדע סאטירע אנטקעגען היינטיגע מיידלעך, וואס לעבען אין צוואנציגסטען יאהר־הונדערט, און באזונדערס אנטקעגען די אמעריקאנער מיידלעך, וואס שטעהען

ווייט, ווייט פון א וועלכען עס איז אידעאל און וואס זיינען אינ־גאנצען פארטאָן אין זייערע אייגעננוציגע, עגאָאיסטישע מיידעלשע אינטערעסען... און געענדיגט האָט זיך דאָס געדיכט מיט דעם, וואָס דער דיכטער הייסט די היינטיגע מיידלעך זיך אראָפּנעמען א מוסר פון דער סדום מיידעל און זאָלען ניט זיין אזוי ענג־הערציג און עגאָאיסטיש...

ער האָט געקראגען אזעלכע אפּלאָדיסמענטען, וואָס האָט זיך ממש פארוואנדעלט אין אַן אָוואציע, און היציגער פון אלע האָט אפּלאָדירט דער קאָלעגע זיינער... און אָנגעגאָסען א כוסה האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— איך טרינק פאר אונזער יונגען גרויסען דיכטער עטראָן, הורא!!!

און געזעהן, אז איך רעאגיר ניט, האָט ער געזאָגט צו מיר:

— הימעלשיין, ס׳איז ניט גוט, ס׳איז ניט פיין... ס׳איז ניט קיין באציהונג צו א קאָלעגע... אויב אפילו אייך געפעלט ניט דאָס געדיכט זיינס, איז אויך ניט וויכטיג... האָט ער אָנגעשרי־בען אנדערע געניאַלע לידער... איך מיין עס... מיר געפעלט דאָס געדיכט אויך... ס׳איז נאָר אביסעלע צום סוף... א, וואָס זאָגט איהר? און דער אָנהויב און אין דערמיט בעדארף ער עס אביסעלע צושלייפען. ווייטער איז דאָס זעהר א גוט ליד. — און האָט זיך געווענדעט צו זיין פארעהרערין אָנטרייסלענדיג דערביי איהר אויפ׳ן קאָפּ א שטיקעל אש פון זיין פאפּיראָס:

— א, וואָס זאָגט איהר? א יאָ ס׳איז א פיין געדיכט? — און גלייך אריבערגעפרעגט ביי דער „ביוטי" וואס איז געזעסען אנטקעגען ביי א צווייטען עק טיש. — וואָס זאָגט איהר, קרא־סאוויצע?

דאָס איז שוין דאָס צווייטע מאָל, וואָס ער ווארפט אריבער א קאָמפּלימענט צו דער „ביוטי", ניט פיהלענדיג ווי אומטאַקטיש דאָס איז אין באצוג צו דער מיידעל, וואס זיצט נעבען איהם,

און דער עיקר'שט צו דער אזעלכער, וואס איז אנ'אומגעבעטענע ספעציעל צוליב איהם אהער געקומען...

און גלייך נאכדעם, ווי די „קראסאוויצע" האט געגעבען איהר הסכמה, אז דאס געדיכט, וואס דער דיכטער האט פאר־געלייענט, איז גוט, האט דער עלטערער שריטפשטעלער א ווארף געטאן צו מיר זיינע פלוטעוואטע און גלאנציגע אייגלעך און געזאגט:

— איצט לייג איך פאר אונזער יונגען, באגאבטען בעלעט־ריסט און עסייאיסט הימעלשיין, ער זאל עפעס פארלייענען.

א טומעל פון אפלאדיסמענטען, נאר מעהר פון אלע האט אפלאדירט מיין ברודער... איך אבער בין געזעסען מיט אזא זיצען ווי ניט מיך מיינט מען, און דער חשוב'ער גאסט וואס האט געטיילט די עליה'ס האט זיך געגעבען א הויב אויף פון פלאץ און האט מיט א גוטמוטיג בייזערן אויסגעשריען:

— הימעלשיין!!

און האלטענדיג דעם פאפיראס אין האנט, איז ווידער אראפגעפאלען א שטיקעל אש אויף זיין פארעהרעריקע'ס קאפ און איך האב דערביי א טראכט געטאן, וועגען דעם מענשען, ווי מאדנע דאס איז מיט איהם אפילו ווען ער איז שוין עס ניט גערען, איז טוט זיך עס שוין ביי איהם פון זיך וואס איינציייטיג ווי ער וויל איין מענשען דערהויבען באווארפט ער מיט „אש" א צווייטען מענשען...

— איך דאנק אייך!... איך האב ניט וואס צו לייענען... איהר ווייסט גאנץ גוט, אז שוין זייט דריי יאהר אז איך בין אוועק דערפון, און בכלל...

— ניין, מיר וועלען אייך ניט אפלאזען! — האט דער זעל־בער אויסגערופען — איהר האט קיין רעכט ניט אויף דעם!... איהר זענט ניט אייערער, איהר זענט...

— יא, איך טענה צו איהם אויך דאס אייגענע — האט מיין ברודער געזאגט מיט א וויבּרירענדער שטים. — איך טענה צו

איהם, אז ער האָט ניט קיין רעכט זיך אָפּצוזאָגען פון שרייבען...
ווען איהר וואָלט געוואוסט וואָס פאַר אַ פּאָטער און וואָס פאַר אַ
ייִדען מיר האָבען געהאַט און די גאַנצע משפחה אונזערע...

— ווערטהע פריינד! — האָט ווידער אויסגערופען דער חשוב'ער גאַסט — אין דעם איז אַלץ אונזער קריטיק שולדיג... ווען מיר וואָלטען געהאַט עהרליכע, איבערגעגעבענע קריטיקער, וואָלטען אזעלכע הימעלשיינס, וואָס מיר האָבען ניט קיין סך, וואָלטען זיי ניט געוואָרפען דאָס שרייבען... אַ יונגער שרייבער נויטיגט זיך ווי אַ יונג עופה'לע אין פליגעל און אין ווארעמ־קייט... אמאָל, פאַר אונזערע צייטען, האָבען מיר, אָנפאַנגער, דאָס געהאַט... ווען ס'האָט זיך באַוויזען אַ נייער טאַלאַנט איז געווען אַ יום טוב ביי די עלטערע שריפטשטעלער. און היינט וואָס?... איז מיר גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס אַזאַ איידעלער, ראַפינירטער שרייבער ווי אונזער פריינד הימעלשיין האָט אוועקגע־וואָרפען שרייבען... יאָ, דאָס איז אונז אַלעמען געוואָרפען די פאַראַכטונג אין די פּנים'ער אריין... נאָר וואָס זיינען מיר שול־דיג? מיר אליין, די קינסטלער דאָ, זיינען מיר אויכעט אָפּגעריסען פון אונזער ווארימער סביבה... שולדיג איז בלויז די קריטיק... מיר האָבען ניט קיין פאַראַנטוואָרטליכע קריטיקער... אָבער צו וואָס בעדאַרף מען גאָר די גאַנצע קריטיק? איך האַלט, אַז ס'איז אַן אי־בעריגע זאַך. ווער בעדאַרף זי האָבען? די ברייטע מאַסען, זיי זיי־נען אונזערע שופטים און ריכטער... אַז די ברייטע מאַסען נעמען אייך אָן מעגען אייך הונדערטער קריטיקער אַרונטערדרייסען וועט זיי גאָר ניט העלפען... אָט וועגען מיר, איך שעם זיך גאָרניט צו זאָגען, האָט מען כמעט אזוי ווי גאָר ניט געשריבען, און דאָך, זעהט ווי באַליבט, ווי פּאָפּולער איך בין ביי די מאַסען...

— נו, און איך? איך ניט אזוי?... פון וואַנען קען מען מיך? וועגען מיר האָט נאָך קיינער אפילו קיין וואָרט ניט גע־שריבען... איך שרייב שוין אזוי פיל יאָהרען... און פונדעסט־וועגען... ווער קען מיך ניט... אומעדום וואו אידיש וואָרט גע־

לייענט, ווער איך פארעהרט, — האָט מיט א פלעגמאטישען, כמעט וויינענדיגען קול געזאָגט און ווי זיך געבעטען ביי עמיצען דער דיכטער עטראָן...

דער עלטערער שריפטשטעלער האט געקוקט אויף איהם, געלאסען און רוהיג, איהם אויסגעהערט און פאָרטגעזעצט יענעמס רייד:

— אָט, נעמט טאקע איהם!... איך האלט, אז ער איז דער אָריגינעלסטער, טיפסטער... נו, פאר וואָס איז נאָך וועגען איהם קיין תמונת אות אין ערגעץ פון קיינעם ניט געווען געדרוקט?

— און געוועגדעט זיך צו מיר: — הימעלשיין! איך נעם אייך אונטער מיינע פליגעל. עטראָנ'ען האָב א י ך ארויסגעפיהרט... ווען ניט איך, ווער וואָלט געוואוסט פון איהם?... איך, רק איך, האָב פון אָנפאנג אָן אָנגעהויבען צו שרייען, אז מיר האָבען אין איהם א גרויסען טאלאנט, און איך זאָג אייך אויכעט: הימעלשיין, איהר זענט א געניאלער קינסטלער... אָט הויבט אָן גאָר איננגיכען צו ערשיינען מיין זאמעלבוך „קניפען"... איהר וועט זיין ביי מיר פון די ערשטע און חשוב'סטע מיטארבייטער...

— בראוואָ! בראוואָ! — האָט מיין ברודער אפלאָדירט,

— ס'איז טאקע א חוב פון די עלטערע קאָלעגען איהם ארייג־צושלעפען צוריק אין זייערע רייהען... ער האָט זיך פשוט אָפּ־געשלאָגען פון דער סטאדע...

און געלאָזט דעם שריפטשטעלער און מיין ברודער געגוג זיך אָנצורויידען און אויסצושיטען א זאק מיט שבחים אויף מיין קאָפּ, האָב איך ערשט נאָכדעם געזאָגט:

— נאָו!... דאָס וועט קיינמאָל ניט זיין... ווייל דאָס איז די גאנצע זאך, וואָס איך האָב מיך, ניט ווי א שאָף, וואָס שלאָגט זיך אומבאוואוסטזיניג אָפּ פון דער סטאדע, נאָר איך בין מיט'ן פולען באוואוסטזיין אוועק פון איהר... ניין, אין אזא אטמאָס־פערע איז דאָס אוממעגליך געווען פאר מיר... נאָר... איך וויל ניט ריידען... ס'וועט פאר אונז אלעמען גלייבער זיין אז

איך זאָל שווייגען... איך וויל ניט פארשטערען מיין ברודער און מיין שוועגערין זייער יום טוב...

— וואָסער יום טוב? — האָט דער עלטערער א פרעג גע־טאָן...

מיין ברודער און מיין שוועגערין זיינען צעטומעלט געווארען און זיך איבערגעקוקט איינס מיט דאָס אַנדערע. אויף לעצט האָט מיין ברודער געזאָגט:

— אָ, איך האָב אייך ניט געזאָגט?... ס'ווערט דאָך פינף יאָהר נאָך אונזער חתונה!...

— איהר האָט זיך אביסעלע צוגעאיילט, — האָט פון איהר זייט באַמערקט מיין שוועגערין'ס שוועגערין.

מיין שוועגערין האָט צו איהר א פינטעל געטאָן מיט'ן אויג און, דאָס באַמערקט, האָב איך שוין ניט געוואוסט וואָס דאָ קומט פאָר, און א זאָג געטאָן צו מיין ברודער:

— נו, טאקע, וואס קומט דאָ פאָר?... ווי איך געדענק, איז דאָך אייער חתונה פורים צייט געוועז...

— נו, וואס איז דער חילוק? מאכט מען עס פריהער... ווייל ס'איז היינט דזשעני'ס געבורטס־טאָג, האָבען מיר עס שוין גע־מאכט צוזאמען...

דער עלטערער שריפטשטעלער האָט, ווי ס'איז קענטיג גע־ווען אָן איהם, עפּעס געקמעטעט און געוואָלט פארגלעטען דעם גאנצען עסק, און ער האָט אזוי געזאָגט:

— מיינע פריינד! וואס איז אייגענטליך פאר א חילוק?... יעדער יום טוב, מיט וואָס פאר א צוועק ער זאָל ניט געמאכט ווערען, איז דאָס א יום טוב... אויב ס'איז געווען יום טוב'דיג אויף דער נשמה און עס ווילט זיך א יום־טוב מאכען, איז ניט קיין מוז דוקא צו ווארטען ווען ס'וועט קומען א געבורטס־טאָג אָדער אנ'אַנדער יומא דפגרא... איך פאָדער אויף הימעלשיינ'ען ער זאָל אונז עפּעס פאַרלייענען!

אפלאָדיסמענטען פון אַלע הענט וויפיל זיי זיינען דארטען

געוועז, נאָר איין נעטי האָט ניט אַפּלאָדירט... און אַפּלאָדירענדיג איז פון אני הגבר'ס פּאַפּיראָס ווידער אראָפּגעפאלען א שטיקעל אַש אויף זיין פארעהרערינס קאָפּ.

— מיינע פריינד, — האָב איך געזאָגט, — איך דאנק איין זעהר פאר דער רווישענדיגער פאטשעריי... צום באַדויערן קען איך אָבער אייער באגעהר ניט צופרידענשטעלען. איהר ווייסט אלע אז שוין זייט דריי יאָהר, און נאָך מעהרער, אז איך בין מיך מיט דער פען צעגאנגען... איך קען אייך אָבער, ווי איין האָב שוין פריהער געזאָגט, צום גרויסען באַדויערען ניט ערקלערען פאר וואָס איך האָב עס געטאָן... וואס דאָרטען זאָל ניט זיין, איז דאָס גענוג אז איהר זאָלט פארשטעהן, אז ניט באלאנגענדיג צו דעם פאך (איך ווייס ניט, ווי ווייט ס'איז דאָ אויפ'ן פּלאַץ דאָס וואָרט „פאך"), קען איך זיך ניט אוועקשטעלען עפּעס לייענען פאר אייך אפילו ווען ערגעץ וואָלט זיך ביי מיר פארוואלגערט עפּעס...

— ניין, איהר זענט ניט אוועק! מיר ווילען אייך ניט לאָזען אוועקגעהן! — האָט מיט צעוואָרפענקייט און האסט געליארעמט דער שריפטשטעלער אני הגבר, ווי ס'וואָלט איהם אין לעבען געגאנגען, — מיר ווילען אייך ניט לאָזען אוועקגעהן!... איהר האָט קיין רעכט ניט זיך צו ווארפען מיט גאָט'ס גנאָד!...

— איך טענה אויך צו איהם דאָס אייגענע! — האָט זיך מיין ברודער אפּגערופען, — אז ער האָט קיין רעכט ניט זיך צו ווארפען מיט דער ירושה וואָס איז צו איהם איבערגעגעבען געווארען פון דור דורות...

ס'האָט מיר עפּעס געקאלופּעט דאָס הארץ פאר'ן ברודער. ער האָט די ווערטער גערעדט מיט אזא דערשלאָגענקייט, ווי איינער בעט ביי א שלעכטען בעל חוב א חוב וואס איהם קומט... איך האָב געזאָגט צו איהם:

— נו, נעם, אז דיר ווילט זיך אזוי שטארק, נעם און לייען

פאַר זיי פאַר די די עסייען וואָס ליגען ערגעץ דאָרטען ביי דיר.. נעם, אויב דו ווילסט... איך וועל ניט לייענען.

ס'איז ווידער געוואָרען אַ טומעל און אַ בראַוואָ פּאַטשעריי.

מיין ברודער איז אַ ווייל געשטאַנען און געקוקט אויף מיר מיט אַ גליקזעליגען שמייכעלע, פּונקט ווי אַ וואהנזיניגער פאַנאַטי־קער, ווען איהם דאַכט זיך אז ער דערזעהט די שכינה... ענדליך איז ער צוגעגאַנגען צו מיין שוועגערין און געפרעגט ביי איהר אויפ'ן שליסעלע פון דער פייער־קאַסע, איז אַוועק אין זיין קאַ־בינעט און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער זיך באַוויזען מיט אַ פּאַפּירען רעהרעל אין האַנט און מיט הכנות, ווי איינער איז זיך מכין פאַרצולייענען אַנ'איינען ווערק זיינס, וואָס ער האָט יאָה־רען לאַנג געהאַלטען אין באַהעלטעניש פאַר דער עפענטליכקייט, און מיט יראת הכבוד, ווי מ'רופט איינעם אויף צו עליות־התורה, אַזוי האָט מיין ברודער אָנגעהויבען אויפצוקייקלען אָט די דריי־יעהריגע פאַרוויקעלטע פּאַפּירלעך, און אויפגעקייקעלט, האָט ער געוואָרפען אַ בליק צי אַלע זיצען אויף די ערטער און זיינען גרייט צו הערען, דאַן האָט ער זיך פאַרנומען צו לייענען:

## אויף די ראַנדען פון לעבען.

### 1

### ק י נ ס ט ל ע ר.

פאַרהאַן מענשען, וואָס דרעהען זיך אַרום אויף די ברעגען פון ימים און קלייבען נישטיגקייטען וואָס דער ים וואַרפט אַרויס. ס'איז גוט אַ שטיינדעלע, אַ שערבעלע, און אַמאָל טרעפט טאַקע אַ ווערטפולע זאַך אויך, און די צונויפגעקליבענע זאַכען האַלטען זיי ניט פאַר זיך, נאָר צוטיילען דאָס צו די קליינע קינדער, וואָס זיי באַגעגענען אין גאַס אָדער וואַרפען דאָס גלאַט אַרויס איבער די גאַסען וואו זיי געהען, ביז וואַנעט זיי קומען אַהיים... צו די

מענשען קען מען פארגלייכען קינסטלער... זיי געהען ארום ארום די ראנדען פון לעבען און קלייבען און זאפען אין זיך אריין דאס וואס דאס לעבען ווארפט ארויס פון זיך, וואס אזוי א מענש וועט קיינמאל ניט באמערקען... עס פארשטעהט זיך, אז ניט אלע קינסטלער זיינען גלייך, פונקט ווי ניט גלייך עס זיינען די יעניגע וואס דרעהען זיך ארום די ברעגען פון די ימים. פונקט ווי יענע זיינען ניט גלייך איינס צו דאס אנדערע אין דעם אויסוואהל פון די זאכען, וואס זיי הויבען אויף, אזוי זיינען פארשידען די קינסטלער אין די זאכען וואס זיי באמערקען אויף די ראנדען פון לעבען... וואס איינער קען באמערקען, קען א צווייטער דורכלאזען אומבאמערקט, אדער אויב ער האט ער אפילו באמערקט, זאל עס ניט מאכען אויף איהם קיין איינדרוק און עס פאלט גלייך ארויס פון זיין זכרון...

* * *

צוויי טראמוואיען האבען זיך באגעגענט, איינער וואס איז געגאנגען אהין און א צווייטער אהער, און זיך אפגעשטעלט פענסטער צו פענסטער... אין איין טראמוואי וואס איז געגאנגען אהער בין איך געפאהרען, און אין א צווייטען טראמוואי, וואס איז געגאנגען אהין, איז געפאהרען אנ׳אלטע, אלטע פרוי... איינע אליין איז זי געפאהרען, איינע אליין אין דעם גרויסען, פוסטען וואגאן וואס האט ווי בכיון גענומען און זיך אפגעטיילט מיט ווענט און מיט פענסטער פון גאס, כדי א שטיק ליידיגקייט, א שטיק פוסטקייט ארומצופיהרען... איך ווייס, ס׳איז ניט קיין זעלטענע ערשיינונג ביי־טאג, אין דער שעה, צו טרעפען א פוסטע „קאר״, און איך וואלט עס אפשר דאס מאל אויך דורכגעלאזט אומבאמערקט, אבער די אלטע וואס איז דארטען געזעסען איינע אליין... פנים צו פנים, אויגען צו אויגען האב איך זיך מיט איהר באגעגענט און זי האט געקוקט אויף מיר מיט אזויפיל אומעט, ווי זי וואלט געזאגט צו מיר מיט דעם קוקען: דו פאהרסט ערשט

אהין פון וואַנעט איך פאָהר שוין צוריק... דו זעהסט, ווי ליידיג מיין וועלט איז שוין ?... אַלע זיינען שוין אויסגעשטאָרבען, אין מיין עלטער, נאָר איך... איך פאָהר שוין אויך אהין...

איך האָב געזעהן אין איהר פּנים דאָס פּנים פון אהין... זי געהט שוין פון „דאָרטען", וואוהין איך געה ערשט... איך האָב געזעהן אין איהרע אומעדיגע, אומזיניגע אויגען דעם איי־ביגען אונזין פון דעם „אהין", און פון דעם „אהער"... איז דען פאַר דער אייביגקייט אונזער לעבענסגאַנג דויערענדער ווי אָט דאָס פאָהרען היין און צוריק מיט די טראַמוואַיען ?... דער „אהין", דער „אהער" באַגעגענען זיך אַלע מינוט, אַלע רגע, און די, וואָס האָבען זיך איינמאָל באַגעגענט באַגעגענען זיך שוין ניט מעהר... עס באַגעגענען זיך שוין אַנדערע... אזוי כסדר, אָהן אנ'אויפ־הער... ווי יעדער איינער וואָלט בלויז צוליב דעם אויף דער וועלט אראָפּגעקומען...

איך האָב געשמייכעלט דער אַלטער אין פּנים אריין, אין די אויגען אריין... ס'האָט זיך געשמייכעלט פון אָט דעם גאַנצען אונזין, און זי, די אַלטינקע, האָט אויך געשמייכעלט מיט איראָ־ניע פון עלטער און מיט איראָניע פון צוריק פאָהרען.... און מיר האָט זיך געדאַכט, אז איך קען זי שוין לאַנג אָט דער אַלטער... אַז זי איז מיר אנ'אייגענע, זעהר א נאָהענטע... און ווען מיין טראַמוואַי האָט זיך פון אָרט געריהרט, האָב איך א געשריי גע־טאָן צו איהר דורכ'ן פאַרמאַכטען פענסטער:

— גודבאַי !...

2

## ע ג אָ א י ז ם .

איך האָב געקענט אַן אָרימאַן, וואָס האָט געהאַלטען צדקה פאַר איינע פון די גרעסטע מצות. איז ער דאָך אָבער געווען א גרויסער אביון און האָט קיין צדקה ניט געקענט געבען, איז

האָט ער געהאַט ביי זיך אַ צדקה פּושקע און ווען ער האָט גע־קענט אָפּרייסען אַ פּרוטה פון דער הוצאה פלעגט ער אריינוואַר־פען אין דער פּושקע אַריין, און ווען די פּושקע איז פול געוואָרען פלעגט ער זי אויסליידיגען און די אָנגעקליבענע פּרוטה'ס פאַר זיך אַליין פאַרנוצען. און ער איז זיכער געווען, אַז ער איז מקיים די מצוה פון צדקה, ווייל ער איז דאָך אַליין אַ גרויסער אביון און אַליין אַ פרומער איד, טאָ פאַר וואָס איז דאָס אין אַנ'אַנדערען מעהר מצוה ווי אין איהם אַליין?...

דאָס וואָס דער אָרימאַן האָט געטאָן, טוען אייגענטליך אַלע מענשען. אפילו דאָס, וואָס זיי טוען פאַר יענעם טוען זיי פאַר זיך. נאָר זיי זיינען אַזוי פאַרבלענדט פון אייגענעם עגאָאיזם, אַז זיי באַמערקען דאָס ניט און מיינען אַז זיי טוען דאָס פאַר אַנ־דערע...

3

## אונזערע נעכטיגע טעג.

אַמאָל, שוין גאַנץ לאַנג, איז ביי אונז אין שטעדטעל געווען אַ גלח אַ גרויסער פאַנאַטיקער און חסר־דעה'ניק (אַ סברא טאָקע אַז פון גרוים פרומקייט איז ער אַראָפּ פון די פאַנטאַליגעם). איז פלעגט ער זיך יעדען טאָג באַווייזען ביים טייך (אַ חוץ ווינטער, ווען דער טייך איז געווען פאַרפרוירען) און פלעגט ברענ־גען מיט זיך אַן אויסגעבלאָזען איי, וואָס ער האָט פריהער אין דער היים אויסגעטרונקען און פאַרשמירט די לעכעלאַך, און האָט אָט דאָס אויסגעבלאָזענע איי אַוועקגעלאָזט מיט'ן שטאַרקען שטראָם און דערביי איז ער געשטאַנען אויף די קני און מיט פרום צונויפגעלייגטע הענט, מיט אַ פאַררייסענעם קאָפּ און מיט אויגען צום הימעל, באַגלייט אָט די איי־שאָלעכץ וואָס האָט מיט דער גאַנצער לייכטקייט זיך גענומען טראָגען און יאָגען מיט'ן האַס־טיגען שטראָם...

יאָהרען לאַנג האָט ער עס געטאָן, און געוואוסט אַז ער איז אַ חסר־דעה׳ניק האָט קיינער ביי איהם ניט געפרעגט צוליב וואָס און צוליב וועלכען צוועק ער טוט עס. נאָר איינמאָל האָט איינער זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם סאָרט משוגעת און ער האָט געפרעגט ביים גלח צו וואס טוט ער דאָס אָט די זאַך וואס ער טוט... האָט איהם דער גלח אָט וואָס געזאָגט:

אַלע טייכען געהען צום ים, און דאָרטען, ביי דעם ים הגדול, קלייבען זיך פון צייט צו צייט צונויף געדיכטע, זעהר געדיכטע נעבלען. די נעבלען ציהען זיך ווייט און הויך אוועק אין די הימלען אריין, די נעבלען זיינען דאָרטען אזעלכע געדיכטע, אַז ווען אויפ׳ן ים וואָלט אין דער צייט אַ חופה געשטאַנען, וואָלט עס געקענט אויפהויבען די חופה מיט די שטאַנגען... יאָ, און דער ים, ווי דיר איז באַוואוסט, איז דאָך געזאַלצען, און געזאַלצען איז דער ים פון די טרערען וואס טויזענטער דורות און מיליאָנען־מיליאָנען מענשען האָבען זינט די וועלט שטעהט פאַרגאָסען...

— יאָ, נו איז וואָס? — האָט אומגעדולדיג דער נייגעריגער געפרעגט, — ווילסטו אַז די שאַלעכץ פון די אייער, וואָס דו וואַרפסט אריין יעדען טאָג זאָלען דאָרטען צוזאמען מיט די נעבלען ארויפגעהן אויפ׳ן הימעל?

האָט דער גלח געענטפערט:

— דאָס איז ניט קיין שאָלעכטס פון אייער, דאָס זיינען מיינע נעכטיגע טעג... מיינע נעכטיגע טעג וויל איך ניט זאָלען געהן צו מלאכי חבלה אזוי ווי ביי אייך, אַלע זינדיגע. איך וויל, אַז יעדער נעכטיגער טאָג מיינער זאָל מיט די געדיכטע נעבלען ארויפגעהן צום הימעל... און אין יעדען נעכטיגען טאָג אריין לאָז איך אריין אַ פּאָר טרערען, און דאָס וועט אַלץ קומען פאַר׳ן כסא הכבוד!...

דאָס איז געווען אַן אויסערגעוועהנליכער איינפאַל פון אַ חסר־דעה׳ניק, זיך דערטראַכטען צו פאַרוואַנדלען די נעכטיגע טעג

זיינע אין דער ווייסקייט און אין דער קיילעכדיגקייט פון אן איי־שאָלעכץ...

הלואי וואָלטען מיר, מיושב'ע, זיך געקענט דערטראַכטען צו אזא הויך־מיסטישען געדאַנק, ניט אוועקצולאָזען דעם נעכטען „מיט'ן ווינט"... נאָר מיר זאָלען „היינט" קענען אָנהאַלטען דעם „נעכטען" און איהם אוועקשיקען אין יענע ריכטונגען וואוהין אונז וועט געפעלען, און איך בין זיכער, אַז יעדער איינער, וואָס פאַר א מעשים תעתועים ער זאָל ניט האָבען נעכטען אָפּגעטאָן, וועט ער איהם דאָך היינט, דעם נעכטען זיינעם, ניט שיקען צו מלאכי חבלה אין די הענט אַריין נאָר וואלט „איהם" אַרויפגע־שיקט אין די הימלען אַריין...

א דונער פון אפּלאָדיסמענטען האָט אויסגעבראָכען, ווען מיין ברודער האָט געענדיגט דאָס לייענען, און שטאַרקער און לענגער פון אַלע האָט אפּלאָדירט דער עלטערער שריפטשטעלער, און די אַפּלאָדיסמענטען זיינע האָט ער באַגלייט מיט „בראַוואָ"־אויסגעשריען... איך בין געוואָרען איבערראַשט און צעטומעלט... מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך לעב דאָס אַלעס איבער אין א חלום, און געהאַט אזא געפיהל, ווי מ'וואָלט מיך א קייקעל גע־טאָן און צוגעקייקעלט צו אַזאַ אָרט, וואס... וואס פאַר אַן אָרט דאָס איז, האָב איך קיין באַגריף ניט געהאַט... נאָר אַז עפּעס א גרענעץ איז דאָס, א גרענעץ פון עפּעס (וואָס ?) צו עפּעס (צו וואָס ?). איך האָב בעת מעשה ניט געקענט זיך אָריענטירען צי בין איך גליקליך, צי אומגליקליך, און אפשרביידע זאַכען צו־זאַמען...

און אין פלאָנטער פון געפיהלען האָב איך דאָך באַמערקט, אַז נעטי האָט ניט אַפּלאָדירט, און איך האָב ניט גע־וואוסט, צי בעדאַרף איך זיין בייז אויף איהר דער־פאַר, צי פאַרקערט... איך האָב בלויז איין זאַך געפיהלט, אַז מיט איהר טאָן וואָס זי האָט ניט געטאָן דאָס, וואָס אַלע האָבען

געטאָן איז זי מיר דוקא די נאָהענטסטע... אַז ווייל זי איז אין מיר פאַראינטערעסירט מעהר פון אַלע איבעריגע (אפשר א חוץ מיין ברודער) איז דערפאַר האָט זי ניט אָנגעריהרט אַ פינגער אָן אַ פינגער. צי האָט זי אַזוי געהאַנדעלט פון בייזוויליגקייט, דאָס מאַכט ניט אויס. נאָר זי האָט באַוויזען, אַז זי פאַר מיר איז ניט דאָס וואָס אַלע זיינען. אַז זי איז שוין מיינס אַ שטיק אייגענס, וואָס קען זיך שוין ערלויבען צו האַנדלען געגען מיר... און דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר צעוויינט מיט אַזוי פיל וואַרימקייט און געטריישאַפט צו איהר... איך האָב כמעט אינסטינקטיוו אויסגעצויגען די האַנט צו מיין ברודער און געהייסען מיר געבען דאָס ערשטע בלעטעל פון מאַנוסקריפּט און אַרויסגעכאַפּט די פאַנטאַן־פען האָב איך אָנגעשריבען:

„געווידמעט נעטי".

און האָב איהם געזאָגט ער זאָל אויסרופען די ווערטער בקול רם. מיין ברודער האָט מיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט און מיר אַריינגעזאָגט אין אויער אַריין:

— איך מיין, אַז ס'האָט קיין זין ניט... דאָס האָט מען בעדאַרפט פריהער, איידער איך האָב אָנגעהויבען צו לייענען.

מיט שווייגען מסכים געווען אַז ער איז גערעכט, און בכלל... „דאָס פייער וואָס האָט אַ כאַפּ געטאָן די שטרוי האָט זיך גלייך שוין אויסגעלאָשען"... דאָס איז געווען עפּעס אַ מין מאָמענטאַלער אויפבליץ, אָדער דאָס איז געקומען פון גרויסע גליק... האָט זיך אָפּגעבערעקעלט אַ ברעקעל פאַר אַ צווייטער פּערזאָן, וואָס, ווי איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז זי בעדאַרף זיך פיהלען זעהר אומגליקליך... און דאָ האָב איך געגעבען אַ געשריי אויס:

— העי, מוזיקו פּאָדאַוואַי!

מיין ברודער איז גלייך אַריינגעלאָפען אין פראָנט צימער און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דערהערט אַ דזשעז־בענד מוזיק און איך האָב אַזוי גלייך געטאָן אַ נעם און אַ הויב־אויף די

„ביוטי", און ניט פיהלענדיג קיין וואָג נאָר בלויז מיידעלש־ווייבליכע רוחניות, זי געטאָן אַ פּרעס צו צו זיך און דערפיהלט ווי פון איהר שמאָלען, איידעלען און איינציייטיג ווייכען קערפּערל, שטראָמט צו מיר אַריבער ווארימקייט, ווי עמיצער וואָלט אַ ווארעם פליסענדען בוימאייל אין מיינע גלידער געגאָסען... מיר האָט זיך געדאכט אַז גאַנצע שטראָמען פון גליק און פון ערדישען גן־עדן שטראָמען אין מיר אריין און פאַרפלייצען דאָס גאַנצע מע־נערשע וועזען מיינס...

— איהר זענט שוין אזוי לאַנג מיין שוועגערין'ס שוועגערין'ס שוועגערין, — האָב איך געזאָגט אין איהר אַרבעס־שטערענדעל, וואָס האָט אַנגעשפּארט ביי מיין מויל, — פאַר וואָס האָב איך אייך נאָך איינמאָל ניט געזעהען דאָ... איהר זענט דאָך מיר אַזאַ אייגענע, אַזאַ נאָעהנטע... מ'קען דאָך אויסגעהן פון תענוג קומענדיג אין באריהרונג מיט אייך... גלויבט מיר, אַז איך פיהל עפּעס אַזעלכעס, נו, ווי צעהנדליגער האַרפּעס וואָלטען זיך אין מיר צעשפּילט... אַט פאַר וועמען איך וואָלט גרייט געווען צוריק אָנהויבען „צו זינגען"...

— אַי דאָנ'ט קער! — האָט זי זיך געטאָן אַ זאָג אָפּ. געפרעגט, וואָס זי מיינט. און זי האָט מיר גלייך געענטפערט. קוקענדיג מיט איהרע צע'תאווה'טע אויגען, אַז זי „קערט" ניט אַזוי פאַר שרייבער, און נאָך פאַר אידישע שרייבער, אַז ביי איהר איז דער עיקר אַ „דזשענטעלמען", אַז אַ מאַן בעדאַרף זיין אַ דזשענטעלמען, און...

— דאַטסאָלל!...

עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט מיך אָפּגע'טובל'ט אין... פרעמד־קייט... ווי מיך געטאָן אַ ליאַפּע אָפּ מיט אַ פרעמד שטיק לעבען... עפּעס ווי אַ טאָכטער פון אַ נכרי, פון דור דורות פרעמד צו אידען און אידישקייט, האָב איך זי דערפיהלט... און איך האָב

מיך דערשפּירט עפּעס אַזוי חומר׳דיג און אויך זי, האָט זיך מיר געדאַכט, איז פיל וואָגיגער געוואָרען און ס׳האָט עפּעס אָנגעהויבען זיך צו לעשען אין מיר און זינקען, און טאַנצענדיג מיט איהר האָב איך שוין אויף איהר ניט געקוקט, נאָר נאָכגעזוכט און נאָכגעקוקט די מיס בווירטע, מיט איהר אידיש פּנים, און מיט איהרע אידישע אויגען וואָס האָבען זיך געדרעהט און געטאַנצט מיט׳ן עלטערען שריפּטשטעלער... און ניט פיל געטראַכט, האָב איך אַרויסגענומען מיין האַנט פון דער „ביוטי״ און א כאַפּ געטאָן דער מיס בווירטע, האָב איך זי אָנגענומען פאַרביידע הענט און זיך צעטאַנצט מיט איהר און אנטקעגען איהר א כשר׳ען פרומען טאַנץ און דערביי זיך צעזונגען:

— כיצד מרקדים לפני הכלה, כלה נאה וחסידה!

און שפּעטער צוגעגאַנגען צום עלטערען שריפטשטעלער, אנגעכאַפּט די האַנט זיינע, זי געדריקט און געזאָגט:

— פריינד און קאָלעגע... איצט פאַרשטעה איך אייך... איהר זענט דער אמת׳ער קינסטלער!... מיט אייער גאַנצען מהות זענט איהר דאָס, יעס! נאָר נעבען אַזעלכע ווי מיס בווירטע קען מען שעפּען „אינספּיראַציע״, — און זיך געווענדעט צו מיין ברודער:

— ברודער! דיין אונטערנעמונג איז א דורכפאַל... נעם צעריים, צעריים! צעריים די בלעטלאַך... ס׳לוינט זיך ניט! ניין... ס׳איז ניטאָ צוליב וואָס און פאַר וועמען... אַך, צום טייוועל!!!

פעברואר 8.

צי קומט די נאַכט נאָכ׳ן טאָג? צי קומט דער טאָג נאָך דער נאַכט? ס׳איז אָנגענומען, אז די נאַכט פון היינט באַלאַנגט

צום מאָרגענדיגען טאָג און דערמיט אליין ווערט שוין פארשטאַ־נען, אז דער טאָג קומט נאָך דער נאַכט, ווייל ווען די נעכטיגע נאַכט וואָלט באַלאַנגט צום נעכטיגען טאָג, וואָלט עס פארשטאַ־נען געווארען, אז די נאַכט קומט נאָכ'ן טאָג... און דאָס וואָלט דאָך געווען נאַטירליכער... האָבען מענשען טאַקע דערפאר אליין, זעהט אויס, באשטימט אז נאָך דער נאַכט קומט דער טאָג...

איך בין די גאַנצע נאַכט פון דעם 7טען אויפ'ן 8טען אָדער, ווי איך וואָלט גערעכענט, פון 7טען צום 7טען, ניט געשלאָפען. אזאַ געמיש אין קאָפּ האָב איך נאָך זייט איך לעב ניט געהאַט... צייטענווייז האָב איך געפיהלט עפּעס אזעלכעס, ווי איך וואָלט גע־בליבען שטעקען אין א געדיכטער לופט־אַטמאָספערע... זיך א הויב געטאָן צו אזאַ הויכקייט, וואָס העכער קען מען שוין ניט פליהען, אָבער אראָפּ אויך ניט... לאָמיר זאָגען, ווען א לופט־פליהער וואָלט זיך איינגעגעבען אדורכצורייסען אַט די ווייטע און פרעמדע פאר אונזער ערד לופט אטמאָספערע און זאָל בלייבען שטעקען דארטען און ניט קענען זיך אראָפּדערלאַנגען צוריק... דאַכט זיך, א פרייער רוים פון אלע זייטען, און דאָך... דאָס איז אָהן צווייפעל שוי־דערליך!... אין אַט אזאַ צושטאַנד האָב איך זיך געפיהלט די גאַנצע נאַכט נאָך דעם „אָווענט”. עפּעס בין איך פּלוצים א פליה־געטאָן אין דער לופטען, און אזאַ הויכען פליה געטאָן, אז איך האָב מיר אליין פארשטעלט דעם וועג אויף צוריק. דערפאר אָבער איז אַט די ניי־געשאַפענע לאַגע ערגער, פיל ערגער, ווי ס'איז גע־ווען פריהער...

יאָ, דאָס הענגען אין דער לופטען איז אַלע מאָל שוידער־ליכער ווי ווען דו געפינסט זיך ערגעץ אין אן אפּגרונט... ווי שוידערליך אן אָפּגרונט איז, איז ער דאָך ניט אזוי שרעקליך ווי ווען דו הענגסט אין דער לופטען איבער דעם אָפּרונט... איך בין דאָך שוין געווען אויפ'ן אָפּגרונט, געפיהלט אונטער זיך די גאַנצע באשטימטקייט פון אונטערגאַנג, און גאָר פּלוצים האָט עס מיך געגעבען א הויב אויף צו אזאַ הויך, וואו אומבאשטימטקייט

האָט זיך פאַר מיר צעעפענט מיט'ן גאַנצען שוידער פון... אומ־באַשטימטקייט....

איז דען ביי מיר ביז דעם אָוונט ניט געווען פעסט באַ־שלאָסען אַז אויס מיט'ן שרייבען? און וויפיל איך האָב דערפון ניט געליטען, האָב איך דאָך געשפּירט אונטער זיך אַ פעסטען באָדען.. איז דען דאָס וואָס איך האָב געגעבען מיין ברודער די ערלויבניש צו לייענען פאַר'ן עולם די זאַכען מיינע, און דאָס וואָס איך האָב מיך געלאָזט באַרוישען פון די אַפּלאָדיסמענטען און בראַוואָ אויסגעשרייען, באַווייזט עס דען ניט, אַז איך האָב מיך אָפּגעריסען פון מיין האַרטען באָדען (זאָל זיין אַנ'אָפּגרונ־טישער) און פאַרפלויגען דער שוואַרץ־יאָהר ווייסט וואו... איך הענג איצט צווישען הימעל און ערד אין אַ נייעם, גרויזאַמען צו־שטאַנד פון ניט אַהער, ניט אַהין...

איצט בין איך שוין ווייט, ווייט ניט פעסט אין מיין זי־כערקייט, אַז איך וועל ווען עס איז צוריק ניט אָנהויבען שרייבען. איך בין אָבער איינצייטיג ניט זיכער, אַז יאָ... איך הענג איצט צווישען צוויי מאַגנעטען מיט גלייכע צוציהונגס־קראַפט. ניט דער וועט מיך אָפּציהען, ניט יענער...

!

פעברואַר 9.

חשוב'ער שריפטשטעלער אני הגבר!

צו מיין גרויסען באַדויערען האָב איך ניט געהאַט קיין מעג־ליכקייט צו ריידען מיט אייך אויף דעם אָוענט וועגען דעם וואָס מיך אינטערעסירט אַזוי שטאַרק. איך האָב דורכגעלאָזט אָט די גוטע געלעגענהייט פשוט פון גאַסטפריינדליכקייט (איך רעכען, אַז ביי מיין ברודער אין הויז איז פונקט ווי איהר וואָלט האָבען געווען ביי מיר). און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז איהר האָט ניט קיין חשק צו ריידען וועגען דעם... אלזאָ, איצט, איז

בעט איך אייך איצט מיר ענטפערען און מיר ערקלערען, וואס איך האט באוועגט צו טאָן אזא אויסערגעוועהנליכע טועכץ... איך וועל אייך ניט שיקען גאָרניט אזוי לאנג ווי איהר וועט ניט צו־פרידען שטעלען מיין נייגעריגקייט...

מיט גרוים דרך ארץ,

ד. הימעלשטיין.

פעברואר, 10.

באדארפט געוועזען גלייך נאָך יענעם אָווענט אָפּרופען נעטי'ן. איך האָב מיך ערשט איצט געכאפּט, אז איך האָב עס באדארפט געוועזען טאָן. בלויז דערפאר וואָס איך האָב זי אזוי פיין באהאנ־דעלט, געשפּילט מיט איהר א גאנצען אָווענט א קידער־ווידער־שפּיל און בכלל זיך אזוי מאָדנע אויפגעפיהרט, וואָלט איך דער־פאר אליין באדארפט געוועזען גלייך, אויף מאָרגען זי אָפּרופען און פרעגען וואָס זי מאכט און ווי זי פיהלט זיך...

יא, בעדארפט געוועזען דעם ערשטען טאָג זי אָפּרופען. איצט, אויפ'ן דריטען טאָג, מיין איך, איז שוין צו שפּעט. זי וועט אויס־טייטשען אז עפּעס איז געוועזען א רוגז צווישען אונז, און סיי ווי ווער ס'זאָל זיין גערעכט און ווער אומגערעכט, אָבער אז איך רוף זי אָפּ נאָך אזא לאנגער הפסקה, מיינט עס אז איך בעט זי איבער; איז טאקע אָט דאָס איבערבעטען טויג ניט פאר מיר, ווייל ס'איז אזוי: דו קענסט „אויסגעהן" מיט א מיידעל, כ'ווייס וויפיל צייט, אָבער דאָס גיט נאָך ניט דער מיידעל דאָס פולע רעכט צו דענקען, אז דו ביסט איהרער, נאָר ווי באלד אָבער זיי האָבען זיךביידע איבער עפּעס אָנגעברוגז'ט און ער קומט זי איבערבעטען, איז אָט די איבערבעטעניש אן־און־פאר־זיך שוין א געניגענדע גאראנטיע, אז דער בחור וועט שוין זיין איהרער...

איז וואס, א סברא אז ס'איז שוין געקומען א סוף צו דער שפּיל? א שאָד, און נאָך מיט אזא נישטיגען סוף אָהן א סוף... ס'פארדריסט מיך און איך בענק, איך וויים ניט צי נאָך איהר, צי נאָך דער שפּיל וואָס איך שפּיל מיט איהר...

און וואָס אָנבאלאנגט דער „ביוטי", פיהל איך נאָך אלץ דאָס ווארימע בוימאויל פליסענדיג געפיהל אין מיינע גלידער פון מיין קומען אין באריהרונג מיט איהר קערפּער. דער גאנצער חומר מיינער בענקט אזוי בענקענדיג נאָך איהר! זי איז דאָך אזוי שעהן, אזוי איידעל און צארט. מיר דאכט זיך, אז דער קערפּער איהרער איז געוועבט פון אזעלכע לייכטע, צארטע שטאָפען... אז וואָס ביי אנדערע איז רוחניות, האָט זיך עס ביי איהר אין פלייש און אין בלוט פארוואנדעלט...

איצט איז מיר גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס זי מאכט זיך א צימעס פון קונסט און פּאָעזיע, אז זי איז דאָס אליין! אליין א שטיל קונסט-ווערק. מיר דאכט, אז אפילו א העכט, ווען ער וואָלט געקומען מיט איהר אין באריהרונג, וואָלט ער זיך צעוואָרימט און וואָלט אָנגעהויבען צו זינגען... און וואָס איז דאָס פאר א רוח־שטות אויף מיר אָנגעפאלען, וואָס איך האָב איהר געלאָזט שטעהן אין מיטען טאנץ און אוועק צו דער מויד מיט די פלע־שעלדיגע פּיס, ווייל, וואָס? ... זעהט אויס, אז אין יענעם מאָמענט האָט דער גייסט אין מיר גובר געווען דעם חומר... איצט, אָ, אָבער פיהל איך צו איהר א ציהעניש און א בענקעניש אין אלע מיינע רמ"ח אברים... איז פאר דער וואלט איך אפשר שוין גרייט געווען זיך נעהמען צוריק צו דער פען, נו, מאכט זי זיך דערפון א צימעס...

### פעברואר, 11

דורך א צופאל בין איך ווידער געבליבען באקאנט מיט „מיין" נעטי. אָט אויף וועלכען אופן ס'איז פארגעקומען:

איך בין אריינגעקומען אין אָווענט צו מיין ברודער, האָב איך געטראָפען מיין שווענערין ביים טעלעפאָן, און ווען איך האָב געוואָלט עפּעס ריידען, האָבען ביידע, איינצייטיג מיר א מאך געטאָן מיט די הענט איך זאָל שווייגען, און מיין ברודער האָט מיר שטיל געזאָגט:

— דו ווייסט מיט וועמען זי רעדט? מיט דער „ביוטי", און ווייסטו וועגען וועמען? טאַקע וועגען דיר...

איך בין צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן און צו דער שווענערין און צוגעלייגט אַן אויער, האָב איך גלייך דערקענט דער „ביוטי'ס" קול'כעל, און א וואוילטאָג האָט דורכגענומען דאָס גאַנצע וועזען מיינס... ווען איך וואָלט ניט געוואוסט, אז דאָס רעדט א מענש, וואָלט איך געמיינט, אז א מוזיקאַלישער אינסטרומענט וויברירט ערגעץ פון ווייטקייטען מיט'ן ליידען און ליידענשאַפט פון א מענשליך הארץ און א מענשישער נשמה.

איך האָב געזאָגט שטיל צו מיין שווענערין:

— אז איהר וועט ענדיגען, זאָלט איהר זאָגען, אז ס'וויל עמיצער רעדען צו איהר, נאָר איהר זאָלט ניט זאָגען ווער.

ס'האָט ניט גענומען פיל צייט און מיין שווענערין האָט מיר איבערגעגעבען דאָס טרייבעל:

— העלאָו!... ווער רעדט עס ווייסט איהר?... יעס! ריכ־טיג! איהר האָט גלייך דערקענט מיין שטימע?... יעס!... יאָ... פאַרוואָס?... איך וויל בעסער הערען אייער קול... אייער שטימע זעהט מיר אוים ווי א דורכגעזייגנע... וואָס דאָס מיינט? איהר ווייסט דאָך, מסתמא, אז מ'מאַכט א געטראַנק און מ'וויל ער זאָל זיין ריין, דורכזיכטיג, פילטערוועט מען איהם... אזא מין איינדרוק מאַכט אויף מיר די שטימע אייערע... זי איז אזוי לויטער און דורכזיכטיג, ווי זי וואָלט... אַ?... אָ, ניין... איהר וועט מיר אַנטשולדיגען... ווען איך וואָלט ניט געפיהלט אַזעלכעס צו זאָגען, וואָלט איך עס ניט געקענט זאָגען... אַ?... און אז אַ דיכטער, מיינט איהר, קען ער דען זאָגען עפּעס פּאָעטישעס דעמאָלט ווען

ער קאָן ניט... איך מיין, דעמאָלט, ווען ער איז ניט... נו, ווי זאָל איך עס זאָגען... נו, זאָל זיין, באַזויפען פון אן אינערליכען געפיהל צו דער זאך וואָס ער דיכטעט?... אָבער, אנטשולדיגט מיר.. איהר גלייבט, דאכט זיך מיר, ניט קיין „פּאָעטרי”... ניין, ניין איהר באַדאַרפט זיך ניט פארענטפערען... ס'איז זעהר נאַטירליך פאר אייך, איהר זאָלט עס ניט גלייבען, ווייל... ווייל איהר אַליין זייט עס... אָלראַיט!... זאָל זיין אזוי... ווען קען איך האָבען דאָס גליק נאָך אַמאָל זיך צו טרעפען מיט אייך?.. נו, מילא... מוז מען זיין געדולדיג... אָלראַיט! גוד באַי!

און אזוי גלייך ווי איך האָב אַוועקגעלייגט דאָס טרייבעל, האָב איך געגעבען מיין ברודער נעטי'ס טעלעפאָן און געבעטען ער זאָל זי אָפּרופען און זאָל פרעגען ביי איהר אויף מיר. ער זאָל זאָגען, אז פון דער „פּאַדי” אָן הערט ער ניט און זעהט מיך ניט. אפשר ווייסט זי, נעטי, פון מיין געביין?...

— און אז דו וועסט האָבען דאָס אַלץ אָפּגעזאָגט, זאָלסטו אויסשיסען: „אָט איז ער, אָ! אָט געהט ער! ווען מ'וואָלט דער־מאָנט משיח'ן וואָלט ער אויך געקומען”...

דער ברודער האָט מיר אַ שמייכלענדיגער, אַ טשיקאַווער אָנגעקוקט און געזאָגט:

— פאַרשטעהט זיך, אז איך בין גרייט צו טאָן פאַר דיר וואָס דו פאַרלאַנגסט און איך בין דיר מבטיח אז איך וואָלט ביי דיר קיינמאָל ניט געפרעגט וועגען דיינע פאַרהעלטענישען צו נעטי'ן... נאָר אַז איך געה דאָ עפּעס טאָן פאַר דיר, וואָלט איך אודאי געוואָלט ניט זיין קיין בלינד שטיקעל געצייג... איך וואָלט געוואָלט וויסען...

— ווייס איך טאַקע אַליין אויך ניט...

— וואָס מיינסטו, דו ווייסט ניט!...

— איך ווייס ניט!...

— נו, ברודערקע, פאַרדרעה זיך דיין קאָפּ!... געהערט אַזעלכעס? ער ווייסט ניט!... ווען דו וואָלסט מיר געענטפערט,

אז דו ווילסט מיר ניט זאָגען, אז ס'איז ניט מיינע ביזנעס, וואָלט איך צו דיר גאָר נישט געהאַט... אָבער דאָס איז קיין ענט־פער ניט..

— און איך זאָג דיר, אז איך וויים אליין אויך ניט!... גלויב מיר, אויף מיין עהרען־וואָרט, אז איך וויים ניט...

— וואָס מיינסטו: דו ווייסט ניט, צי דו האָסט ליב, צי ניין?...

— אפלו דאָס אָ, וויים איך אויך ניט..

— איך פארשטעה ניט.. .

— ווען ס'וואָלט געהאַלטען דערביי... איך מיין, ביי דעם וואָס דו זאָגסט... ווען איך וואָלט כאָטש דערביי געהאַלטען...

— ביי וואָס?

— ווען איך וואָלט דערביי געהאַלטען, ביי ניט וויסען בלויז צי איך האָב זי ליב צי ניט, וואָלט איך שוין דעמאָלט, דאַכט זיך מיר, פיל מעהרער געוואוסט ווי איך וויים איצט... ווייל אָט דאָס טרעפט דאָך ביי פילע...

— נו, יאָ... איך וויים עס, דערפאר פרעג איך ביי דיר.

— איז דאָס, ניט דאָס... איז דאָס אינגאנצען עפּעס אנ־דערש... ניט וועגען ליבען און ניט־ליבען האנדעלט זיך דאָ... ווען ס'וואָלט געווען אָט דאָס אָ, וואָס דו מיינסט, וואָלט שוין עפּעס געווען. ס'איז אָבער ניטאָ ניט דאָס און ניט יענס, און דאָך איז עפּעס דאָ אזעלכעס, וואָס האַלט מיך צוגעבונדען צו איהר... איצט פארשטעהסטו שוין?...

מיין ברודער האָט אַ צעמישטען קוק געוואָרפען אויף מיין שוועגערין און סאַטיריש ביי איהר אַ פרעג געטאָן:

— אפשר פארשטעהסטו דאָ עפּעס, ניין? — און אַ דרעה געטאָן אַ רעדעלע ביים שטערען האָט ער צוגעגעבען: — מיר דאַכט, אז ער איז ניט מיט אלעמען, אַ?...

און גלייך איז פון זיין פּנים פארשוואונדען דער הומאָרים־

טיש־סאַטירישער אויסדרוק און אין א ווײַלע אַרום איז ער אַרויס מיט אַזאַ מאמר:

— ברודערקע, הער וואָס איך וועל דיר זאָגן... הער... אַז איינער וויל חתונה האָבען און האָט ניט חתונה זעצען איהם אַרויס פּרישטשיקעס אויפ׳ן פּנים... מיט א טאַלאַנט, אַז מ׳האַלט איהם איין, איז אויך די זעלבע זאַך... אַז מ׳וויל איהם דערשטיקען, פאַר־וואַנדלעט ער זיך אין משוגע׳נע שטיק... הלואי זאָל דער סוף דיינער זיין א גוטער...

איך האָב נאָך א קורצער פּויזע געזאָגט:

— נעם, רוף זי מיר אָפּ. איך מוז זי אָפּרופען! — האָב איך זיך ווי פאַרענטפערט פאַר מיין ברודער...

— אָל ראַיט! ...

— איך מוז מיט איהר רעדען היינט, אַניט וועל איך עס שוין ניט קאָנען א צווייט מאָל...

— פאַרוואָס?

— ווייל זי וועט מיינען אַז איך בין ברוגז...

— נו, וועסטו זי איבערבעטען...

— אָט דאָס וואָס איך וויל טאַקע ניט...

— איך פאַרשטעה ניט...

— איך וויל ניט זי זאָל מיינען, אַז איך בין געווען ברוגז און וויל ניט זי זאָל מיינען, אַז איך האָב זי איבערגעבעטען.

מיין ברודער האָט געקוקט אויף מיר מיט אָנקוקען מיך און האָט געזאָגט צו דער שוועגערין:

— ביזטו איהר עפּעס מקנא, א? איך בין שוין איהר גאָר ניט מקנא — און זיך געווענדעט דירעקט צו מיר: — מיינסט, איך האָב ניט באַמערקט ווי דו האָסט זי דאָ באַהאַנדעלט? ס׳איז געווען א גאָט׳ס רחמנות אויף איהר...

און מיך אָנגעקוקט א ווײַלע האָט ער איבערגעפּרעגט ביי מיר דעם נאָמען און דעם נומער פון טעלעפאָן און נאָך אַמאָל איבערגעפרעגט וואָס צו זאָגען, האָט ער א פאַרווירטען קוק אויף

מיר געוואָרפען און גענומען דאָס טרייבעל אין האַנט. אין א ווײלע ארום האָט זיך דערהערט נעטי'ס „האַלאָו!" און געפרעגט און געזאָגט דאָס וואָס איך האָב איהם געבעטען ער זאָל איהר זאָגען און פרעגען, האָט ער גאָר פּלוצים מיט פּאָמפּע אויסגערופען:

— אָט איז ער דאָך אָ, דער שאָדען מיינער, מ'זאָל דערמאָנען משיח'ן וואָלט ער געקומען! ...

און זיך געווענדעט צו מיר אז יענע זאָל דאָרטען הערען:

— דו ווייסט מיט וועמען איך רעד איצט? מיט מיס נעטי!

איך בין גלייך צוגעגאַנגען און גענומען דאָס טרייבעל אין האַנט:

העלאָו! נעטי? ... אָ, יעס! .. .איך האָב מיך ניט מיט אַלעמען געפּיהלט... א? יאָ, יעס... נײן, איצט בין איך שוין אָל ראַיט... איך ווײס אַליין ניט... ס'איז אי דאָס אי יענעס... נו, וואָס מאַכט איהר? ווי פּיהלט איהר זיך? איהר זייט אָל ראַיט? ... דאָס איז גוט.. .נו, טאָ פאַרוואָס בעט איהר מיך ניט איך זאָל קומען צו אייך? ... א, וואָס, איהר באַדאַרפט מיך ניט בעטען... יע, איהר זייט גערעכט... איך האָב געמיינט, כ'ווײס... איך בין דאַכט זיך געווען אביסעל צעדרעהט אין יענעם אָווענט... וואָס? איך בין אַלע מאָל צעדרעהט? דאָס איך אפשר אמת... אויב אזוי האָב איך שוין טאַקע ניט באַדאַרפט וואַרטען איהר זאָלט מיר בעטען קומען. גוט, אויב אזוי וועלען מיר זיך, א? ... היינט וועט שוין זיין שפּעטלאַך פאַר אײך... איך וועל אײך מאָרגען אָנקלינגען, אָל ראַיט? גוד באַי!

מיין ברודער האָט געקוקט אויף מיר מיט א טרויעריג שמייכעלע און גאָר פּלוצים געזאָגט צו מיר:

— דו ווייסט, אז איך האָב דיינע דריי עסייען צוגעשיקט צו „איהם", פאַר'ן חודש-זשורנאַל „קניפּען"?

איך בין געוואָרען אויסער זיך:

— וואָס הייסט, דו האָסט געשיקט? ווי האָסטו געוואַגט דאָס צו טאָן אָהן מיין וויסען?

מיין ברודער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז ניט שולדיג אין דעם, אַז, פאַרקערט, איך בין גאָר שולדיג, איך האָב דאָך געהייסען פאַרלייענען פאַר די געסט די מאַנוסקריפּטען, איז דאָס איהם אַזוי געפעלען געוואָרען, איהם, דעם חשוב׳ען גאַסט זיינעם און דעם אַרויסגעבער פון די „קניפּען“, אַז יענער האָט איהם נאָך אויפ׳ן אָוועגט געזאָגט, אַז ער וויל האָבען די דריי עסייען פאַר׳ן ערשטען נומער, אַז ער וועט בדאַי אָפּהאַלטען דאָס ערשיינען פון דעם נומער אַבי די דריי „פּערלען“ זאָלען אַריינגעהן...

— אָבער, פאַרוואָס האָסטו ביי מיר ניט געפרעגט, פאַר־וואָס?...

מיין ברודער האָט מיר דאָ ווידער אַמאָל אָנגעוויזען, אַז שולדיג אין דעם איז ניט ער, נאָר טאַקע ווידער אַמאָל איך...

— האָסט צוגענומען די פינף און צוואַנציג דאָלאַר, יע?... ווען דו וואָלסט געקלערט איהם גאַרניט שיקען, וואָלסטו דאָס געלט אַ מינוט ניט פאַרהאַלטען ביי זיך... אָט האָסטו זיי נאָך ביז איצט ניט אָפּגעשיקט...

דאָ האָט ער מיך צוגעשטיקט צו דער וואַנט... ווייסענדיג און פיהלענדיג מיין ברודער׳ס געטריישאַפט צו מיר, האָב איך דאָך ניט געקאָנט זיין אַזוי אָפענהערציג און איהם דערצעהלען פאַרוואָס איך האָב ניט אָפּגעשיקט די פינף און צוואַנציג דאָלאַר... ס׳איז מיר שווער געווען מיט זיי זיך צעשיידען, ווייל דאָס איז געווען האָנאָראַר געלט...

איך האָב אָנגעגעבען פוילע תירוצים, און געפיהלט די פויל־קייט זייערע און פיהלענדיג, אַז איך לייג האָב איך אַן אויפגע־רעגטער אויסגערופען:

— דו ווייסט אַז איך בין ניט להוט נאָך די פינף און צוואַנ־ציג דאָלאַר... איך האָב זיי אין דער ערד!...

— יאָ... דאָס ווייס איך! — האָט מיין ברודער געזאָגט...

— נאָר, וואָס דען?

דאָ איז מיין שוועגערין אַריינגעפאָהרען:

איהר ווייסט, ס'איז מיר שוין ניט גוט פון אייךביידען... טאָג ווי נאכט נאָר דו ווערסט מעהר ניט הערען ווייטער שרייבען און ווידער שרייבען... אָן עסק מיט שרייבען. ס'פעהלט איהם צו זיינע ביזנעס! ... אז דו האָסט עס אזוי ליב, נעמט מען אליין און מ'הויבט אליין אָן צו שרייבען... וואָסי, די אייגענע טאטע־מאמע וואָס ער האָט געהאט האָסטו געהאט דאָך אויך...

— שווייג בעסער! — האָט מיין ברודער אָנגעשריגען אויף דער שוועגערין, — דו ווייסט ניט, ווער ס'האָט דיך געשלייערט.

מיין שוועגערין האָט זיך ניט געפונען באליידיגט און האָט זיך געווענדעט צו מיר:

— איך אויף אייער אָרט וואָלט איהם צוליב געטאָן... וואָס אָרט עס אייך? מ'טוט איהם צוליב... ווען ער וואָלט אייך געבעטען, כ'ווייס, איהר זאָלט געהן שארען שניי אין די גאסען, צי כ'ווייס וואָס דאָרטען וואָס... אָבער, אזא קלייניגקייט... מ'טוט איהם צוליב!

— בראַוואָ, בראַוואָ! — האָב איך אויסגערופען, — איהר זייט גערעכט, זעהר גערעכט... אוי, ווערה, ווי גערעכט איהר זייט!

געזאָגט האָב איך עס אין שפּאַס און מיט אַ סאַרקאַסטישען טאָן. איך האָב מיך אָבער טאַקע גלייך געכאַפּט, אַז זי איז טאַקע באמת גערעכט... איז זי דען, אָט דאָס נאַרישע ווייבעל ניט קליגער פון מיר און פון מיין ברודער און פון אַלע אַנדערע וואָס מאַכען אַזאַ ווענען פון שרייבען? (און במילא פון ניט שרייבען) נו, טאַקע, צו וואָס איז דאָס? וואָס פאַר אַ נוצען ברענגט עס? איך מיין, אפילו אַז מ'שרייבט און אויב דאָס שרייבען איז ניט וויכטיג איז דאָך פון ניט שרייבען, כ'מיין אַז איינער אַ שרייבער שרייבט ניט, איז דאָך שוין על אחת כמה וכמה... ס'קען אַמאָל זיין וויכטיג אַ זאַך ווען מ'טוט זי ניט, ווען זשע? ווען זי איז זעהר וויכטיג אַז מ'טוט זי יאָ...

איך האָב געזאָגט צו מיין ברודער:

— קוק ניט אזוי אויף איהר... זי איז גערעכט... נו, גלויב מיר, אז זי איז גערעכט.

— ער לאכט פון דיר! — האָט מיין ברודער געזאָגט מיט איינגעהאַלטענעם צאָרן צו דער שוועגערין.

— איך לאַך ניט!.. ניין, פון מיר באַדאַרף מען לאַכען, פון מיר!... איך בין טויזענט מאָל נאַרישער פון זיי אַלע... אויב „זיי אַלע" און יעדער איינער פון זיי מיינט אַז ער טוט אָן אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ פון אידישען פאָלק דערמיט וואָס ער שרייבט, איז נאָך מיין נאַרישקייט גרעסער דערמיט, וואָס איך מיין, אז איך טו עס עמיצען א צו־להכעיס וואָס איך שרייב ניט...

— זעהסטו דאָך!... — האָט מיין ברודער אויסגערופען.

— וואָס מיינסטו?

— אָט, זעהסטו דאָך, אז ס'איז דאָ אַזעלכע וואָס ארט זיי...

— איך פארשטעה דיך ניט!

ער האָט מיר אָנגערופען דעם שרייבער און דעם רעדאַקטאָר פונ'ם זשורנאַל „קניפּען".

— אָט, זעהסטו דאָך, אז ס'זיינען פאראן אַזעלכע מענשען, וואָס דאָס געהט זיי יאָ אָן!...

— אַזוי לאַנג ווי איך וועל ניט ריידען מיט איהם וועגען דעם, וויים איך גאָרניט וואָס צו זאָגען וועגען דעם...

ביי מיין ברודער אין די אויגען האָט זיך באַוויזען א ממזר'יש גלענצל, און צוגעשוויגען א ווײַלע, האָט ער געזאָגט:

— מיר איז א גרויסער חידוש אויף דיר... דו ווייסט, אז ער איז זעהר א נאָבעלער מאַן... אומעטום לאָזט ער זיך הערען מיט זיין גוטסקייט און לייטישען כאַראַקטער... נו, און דערצו האָלט ער דיך פאר א גרויסען, גרויסען טאַלאַנט... איז, וויל ער, פאַר־שטעהסטו, מיט דעם דיך ערמוטיגען...

איך האָב איראָניש צוגעשמייכעלט:

— עך, ברודערקע, ווען דאָס וואָלט געווען אמת... ווען ס'וואָלט כאָטש איינער אזא לייטישער ביי אונז געווען וואָלט זיך שוין איבער דעם אַליין געלוינט די מיה... יע, ברודער, אזעלכע וואָלטען באדאַרפט זיין, נאָר זיי זיינען ניטאָ... ניטאָ, ברודער לעבען, אזעלכע... אפילו אָט דער אָ, וואָס אלע מיינען, אז דער אזעלכער איז דאָ, איז ער אויך ניטאָ... צי האָט ער זיך אליין פאר אזעלכען אויסגעטראכט, צי האָבען עס אנדערע אויף איהם אויס־געטראכט, דאָס וויים איך ניט... נאָר שוין דאָס אליין, וואס אזעלכער איז אויסגעטראכט געווארען, איז דער בעסטער באווייז, אז אזעלכער פעהלט אונז, אז אזעלכען מוזען מיר האָבען...

— זעהסטו דאָך! — האָט מיין ברודער געזאגט, ניט קוקענ־דיג מיר אין די אויגען אריין...

איך האָב אין א ווײַלע ארום געענטפערט:

— אויב יענער האָט ווירקליך אין זינען געהאט אזא נאָבעלע זאך. איז לוינט זיך, צוליב איהם איינעם אזעלכען, צוריק זיך נעמען צו דער פען.

— זאָגסט עס מיר צו? — האָט מיין ברודער מיט ענטו־זיאזם געפרעגט...

— יאָ, ברודער! אויב איך וועל זיך נאָר דערוויסען, אז דאָס איז זיין ציל געווען זאָג איך דיר צו, אז איך וועל צוריק אָנהויבען שרייבען.

דאָ האָט מיין ברודער אָנגעכאפּט די האנט מיינע און מיך צוגעשלעפּט צו דער שוועגערין האָט ער געזאגט צו איהר:

— דזשעני, זיי אַן עדות! האָסט געהערט וואס ער האָט דאָ געזאגט? זיי אן עדות... נעם, שלאָג איבער! ...

מיין שוועגערין האָט מיט איהר ווייסען פּוכקען הענטעל א קלאפּ געטאָן איבער אונזערעביידע הענט און זיך צעלאכט און געזאָגט:

—משוגעים, צוויי משוגעים! ...

פעברואר 22.

אין אָוועגט זיך אריבערגעכאַפּט צו מיין מיידעל און זי ניט געטראָפען... זי האָט מיך ניט ערוואַרטעט און איך האָב איהר ניט געגעבען צו וויסען, אַז איך וועל קומען. פאַרוואָס האָב איך איהר ניט געגעבען צו וויסען? איך האָב געהאַט פילע סטראַטעגישע אורזאַכען דערביי: קודם כל, האָב איך געוואָוסט, אַז איך באַראַף קומען צו איהר, און דאָס האָט זיך מיר ניט איבעריג געגלוסט, ווייל איך האָב געוואוסט און געפיהלט, אַז זי האָט א פול הארץ אויף מיר פון יענעם אָוועגט און ס'וועט קומען צו טענות און איך וועל זיך דאַך מוזען אויס'טענה'ען, זיך פאַרענטפערען, און דאָס אַליין, אַן־און־פאַר־זיך איז קיין געשעפט ניט... ווייל „קריגען" זיך מיט א מיידעל, אויב דו האָסטו שוין אַן אינטערעס מיט א מיידעל זיך צו קריגען, ביזטו שוין אויפ'ן דרך... קושען זיך קאָנסטו מיט פילע, פילע מיידלאַך, אָבער קריגען זיך קענסטו זיך נאָר מיט איינער, מיט וועלכער דיינע אינטערעסען און איהרע האָבען זיך אַזוי פאַרקניפּט און פאַרפּלאָנטערט, אַז איהר פיהלט זיך שוין ווי אייגענע, און ווי באַלד ווי אייגענע, איז מעגען זיך אינגעל־מיידעל ווי ליב האָבען, וועלען זיי זיך שוין אָפּזוכען פאַרוואָס זיך צו קריגען... יאָ, איז וואָס?... איז האָב איך מהאי טעמא געוואָלט אויסמיידען טענות און אויס'טענה'ען זיך און קיין אנדער אויסגאַנג ווי דאָס אויסצומיידען האָב איך ניט געזעהן ווי נאָר אין דעם גאַנג פון געהן צו איהר און זי ניט טרעפען אין הויז... איז ווייס איך (איך ווייס ניט פון וואַנען איך ווייס עס), אַז אַזוי ארומער ווערט עס איבערגעהאַקט... פסיכאָאַנאַליזירען דאָס? איין מאָל זעהט שוין דאָס מיידעל אין דעם אַליין וואָס דו ביזט געקומען צו איהר און זי ניט געטראָפען, א נקמה אין דיר; צווייטענס, פיהלט זי זיך שולדיג אין דעם, וואָס דו האָסט זי אין הויז ניט געטראָפען (מעג עס אפילו זיין דיין שולד); און דריטענס, לאָמיר דאָ אָנקומען צו

א שטיקעל משל: א קאַץ וואַרפט אראָפּ א שאָל מיט סמעטענע אויף דער ערד, פאַרדריסט עס זעהר שטאַרק דער ווירטין, געהט די ווירטין אין קיך אריין נאָך א שמאַטע אויסווישען די סמע־טענע פון דער פּאָדלאָגע, איז ביז וואנען זי קומט צוריק איז פון דער סמעטענע אויף דער פּאָדלאָגע קיין זכר ניטאָ... און די ווירטין איז שוין צופרידען וואָס די קאַץ האָט איהר פאַרשפּאָרט אַן ארבייט...

— זי ווייסט, אז איהר האָט באדאַרפט קומען? — האָט דאָס קליין מאַמעלע איהר'ס געפרעגט א פארשולדיגטע און א גרייטע מיט אַלע איהרע מאַמעשע כוחות צו פאַרטרעטען דער טאָכטער'ס אינטערעס. און האָט מיר דערביי, ווי אַן אייגענע, אַן אייגענעם, געטריי אריינגעקוקט אין פּנים אריין... און ס'איז קענטיג געווען אין איהר, אַז אָט דאָס קומען מיינס צווישען יאָ און ניין, ניט געבענדיג צו וויסען דער טאָכטער וועגען מיין קומען, אַז אָט דאָס אָ, גיט איהר די האָפענונג צו גלויבען, אַז צווישען מיר און איהר טאָכטער וועט שוין זיכער עפּעס זיין... וויל, וואָס? אָט וייל איך בין דאָ און די טאָכטער איז ניטאָ... „אויב ס'איז ביי איהם רעכט צו קומען אפילו דעמאָלט ווען „ער" איז ניט איינגאנצען זיכער, אַז ער וועט טרעפען דער טאָכטער, און דאָס האַלט איהם ניט אָפּ און ער קומט, איז דאָס שוין א זיכערע זאך..."

— קומט אריין, נו?

און האָט געגעבען א קוועטש און א צינד אָן אַלע לעמפּלאך, נאָר איין לעמפּעל איז געבליבען ניט אָנגעצונדען, האָט זי אזוי געקוקט אויף דעם מיט אזוי פיל צער, און ס'איז געווען צו דער־קענען, אַז ניט דאָס קאַליע געוואָרענע לעמפּעל אַרט איהר, נאָר דאָס וואָס איין לעמפּעל א פינסטערער האָט געשטעקט צווישען די ליכטיגע און דאָס האָט געמוזט ביי איהר ארויסרופען אַן אסאָ־סיאציע, אַז אויך צווישען מיר און איהר טאָכטער איז נאָך פאַר־בליבען ערגעץ־וואו ווינקעלאך טונקעלע, ניט קלאָרע...

— גריסט איהר!

און זי האָט זיך געזאגט, ווי זי וואָלט פאַרגעזעצט א געדאנק איהרען:

— ווען זי וואָלט געוואוסט!...

איך האָב שוין בכיון געזאגט, כדי זי זאָל מיינען און כדי די טאָכטער זאָל מיינען (זי וועט דאָך איהר איבערגעבען), אז איך בין אייפערזיכטיג:

— זי איז אוועק אליין, צי מיט אימיצען?...

— ניין, זי איז אוועק מיט „א פריינדינע" אין די „מואווים"...

און אן איינדרוק האָב איך געהאט, אז דאָס מאַמעלע איהר'ס זאָגט א ליגען...

פארלאָזט דאָס הויז, האָב איך ניט געוואוסט וואוהין צו געהן... אין דרויסען האָט זיך געווינטעלט און געשנייעלט... א קליין ווינטעלע, א צפון'דיגס, א קאַלט'ס, האָט פון צייט א בלאָז געטאָן, שניי'עדיג און קעלטעריג און ס'איז געווען צו פיהלען, אז ס'קלייבט זיך א „זאווערוכעלע"... שנייעלע און ווינטעלע האָבען פון צייט צו צייט ווייס פליגענדיג געגעבען א קער די גאס, א הויב געטאָן מיט זיך א פּאָר פּאַפּירלאַך, מיט א שורש פון אומעט און פון קעלט איבערגעטראָגען די פּאָר פּאַפּירלאַך אויף אן אנדער אָרט, זיי אוועקגעלייגט ווי „ניט אייך מיינט מען" און אין א ווײַלע ארום האָט שוין אויף א צווייט אָרט א ווייסער פליגעל זיך א דרעה געטאָן און א קער געטאָן די גאס, האָט זיך אָנגעשלאָגען אין א וואנט פון מויער און... אויפ'ן טראָטואר ביי דער וואנט איז געבליבען אין ווייסקייט אויסגעצויגען א ווייסער פלעק...

אויטאָמאָבילס זיינען געפלויגען פארמאכטע. פון צייט צו צייט האָט אַנטקעגען באלייכטונג און ליכט א בליאסק קעטאָן א שויב און דאָרטען אינוויינינג, הינטער דער שויב, האָט א שוועב געטאָן א קעפּעל צי צוויי און אזא איינדרוק געהאט אז דאָס דאכט

זיך מיר בלויז אז דאָס זיינען קעפּ, און אַז אין דער ווירקליכקייט איז דאָרטען קיינער ניטאָ, ניט אין דער מאַשין, ניט אין יענער. ס'פּליהען פּוסטע מאַשינעס אַרום מיט עפּעס אַ געדיכט־שאָטענדיגער פאַרבלייבעניש פון מענשען וואָס זיינען דאָרטען געפאָהרען...

פאַרביינגאַנגען אַ טיר מיט אַ פענסטער פון אַ „ביוטי פּאַרלאָר". אויפ'ן האַלבען פאָרהאַנג וואָס האָט פאַרהאַנגען אַ האַלבען פענסטער, פון הינטען אַרויף, האָב איך געזעהן צוויי פיגורען, איינע איינגעקלעפּט אין דער צווייטער... איין פיגור האָט זיך באַוועגט און די צווייטע איז געזעסען אומבאַוועגליך... און אין אָט דעם פאַרהאַנגענעם פענסטער מיט דער ליכטיגקייט איג־ווייניג און דאָס מאַטאָווע גלאָז אין דער טיר, האָט מיר געגעבען צו פיהלען אַזאַ אינטימקייט... עפּעס אַ מין שטוביגקייט וואָס מ'האָט אוועקגעשטעלט אין גאַס פאַר יחידי סגולה, פאַר אַזעלכע וואָס קענען זיך פאַרגינען צו געניסען אפילו אין גאַס אַ שטוביגע אַטמאָספערע... ווער ס'קען זיך עס נאָר פאַרגינען, קען זיך דאָ אַהער אַריינגעהן אין אָט דער היימישקייט אַריין, וואָס אַ פרעמד מיידעל אָדער, ווייבעל, האָט צוגעגרייט פאַר פרעמדע און אומ־באַקאַנטע... און פרויעלאַך, הייסע און זינדיגע, פאַרברענגען דאָ שעה'ן לאַנג און לאָזען זיך די קעפּ פריזירען און קוקען דערביי שעה'ן גאַנצע אין שפּיגעל און ס'ווערט זיי ניט נמאס צו קוקען...

איך האָב געטראַכט, אַז ווען דער „ביוטי פּאַרלאָר" וואָלט באַלאַנגט צו „מיין" ביוטי פּאַרלאָרקע, וואָלט איך שוין אַריין צו געניסען אַביסעל היימישקייט... אַ נס, וואָס דאָס ווינטעלע מיט'ן שנייעלע האָבען זיך געדרעהט. דאָס האָט מיך דערפרישט און דערמונטערט און איך האָב געהאַט אַ געפיהל, אַז ס'איז מיר ניט אַזוי אומעטיג ווי איך מיין ס'איז מיר... אָדער ס'איז מיר טאַקע יאָ, נאָר ס'אַרט מיר ניט...

אָפּגעקירעוועט זיך פון „ביוטי פּאַרלאָר" האָב איך באַמערקט ווי עס רוקט זיך מיט גיכער רוקעניש און מיט רייבעניש ביי דער

ערד א קאַפּעליוש, וואָס דרעהט זיך איבער פון צייט צו צייט, באַווייזט דעם זיידענעם הינטערשלאַק, גיט זיך גלייך א קער איבער און „פאַהרט" ווייטער. איך האָב איהם א כאַפּ געטאָן, אָט דעם פארשייטען קאַפּעליוש און ערשט דערנאָך זיך אומגעקוקט און דערזעהן, ווי איינער, א מיטעל־יעהריגער מענש, מיט א פּליך, יאָגט זיך, נעבאָך, נאָך אָט דעם עזות'דיגען קאַפּעליוש וואָס האָט זיך ווי בכיון אראָפּגעכאַפּט פון זיין קאָפּ און זיך געלאָזען טראָגען אַלץ ווייטער, כדי דער אייגענטימער פונ'ם פּליך זאָל זיך באַווייזען פאר גאַס און פאר מענשען מיט'ן פּליך מיט זיינעם, וואָס קיינער זעהט ניט קיינמאָל א חוץ אייגענע און נאָהענטע...

טראָגענדיג איהם אַנטקעגען דעם „העט" זיינעם, אָט דעם מענשען וועמעס הוט דאָס איז געווען, האָב איך דערפיהלט, אז דער פרעמדער מענש איז מיר נאָהענט געוואָרען דורך דעם וואָס איך טו עפּעס פאר איהם... איז דאָס ניט מאָדנע? ס'וואָלט מיר אפשר ווינציגער געקאָנט אַרען, ביי אַנדערע אומשטענדען, ווען אָט דער מענש וואָלט דורך אַן „עקסידענט" דעם קאָפּ זיינען פאַר־לוירען, נאָר ווייל איך טו עפּעס פאר איהם, איז מיר שוין דער מענש נאָהענט געוואָרען און דאָס האָט מיך ארויפגעבראַכט אויפ'ן געדאַנק, אז אום כדי דו זאָלסט דערפיהלען א מענשען נאָהענט, באַדאַרפסטו ניט וואַרטען ער זאָל טאָן עפּעס פאר דיר, נאָר, פאַר־קערט, דו טו עפּעס פאר איהם, וועט ער דיר שוין במילא נאָהענט ווערען... דו וועסט גלייך דערפיהלען, אז דו האָסט עפּעס א חלק אין דעם מענשען... אז ער טראָגט ארום א גוט קערענדעל פּאַרזייהט פון דיר.... דאָס איז אפשר עגאָאיזם און אפשר דער העכסטער... אָבער מיר האַלטען נאָך ניט ביי איהם... מיר זיינען נאָך זעהר, זעהר ווייט פון אָט דעם העכסטען סאָרט עגאָאיזם. דאָס, גלויב איך, וועט זיין דער העכסטער שטאַפּעל פון מענשליכער דער־גרייכונג...

אזוי צי אזוי, ביז דעם וואָס אַמאָל וועט זיין, האָב איך, דורך אָט דעם גוטען „טאַט" וואָס איך האָב געטאָן פאר דעם

מענשען, האָב איך דערפיהלט, אז אייגענטליך בין איך ניט קיין שלעכטער מענש, און דערפאר אליין איז מיר באזונדערס אומקלאָר געוואָרען די גאנצע האנדלונג מיט מיין מיידעל... פארוואָס עפּעס איך, אויב אפילו ניט גאָר פון די גוטע, אלענפאלס א מענש מיט יושר, און א מענש וואָס קען געריהרט ווערען און רחמנות האָבען אויף א מענשען, זעהענדיג ווי איינער כאפּט א דרימעל אין טראַמוויי, פארוואָס ווילט זיך מיר דוקא פּייניגען אָט דאָס מיידעל?... איך האָב געפיהלט אין דעם מאָמענט, נאָכדעם ווי דער אומבאקאנטער מיט'ן פליך איז אוועק פון מיר א באַפרידיג־טער פון מיין נאָבעלען טאַט (איך האָב מיך אזוי פארגעשטעלט), האָב איך געפיהלט, א גרייטקייט צופאלען איהר, דער מיידעל מיינער, צו די פיס און בעטען ביי איהר סליחה ומחילה פאר אלע עולה'ס און אומגערעכטיגקייטען וואָס איך טו צו איהר... און דאָס איז ניט געווען בלויז א גוטער וואונש, איך האָב איהם טאַקע געוואָלט פארווירקליכען. דערפאר בין איך אריין אין א „דראָג־סטאָר" און „אָפּגערופען" צו איהר אהיים:

— ניטאָ נאָך נעטי?

— ניין, נאָך ניטאָ! — האָט דער מוטער'ס קול געענטפערט מיט באדויערונג.

— וועט איהר אזוי גוט זיין איהר זאָגען, אז איך וועל מאָרגען זיין ביי איהר?

פעברואר, 12.

איך האָב נאָך נעכטען געזעהן, אז דרויסען קלייבט זיך א שפּיל צו טאָן מיט שטאָדט, און ביינאַכט (אָדער ס'איז שוין געווען פארטאָג?), האָב איך געהערט, אז די שפּיל האָט זיך צעשפּילט. איך האָב ליב אין פעלד, אין פרייען פעלד צו זעהן א ווינטערדיגע זאווערוכע, נאָר נאָך ליבער האָב איך זי ליב צו זעהן אין שטאָדט.

מיר געפעלט זעהר די אומבאהאלפענקייט פון מענשען ווען דער נאַטור פארגלוסט זיך נאָר א קאפריזעווע צו טאָן...

איך בין דערפאר אויפגעשטאַנען פריהער ווי געוועהנליך און ארויס אין גאַס איז מיין הארץ אָנגעגאָסען געווארען מיט פרייד, דערזעהענדיג דעם אינדרויסען... א נייע וועלט, עפּעס ווי א נייער מושל וואלט איבערנאכט די שטאָדט באהערשט און געוועל־טיגט ביד חזקה... א ווייסער, א ברויזענדיגער מושל איז געקומען און האָט זיך צעלייגט און צעמאָסטען אומעטום וואו נאָר ערגעץ א שטיקעל אינדרויסען... און חוץ אָט דער רוהיגער ווייסקייט, וואָס איז געלעגען צעלייגט און צעשפּרייט, איז האָבען זיך ווייסקייטען געטראָגען אין דער לופטען, שיטערע, דורכזיכטיגע, גאנץ נידעריג און גאנץ הויך. ס׳האָט „געטראָגען" פון אויבען אראָפּ און פון אונטען ארויף; דאָ האָט זיך פון איין זייט א טראָג געטאָן א ווייסער, מעכטיגער אוראגאנישער פליגעל און האָט א שמיים געטאָן אין א צווייטער זייט אריין, אין ווענט, אין פענסטער פון הייזער, אזוי דאָ, אזוי דאָרטען, און אזוי אומעטום. ס׳האָט זיך געטראָגען פון איין אָרט אויפ׳ן צווייטען, מיט האסט ווי אין עקסטרער שליחות פון ווייסען פעלד־מארשאל, וואָס האָט זיך אריינגעכאפּט אין שטאָדט אריין פון פרייע פעלדער, פון פרייען, ניט פארשטעלטען, ניט פארמויערטען דרויסען. ווינט און שניי האָבען זיך פאראייניגט מיט געמיינזאמע כוחות שטאָדט צו באהערשען, שטאָדט וואָס האָט צעפּאסעוועט און צעשניטען אויף גאסען און געסלאך א גרויסען שטח פון דרויסען... מאָמענ־טען־ווייז האָט זיך געדאכט, אז פרייהייט פון פעלד, פרייהייט פון פרייען שטח, האָט זיך אין שטאָדט אריינגעכאפּט מיט שטורעם און כעס וואָס די קליינע נישטיגע מענשעלאך האָבען דעם דרוי־סען׳ס א שטיק דרויסען פארכאפּט...

די טראַמוויען זיינען ניט געגאַנגען. פארשאָטען זייערע גלאַנציגע אייזערנע וועגען. ס׳האָט זיך געדאכט, אז די גאנצע שטאָדטישע יאָגעניש איז פארדעקט געווארען, פארשפּרייט געוואָ־

רען פון שניי, און מענשען האָבען צייט באַקומען, זיך אויפגעהערט צו יאָגען.. דאָ און דאָרטען איז געשטאַנען א מענשעלע אנטקעגען דער טיר פון זיין „חיונה" און האָט אומבאהאלפען געשאַרט דעם שניי פון דער טיר, געשאַרט און געשאַרט און דער שניי איז ניט ווינציגער געוואָרען פון זיין שאַרען, ווייל ס'האָט געהאַלטען אין איין וויכריוען, אין איין שיטען און פארשיטען. און שעהן איז געווען, ווי פון דעם מענשענ'ס טריט און מענשענ'ס ארבייט (פון שניי שאַרען) איז ניט געווען קיין סימן. פארשאָטען און פארבלאָזען זיינען געוואָרען זיינע טריט פון טיר, און ס'האָט געמאכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט אזוי פון שנייאיגער ווייסקייט ארויסגעוואקסען...

אָפּגעגאנגען א פּאָר „בלאָק", האָב איך דערזעהן א טראַמוויי שטעהן א פארשאָטענעם, א פארגליווערטען, א פארוויייעטען, א פארלאָזענעם. רעדער מיט שניי צוגויפגעגאָסען... עפּעס אזוי נעבאכדיג האָט „ער" אויסגעזעהן, אָט דער שלים־מזל'דיגער לויפער... עפּעס אַן אומבאהאָלפען באַשעפעניש, וואָס זעהט אויס שטוביג און קיין שטוב איז דאָס ניט... עפּעס א גילגול פון אַ שטוב, וואָס איז פארשאָלטען געוואָרען קיין פּלאַץ ניט פארנעמען, נאָר ארומצוּוואַנדלען, נע־ונד צו זיין... שטעהט עס איצט!... אָבער מיט'ן שטעהן זעהט עס אויס עפּעס נאָך מעהר פארשאָלטען... צו הייזער קען עס ניט צוקומען און אין מיטען גאס איז דאָס איבעריג, ווייל אויף צו שטעהן דאַרף מען עס ניט... שטעהט עס מיט פענסטער, אין די ווינקלען מיט שניי פארבלאָזענע, ווי אויגען פאראייטערטע, פארזונקען אין אומעט פון שטעהן... ווי פארבלאָנדזשעט מיט רעדער אויף אזא אָרט וואו רעדער קאָנען גאר ניט געהן, וואו פאר „זיי" איז גאר קיין וועג ניטאָ... אין מיטען געהן זיך אָפּגעשטעלט, אין מיטען שטעהן געבליבען, ניט פון אָרט... א חרפּה פאר גאס און פאר הייזער...

עס זיינען געקראָכען און געשפּרונגען מאַשינען ביז די „בייכער" אין שניי. מיט זייער שוואַרצקייט שניי־ווייסקייט גע־

שניטען, און ס'האָט געמאכט דעם איינדרוק, אז אלע מאשינען בלאָנדזשען, אז אלע פאָהרען זיי ניט אויף די וועגען, וואו זיי באדארפען פאָהרען און אז זיי האָבען בכלל ניט קיין באשטימטע וועגען פאר זיך, נאָר איין ציל האָבען זיי: ארויסצוקריכען פון שניי...

געטראכט פון א פּאָר פערדלאך מיט א שליטען... און א בילד פון קליינע הייזלאך, פארשאָטענע און פארשנייטע האָט זיך אוועקגעשטעלט אין מיין פאָרשטעלונגס-קראפט... מאָמענטענווייז האָט זיך מיר געדאכט, אז שניי און שטורעם טראָגען זיך מיר אנטקעגען פון ווייטע ווייטקייטען און פון ווייטער היים וואָס איך האָב שוין לאנג פארלאָזט...

פעברואר, 13.

געעהרטער שריפטשטעלער, אני־הגבר!

איך האָב נאָך ניט באקומען קיין ענטפער אויף מיין בריף וואָס איך האָב אייך געשריבען דעם 9טען פעברואר. איצט, אָ, דערוויסענדיג זיך, אז מיין ברודער האָט אייך, אָהן מיין וויסען, צוגעשיקט מיינע עסייען, פאָדער איך פון אייך, איהר זאָלט מיר ענטפערען מיט א דרינגענדען בריף אויף מיין פראגע וואָס איך האָב אייך געפרעגט אין דעם פאָריגען בריף און וואָס איך פרעג יעצט... איך זאָג אייך נאָך אמאָל, אז אייער האנדלונג איז פשוט אן איבערראשענדע און איך מיין, אז ס'באדארף אייך ניט וואונדערען, וואס איך וואָלט געוואָלט איהר זאָלט מיר קלאָר מאכען מיט וואָס האָב איך עם אזוי נושא חן געווען ביי אייך... נו, גוט, זאָל שוין ווי איהר זאָגט: „געניאל", נו, איז וואָס?... איך וויים, אז דעם דיכטער עטראָן זאָגט איהר אויכעט, אז ער איז געניאל און ער איז מיט אייך און איהר מיט איהם ווי א פינגער מיט א פינגער, פונדעסטוועגען האָט איהר איהם קיין פינף און

צוואנציג דאָלארדיגע דאָלארס ניט געגעבען (ווען יאָ, וואָלט זיך עס געלאזט הערען).. חוץ דעם, איז מיר זעהר גוט באַקאַנט די אומשטענדען, ווי אזוי אן אונזעריגער טרעט צו ארויסצוגעבען א וועלכע עס איז פּעריאָדישע אויסגאבע.. ס'איז די זעלבע קונץ ווי ביי יענער ווירטין וואס טרעט צו צו מאכען קרעפּלעך ניט האָבענדיג קיין מעהל און ניט קיין קעז, נאָר זי האָפּט, אז איינס פון די ביידע וועט זי קריגען ערגעץ צו לייהען... דאָס איינציגע וואס זי פארמאָגט, איז — וואסער און פייער...

איך האָב אייך א פּאָר מאָל שוין געוואלט אפּשיקען דאָס געלט, נאָר איך האָב מיך אפּגעהאלטען ביז איך וועל קריגען פון אייך אַן ענטפער.

איך בעט אייך מיר גלייך ענטפערען,

מיט טיפער אכטונג,

ד. הימעלשיין.

און גלייך נאָך דעם בריף האָב איך אָנגעשריבען א בריף צו מיין מיידעל:

טייערע נעטי!

שוין באַלד אכט טאָג אז איך האָב אייך ניט געזעהן. מסתמא האָט אייך אייער מוטער איבערגעגעבען אז איך בין געוועזן ביי אייך. איך גלויב, אז זי האָט אייך אויך איבערגעגעבען, אז איך האָב אייך אָפּגערופען. אָבער ביידע מאָל האָב איך אייך ניט געטראָפען אין הויז. איך ווארף אייך דאָס ניט פאָר... אפילו ווען איך וואָלט עס געוואָלט, וואָלט איך עס אויך ניט געטאָן, ווייל איך ווייס אז איך האָב אויף דעם קיין רעכט ניט...

מעגליך, אז אין איינעם פון די טעג וועל איך מיך אריינכאַפּען צו אייך... אָבער דאָס מיינט ניט, אז איהר בעדארפט זיצען אין הויז און ווארטען אויף מיר... אויב איהר האָט מיט

עמיצען „אויסצוגעהן” און האָבען א „גוד טאַים” (זעהט איהר, וואָס פאַר א אידישער שרייבער איך בין, אַז איך האַלט אין איין האַקען מיט ענגלישע ווערטער), טאָ זאָגט זיך ניט אָפּ דערפון...

אויב איהר וועט זיך ערגעץ טרעפען מיט'ן דיכטער עטראָן גיט איהם איבער אַ גרוס פון מיר...

און צולעצט דאָס סאַמע וויכטיגסטע:

הערט, נעטי: מיט א פּאָר וואָכען צוריק האָב איך באַקור־מען פינף און צוואַנציג דאָלאַר פון איינעם א באַוואוסטען שריפטשטעלער, איך זאָל איהם עפּעס צושיקען פאַר זיין זשור־נאַל, וואָס ער קלייבט זיך ארויסצוגעבען. ווען איהר וואָלט גע־ווען נעהענטער באַהאַוועגט אין די ליטעראַרישע ענינים וואָלט איהר פאַרשטאַנען, ווי דאָס האָט מיך געקענט איבערראַשען. נו, איז ווייס איך ניט וואָס צו טאָן... איך ווייס ניט, צי זאָל איך איהם אָפּשיקען צוריק דאָס געלט אָדער... איך וואָלט זעהר גע־וואָלט הערען וואָס איהר וועט זאָגען וועגען דעם און איך גלויב, אַז בעפאָר איך וועל אַרויסטראָגען מיין ענטגילטיגען באַשלוס וועל איך זיין ביי אייך און מיט אייך זיך אָן עצה האַלטען... פאַר אייך איז דאָס אפשר אומערוואַרטעט, דאָס וואָס איך זאָג דאָ... אָבער גלויבט מיר, אַז איך פיהל די גאַנצע צייט צו אייך אַזאַ נאָהענט געפיהל, גלייך איהר וואָלט געוועזען אַן איי־גענע מיינע און ווי גלייך איך וואָלט אייך שוין לאַנג, לאַנג גע־קענט... און גלויבט מיר, אַז פאַר מיר וואָלט געוועזען דאָס גרעס־טע גליק אַזוי תמיד און כסדר אָנצוהאַלטען מיט אייך די באַ־קאַנטשאַפט...

אויב אייך וועט זיך גלוסטען, ענטפערט מיר אויף מיין בריף מיט אַ בריף. איך בין נאָך מיט אייער האַנטשריפט ניט באַקאַנט, און בכלל איז מיר אינטערעסאַנט צו זעהן ווי איהר דריקט זיך אויס אויפ'ן פּאַפּיר... אין דער הינזיכט זיינען פאַר־האַן פאַרשידענע סאָרטען כאַראַקטערע. אייניגע ווערען פאַלש

ווען זיי נעמען די פּען אין האַנט, און אַנדערע, פּאַרקערט, ווערען אויפּריכטיג...

מיט הערצליכען גרוס,

ד. הימעלשטיין.

פעברואר 14.

ווען ער וואָלט מיר געענטפערט מיט א דרינגענדען בריף וואָלט איך שוין געקענט האָבען ענטפער אויף מיין בריף (איך האָב מיינעם צו איהם אויך געשיקט דרינגענד). אייגענטליך, וואָס האָט ער זיך צו כאַפּען, אז די זאַכען מיינע האָט ער דאָך שוין... אלא וואָס, צופרידענשטעלען מיין נייגעריגקייט? האָט ער צייט!

אָבער וואָס וויל איך אייגענטליך? וואס פאר אן ענטפער ערוואַרט איך? א גוטען צי א שלעכטען? און וואָס מיינט פאַר מיר, אין די אומשטענדען וואָס איך געפין זיך, א גוטער און וואָס מיינט פאַר מיר א שלעכטער ענטפער... ס'איז דאָך זעהר מעגליך, אז דער ענטפער זאָל אַן און פאר זיך זיין א צופרידענשטעלענדער, נאָר פאר מיר זאָל ער ניט זיין גוט, אדער פּונקט פּאַרקערט, דער ענטפער זאָל זיין ניט קיין גוטער, און פאר מיר זאָל ער יאָ זיין גוט.

אָבער, וואס דער ענטפער זאָל ניט זיין, מיט וואָס וועל איך אויף איהם רעאַגירען? וועל איך ווייטער אָנהאַלטען מיין קאַפּריז, צי איך וועל איהם ברעכען.

יא, ס'וועט זיך לוינען. אויב גאָט האָט געוואָלט איבערלאָזען די שטאָדט סדום פאר איין צדיק אויב ס'וועט זיך דאָרטען געפינען, וועל איך מעגען ברעכען דעם קאַפּריז מיינעם און צוריק אָנהויבען שרייבען, אויב דאָ שטעקט ניט קיין אנדער זאַך ווי בלויז דאָס וואָס מיין ברודער וויל מיר איינריידען, אז דער

האָט געהאַט דעם איינציגען נאָבעלען ציל מיך צוריק באַהעפטען מיט דער מוזע.

דערווייל, ביז וואָס ווען, וועלען מיינע דריי עסייען אָפּגע־דרוקט ווערען און איך וועל, ווילענדיג ניט ווילענדיג, צוריק אַריין אין דער קאָלייע פון וועלכער איך האָב זיך אַרויסגעשלאָגען. דער שרייבערשער עולם וועט דאָך ניט וויסען, אַז איך האָב שוין די זאַכען פון לאַנג ליגען. וועט „ער״ מיינען, אַז איך האָב זיך צוריק איבערגעבעטען, אָדער מ׳וועט גאָר מיינען אַז די גאַנצע מעשה איז אַן אָנשטעל, אַזוי ווי איך בין ניט פּראָדוקטיוו איז דערפאַר שרייב איך ניט און וויל איינריידען דעם עולם, אַז איך האָב אַנדערע אורזאַכען דערפאַר, והא ראיה, אָט האָט ער זיך פאַר מעהר ווי דריי יאָהר אַרויסגעכאַפּט מיט דריי מפיל׳ס, מיט דריי פּיצלאַך זאַכלאַך... און ווייטער אַט וואָס: נאָך דעם וועט שוין פּשוט זיין אַן אומזין צו פּיה־רען ווייטער דעם קאַמף, ווייל געקעמפט האָב איך דאָך אייגענטליך ניט מיט׳ן שרייבען, נאָר מיט׳ן דרוקען, ווייל שריי־בען און צערייסען, ווי איך האָב שוין פיל מאָל געטאָן, איז פונקט דער זעלבער אונזין, ווי איינער אַ פישער, וואָס האָט זיך צעקריגט מיט זיינע קונים, וואָלט ער אויף צו להכעים געכאַפּט פיש, און נאָכדעם זיי צוריק אַריינגעלאָזט אין וואַסער אַריין...

פעברואַר 15.

נאָך אַלץ ניטאָ קיין ענטפער פון איהם!

אך, וואָס פאַר אַ פיינליך געפהל דאָס איז, ווען דו קוקסט אויף עפּעס אַרוים און די זאַך אויף וואָס דו קוקסט אַרוים, קומט ניט...

און די צייט פון וואַרטעניש זעהט דיר אויס ווי אַ פּוסטער, אומענדליכער חלל, און דו ווייסט, אַז דו מוזט אָט די אומענדליכ־קייט אַדורכקריכען, פּאַמעלאַך און לאַנגזאַם, באַנאַנד מיט דער קריי־

בעניש פון דער צייט וואָס האָט זיך איינגעַ'עקשנ'ט, און ווייל דוקא דו ווילסט זי זאָל גיך אריבערפליהען, ציהט זי זיך און קריכט ווי א טשערעפּאכע... ווען דו וואָלסט א שטייגער געקאָנט אוועקשענקען אָט דעם פוסטען חלל פון וואַרטעניש... דאָס איז אָבער אוממעגליך... אויב דו ווילסט האָבען א בייגעל, מוזטו האָבען דעם לאָך אין דער מיט, אָהן א לאָך קענסטו קיין בייגעל ניט האָבען... אַזעלכע וואַרטענישען זיינען אויך ווי לעכער אין דיין לעבען, פוסטקייטען... און וויפיל האָבען מיר זיי, וויפיל לעכער פאַר אונזערע עטליכע געצעהלטע יאָהר...

פעברואר 16.

ניטאָ קיין ענטפער!

פעברואר 17.

ניטאָ!...

מעג ער ניט באַקומען די נכפּה?

און אפשר איז ער ניט שולדיג, אפשר האָט ער אַזעלכע אור־זאַכען וואָס ער קען מיר ניט ענטפערען? און נאָך אלעמען, אז איך וועל וועלען וועל איך זיך אָננעמען מיט מוט און וועל א שפּיי טאָן... צו אלע די שווארצע יאָהר! וואָס איז מיר נאָך אלעמען דער ענטפער זיינען? צי שוין זשע איז דער גאַנצער גורל אָפּהענגיג אָן איהם... צום טייוועל געה! ווילסט זיך נעמען צוריק צום שרייבען, טאָ פאַר וועמען האָסטו מורא? וואָס בעדאַרפסטו עפּעס וואַרטען אויף באַרעכטיגונגען מן הצד? ווילסט, טו!... האָסט ביז אָהער ניט געוואָלט, אָדער האָסט גע־האָט מוט צו באַקעמפען דיין ווילען. איצט־אָ אז דיין ווילען איז געבראָכען, אז דו פיהלסט אז דו קענסט שוין לענגער דעם קאַמף

ניט אָנהאַלטען, טאָ זעץ דיך אוועק און ארבייט... וואָס פיהרסטו מלחמה מיט די ווינט־מיהלען?

און וואָס וועט זיין, אז ס'וועט שוין ניט געהן?... דריי יאָהר, העכער דריי יאָהר ניט געשריבען. דאָס איז דאָך ניט קיין קלייניגקייט... איך מיין ניט פאַר אַלע איך מיין פאַר אַן אָנפאנגער, וואָס האָט אָפּגעשריבען אַ פּאָר יאָהר און איבער־געריסען אויף אַזאַ לאנגער צייט.

לאָמיר אַ שטייגער נעמען אַ קינד, וואָס האָט אָקאָרשט אָנ־געהויבען שטעלען אַ פיסעל און לאָמיר עס בינדען און אוועקליי־גען אויף גאנצע דריי יאָהר, וועט עס דען ניט בלייבען קיין קריפּעל אויפ'ן גאנצען לעבען... אדער אזא ביישפּיל:

אַ ברונעם וואס מ'שעפּט ניט פון איהם די וואסער, ווערט די וואסער פאַר'אויר'ט... און מיט דער צייט קען ער טאקע אינ־גאנצען ווערען יבש... אפשר איז שוין מיט מיר דאָס זעלבע געשעהען... פארשפּאָרען די גאנצע ארבייט, כ'מיין דעם קאמף וואס איך פיהר, פארשפּאָרען צו קעמפען, אוים!

האַ, ווי אזוי קען איך עס וויסען?

פּרואווען! אויב ס'וועט געהן איז אַ סמן... און אויב ניט, איז אַ סמן...

נו, זאָל זיין אז דערווייל איז נאָך דער קוואל ניט פאר־שטאָפּט, אבער דאָס וועט דאָך סוף כל סוף געשעהען ווען איך וועל ווייטער ניט שעפּען די וואסער פונ'ם קוואל און דעמאָלט וואס?...

וואס פאר אַ זין וועט דעמאָלט האָבען מיין ניט שרייבען אין דער צייט ווען איך וועל טאקע ניט קענען שרייבען... אזא חכמה קען דאָך יעדער איינער באווייזען...

איז מוז איך טאקע צוליב דעם אליין זיך געבען אַ פּריש־אָפּ, טאקע צוליב'ן ווייטערדיגען קאמף... כדי צו באזיניגען מיין ניט שרייבען, מוז איך דאָך צוליב דעם אליין ניט פאר־

געסען דאָס שרייבען און בכדי איך זאָל דאָס ניט פארגעסען, מוז איך האָבען אָפטע איבונגען...

אלזאָ, גוט!... איך האָב שוין געקראָגען א כשר'ן היתר...

איך וועל טאָקע פון צייט צו צייט ארויסשפּרינגען אין דער עפענטליכקייט מיט א זאך, און וועל טאָקע באווייזען דער חברה: נאָט, חברה, מיינט ניט, אז איך שרייב ניט דערפאר וואס איך קען ניט, אדער — זיך אויסדריקען אויף אייער לשון: געגעבען א בליץ ואיננו!... נאָט, און זעהט, און זעהט אז איך יכול...

יאָ, מיט וואָס אָבער בין איך טאָקע אזוי זיכער, אז איך יכול נאָך? קען איך דען אויף זיך אליין אינגאנצען שטעלען? מעגליך, אז מיר וועט זיך דאכטען, אז גאָט ווייסט וואס פאָר א זאכען איך שאַף (א שטייגער ווי איטליכער פון „זיי״ מיינט אויף זיך), און צום סוף וועט עם גאָר טויגען אויף כפּרות (ווי יעדער אייגער מיינט אויף'ן אנדערען). ניין, איך בעדאַרף הערען א מיינונג פון א קאָמפּעטענטער פּערזאָן, צו וועלכער איך זאָל האָבען דאָס פולע צוטרויען, און דאָס קען זיין בלויז איינער, און דאָס איז דער קריטיקער... אָט, ווען איך וואָלט געהאט די זאך, וואָס איך האָב אָנגעשריבען צוריק מיט א פּאָר חדשים, וואָלט איך עם שוין איהם צוגעשיקט און איך וואָלט איינס און צוויי געוואוסט ווי איך בין אין דער וועלט... הגם...

הגם איך ווייס ניט, צי איך קען זיך טאָקע אינגאנצען פארלאָזען אויף איהם.

ווייל ס'אָט שוין פיל מאָל געטראָפען אז זיינע נביאות וועגען אָנפאַנגער איז ניט מקוים געוואָרען... ער ווערט אָפט ענטציקט פון א קליינינקייט און זאָגט נביאות וועגען גרויסקייט און אמאָל פאַרקערט, פארזעהט ער דוקא איינעם, וואָס מיט דער צייט ווייזט ער זיך ווירקליך ארוים פאר א גרויסען... און אויב ער איז אויף אזוי פיל עהרליך און ניט שפּעטער מיט יאָהרען צו אז ער האָט א טעות געהאט וועגען איינעם אַנ'אָנפאַנגער, וועמען ער האָט „אָרונטערגע-

ריסען" אין אָנפאַנג, וועט ער שוין אָבער דערפאַר קיינמאָל ניט אַרונ־טעררייסען דעם יעניגען צו וועמען ער האָט געזונגען הללויה פאַר די ערשטע „ליטעראַרישע שאַפונגען" און זיינע נביאות האָט דער באַזינגטער ניט באַרעכטיגט... און מעג ער עס אַליין וויסען, אז ער האָט אַ טעות געהאַט, וועט ער שוין ציהען די פאַרביגע סטענגע... אָבער ציהען ציהט ער זי פון זיך אַליין און פון זיין ערשטער גוטער קריטיק און פלעכט זי אריין אין יענעמס שלעכטע שאַפונגען... ער האָט אפשר זיינע עטישע טעמים דערביי...

די לעצטע צייט איז צו באַמערקען ביי איהם אַ פּאַטערליכע באַציהונג צו אָנפאַנגער... אַ פאָטער קוועלט ווי דאָס קינד זיינס שטעלט אַ פיסעל, פאַלט דאָס קינד אום, איז די זעלבע גדולה... אמאָל פארפלאָנטערט ער זיך, דער קריטיקער, און ווייסט ניט פון וואס מעהר אָנצואקוועלען, צי פונ'ם „פאַל", צי פונ'ם „טראָט" וואס דער אָנפאַנגער מאַכט... און ווען ס'האַלט אין וועגען זיך צווישען טריף און כשר, וועט ער אַלע מאָל זאָגען כשר... ער מיינט גוט, פארשטעהט זיך, ער מיינט אז אויב ער וועט זאָגען „נעגאַדיען" באַגראַבט ער אַ טאַלאַנט און אין דעם ליגט טאקע דער טעות זיינער: אַ טאַלאַנט קען מען ניט באַגראָבען. אָנשרייבען אַ שלעכטע קריטיק אויף אַ טאַלאַנט, וואָס האַלט זיך ערשט אין ענטוויקלען און מיינען אז דורכדעם, וועט דער טאַלאַנט ניט אַרויסוואַקסען, איז פונקט דער זעלבער טעות, ווי איינער מיינט, אז מיט דעם וואס ער וועט אָנוואַרפען עטליכע לאָפּעטעס ערד אויפ'ן קראָט, וואָס האַלט זיך אין אויס־גראָבען פון דער ערד, אז דער קראָט וועט דורכדעם בלייבען פאַר־שטעקט אין דער ערד...

יא, ער וועט אפשר אַביסעלע איבערזאַלצען... איך בין אָבער זיכער, אז ער וועט מיר ניט גלעטען איבער'ן קעפּעל ווען ס'וועט אינגאַנצען ניט טויגען, ווי דאָס פאַרגינט זיך אמאָל צו טאָן אַ קאָלעגע, און וועט ניט זאָגען, אז ס'טויג ניט דעמאָלט ווען די זאַך וועט גאָר זיין אַ גוטע...

איז וואָס? דאַרף מען זיך, הייסט עס, פאַרנעמען „צו דער אַרבייט", חדש ימינו כקדם!... צוליב וואָס, אַ שטייגער? צו־ליב... צוליב ניט שרייבען... צוליב ניט שרייבען וועל איך אַ פּרואוו טאָן מיינע כחות, צי איך קען נאָך...

אָבער פאַר וואָס איז מיר אַזוי אומרוהיג דאָס האַרץ? און דאָס גאַנצע געמיט מיינס איז אַזוי צעבראָכען... עפּעס אַן ערב־וויינענדיגע שטימונג... מעגליך אַז די נשמה מיינע, וואָס זוכט איצטער איהר השתפכות הנפש אויפ'ן פּאַפּיר אויסצוגיסען, האָט אפשר אין די פריהערדיגע גלגולים זיך „אויסגעגאָסען" אין חצות, אין דעם ערשטען משמר פון דער נאַכט... יאָ, ס'איז נאָך צוועלף!... מיט יאָהרען און יאָהרען צוריק איז אין דער צייט געזעסען מיין זיידע און עלטער זיידע און געקלאָגט על גלות השכינה... פּונקט אַזוי וויינט יעצט אין מיר מיין האַרץ... אויף וועמען און אויף וואָס?... איז טאַקע דאָס „שאַפען" פון גרויס וויכטיגקייט? האָט עס טאַקע אַ גרויס באַדייטונג?... קען עס עפּעס טאַקע אויפטאָן פאַר דער אומגליקליכער מענשהייט? כאָטש עפּעס, אַ טראָפּעלע?... צי איז דאָס בלויז אַ פּערזענליכע אינדי־ווידועלע זאַך פון דיר און פאַר דיר, וואָס דינט בלויז דיינע איי־גענע פּערזענליכע עגאָאיסטישע צוועקען?... איז פאַרהאַן אַזעל־כעס ווי ריין פּערזענליכעס? אפשר איז דאָס בלויז אַן איינ־ריידעניש, כדי צו טאָן אונזער שליחות, כדי יעדער פון אונז זאָל אַריינטריפען זיין טראָפּענדעל אין לעבען, און באַרייכערען דאָס לעבען.. טראָפּען צו טראָפּען ביז ס'וועט קומען די מענש־ליכע ערלייזונג... דאָס מיינט טאַקע פון די טראָפּענס וואָס יעדע פּערזענליכקייט, יעדער אינדיווידואום, וואָס האָט מיט זיין שאַ־פונגס־גייסט אַריינגעבראַכט אַ טראָפּען פאַרב אין דער גרויקייט פון לעבען... ווייל דאָס אַליין איז דאָך אָן און פאַר זיך שוין עפּעס, אָט די פאַרבען וואָס איין פּערזענליכקייט און אַ צווייטע טריפט אַריין אין לעבען אַריין... אפילו דאָס קאָלעקטיווע איז דאָך אַ ריין אינדיווידועלע זאַך... ניט דער קאָלעקטיוו האָט

דעם קאָלעקטיוו געשאַפען, נאָר דער אינדיווידואום... יעדער קאָ־לעקטיוו איז דאָך באַפאַרבט מיט א װעלכער עס איז פאַרב פון א געוויסער אינדיווידועלער פערזענליכקייט... קאָלעקטיוויזם אָבער איז ניט דער ריכטיגער וועג צו מענשליכער דערהויבענקייט. ניט דורך „איהם" וועט זי קומען, נאָר דורך „איינעם"... פונקט ווי די גייסטיגע אוצרות פון דורות ווערען פון צייט צו צייט קאָנ־צענטרירט און ס'קומט ארויס א גרויסע פערזענליכקייט, א מענש, אזוי וועט זיך פאַר יאָהרען און יאָהרען (ווער קען זיך משער זיין וויפיל) פון דער גאַנצער מענשהייט אויסקאָנצענטרירען א גאָט... יאָ! מענשען האָבען פאַרביטען די יוצרות, מענשען גלויבען אז מיר קומען פון גאָט און ס'איז פונקט פאַרקערט: גאָט וועט קומען פון דער מענשהייט... עס מאַכט ניט אוים וואס פילע גלויבען ניט אין גאָט... נאָר יעדער איינער טראָגט זיך ארום מיט א פיצעל, מיט א ברעקעל גלויבען אין עפּעס, און דאָס איז א פונק פון דער לעתיד'איגער געטליכקייט...

און אויב ס'איז אזוי, איז אפשר מיין ברודער טאַקע גערעכט, וואָס ער האַלט אין מיר אין איין אריינריידען אז איך האָב ניט קיין רעכט זיך אָפּצוזאָגען פון שרייבען, ווייל דאָס איז מיר איבערגעגעבען געוואָרען פון דור דורות. אַניט וואָלט איך יעצט ניט געפיהלט דעם רעליגיעזען ציטער ווען איך האָב נאָר פאַר־טראַכט צוריק זיך נעמען צו דער פען... איך פיהל דעם זעלבען ציטער, וואס איך האָב געפיהלט די ערשטע צייטען ווען איך האָב אָנגעהויבען צו שרייבען...

אלזא, פון וואס הויבט מען אָן?... צום טייוועל, עפּעס ברענט מיר צו־חוצפה'דיג ליכטיג די עלעקטריק?... פאַר וואָס ניט א חלב'ן ליכטעל, אזעלכעס ווי מיינע זיידעס פלעגען אָפּ־ריכטען זייער חצות אין דעם ערשטען משמר פון דער נאַכט... „קומי רוני בחצי־לילה". ערגעץ דאַרף ביי מיר זיין א ליכט?...

אָפּגעזוכט, זי אָנגעצונדען און אויסגעלאָשען די עלעקטריק, אויסגעשפּרייט א ווייס ציכטיג ריין בלעטעל פאַפּיר און איינגע־

טונקען שפּיץ און פּען אין טינטער, אַנגעשטעלט... פּאַרטיג, גרייט!...

אָבער פון וואָס?... אפשר טאקע אָנהויבען פון דער אמת'ער, טרויעריגער ווירקליכקייט, פון דער מים בוירטע, פון דער אַלטער מיאוס'ער מיידעל, נעבאך, וואס איז געקומען צו איינעם אַ שרייבער וואס זי פאַרגעטערט, און ווי דער „גאָט„ האָט פון גרוים צעטראָגענקייט געלאָזט פאַלען אַש אויף איהר קאָפּ פון זיין פּאפּיראָס... איז דאָס דען ניט קיין אינטערעסאנטע טעמע? אַלזאָ, בלייבט עס אַזוי... און זאָל עס טאקע הייסען:

## „אַש אויף איהר קאָפּ".

(ערצעהלונג)

...„צווישען די פּילע געסט" —

ניין, ס'איז קיין אָנהויב ניט, אַזוי הויבט אָן אַן ערצעהלונג אַ צייטונגס־שרייבער, וואס שרייבענדיג יאָהרען לאַנג אין צייטונג, הויבט זיך איהם אָן צו דאכטען, אַז ער קען שרייבען ערצעהלונגען... ס'איז ליטעראַרישע קליאַטשע... דאָ־אָ, נאָך די פּאָר ווערטער, קען קומען יעדער איינער און צושטעלען זיינע אייגענע עטליכע ווערטער... יעדער איינער ווייסט אַז נאָך דעם וואָרט „געסט" מוז קומען: איז געזעסען איינער (אָדער איינע). מ'בעדאַרף אַזוי שרייבען אַז קיינער זאָל ניט טרעפען פון איין שורה וואָס עס געהט אין דער צווייטער און דאָך זאָל עס זיין נאַטירליך און מענשליך, ליטעראַריש געערדט — רעאַליסטיש... אין ערגסטען (אָדער אין בעסטען) פאַל דאַרף יעדער שורה זיין אַזוי אָריגינעל אַז ווען עמעצער וועט קומען נאָך דיר און וועט צושטעלען זיינע, וואָס אויב אפילו זי וועט זיך אריינפּאַסען אין סיפור המעשה אריין, זאָל מען דערקענען אַז ס'איז אַ פרעמדע שורה...

אַלזאָ, מ'בעדאַרף אַנדערש אָנהויבען... דערצו געפעלט מיר

שוין ניט „דאָס קעפּעל". ס'איז ניט קיין מוז דעם גאנצען תוך פון א זאַך „אַרויסקעפּלען" פון אויבען... אָבער דאָס איז ניט וויכטיג... איך וועל קענען ענדערען דאָס קעפּעל נאָכדעם ווי די ערצעהלונג וועט זיין געענדיגט... און אפשר וואָלט גוט געווען „אָהן א קאָפּ" ס'הייסט אַ נאָמען צו געבען די ערצעהלונג „אָהן אַ קאָפּ", ווייל איך האָב ניט קיין „קאָפּ" פאַר דער ערצעהלונג. אַי וואָס מיט דער זאַך אַליין האָט עס ניט צו טאָן?... און אפשר וועט דער לעזער טראַכטען אז דאָס געהט אויף איינעם פון די העלדען... אָדער זי, דאָס מיידעל, האָט קיין קאָפּ ניט וואס איהר איז איינגעפאַלען אַזאַ נאַרישקייט ווי צו געהן אָנ־קוקען א אידישען שרייבער אָדער מ'וועט מיינען אז ער אַליין האָט קיין קאָפּ ניט וואס ער האָט זי אזוי פּיין און איידעל באַ־האַנדעלט... נו, זאָל זיין:

## „אָהן אַ קאָפּ"

(נאָוועלע)

שאַ, און וואָס הערט זיך מיט'ן טאָג־בוך: אפשר איהם פאַרעפּענטליכען? נו, אויב אַזוי האָט „ער" דאָך מיך טאַקע אַריינגענאַרט אין זאַק אריין... איך אליין בין דאָך צוגעטראַטען שרייבען דעם טאָג־בוך פאַר זיך און האָב עס געטאָן אויף דעם סמך וואָס „אזוי מענשען" טוען דאָס אויך, און איצט־אָ טראַכט איך שוין איהם צו פאַרעפּענטליכען... דאָס איז אַ פאַרראַט!... יאַ, אמת, ס'איז ביי מיר אין האַנט, איך קען עס ניט טאָן אויך... אָבער... אפשר איז דאָס טאַקע אַ גוט ווערק, דער טאַג־בוך, און איך וויל דאָך טאַקע ארויס פאַר דער וועלט מיט אַ גוט ווערק און באַווייזען „מיינע לייט", נאַט חברה! נאַט און זעהט! און מיינט ניט, אז איך שרייב ניט, ווייל איך קען ניט... נאַט, זעהט אז איך קען יאָ און וויל ניט שרייבען דערפאַר וואָס איך האַס אייך, דערפאַר וואָס איך האַס

די גאַנצע אַטמאָספערע אייערע וואָס איז פול מיט פוסטער גאוה און נאָך און נאָך אזעלכע מעשים טובים...

נו, גוט, זאָל זיין אזוי. לאָמיר רעכענען אז דער טאָג־בוך איז א גוט געלונגען ווערק, איז דאָס נאָך אַלץ קיין באווייז ניט, אז איך האָב נאָך די „מלאכה" ניט פאַרגעסען... ווייל דאָס איז דאָך פאָרט ניט קיין געשאפען ווערק, איך מיין, ניט קיין אויס־געטראַכטע זאַך.... איך האָב דאָ פאַרצייכענט פאַר א פּאָר מאָנאַ־טען מיינע טאָג־טעגליכע איבערלעבונגען און אויב ס'איז מיר גע־לונגען, דאָס מיינט, אויב ס'האָט א ליטעראַרישען ווערט, איז דאָס בלויז א דאַנק דעם, וואס איך האָב, שרייבענדיג דעם טאָג־בוך, ניט געדענקט, אז ער זאָל אמאָל זעהן די ליכטיגע שיין... יאָ, בלי ספק... והראיה לדבר, איך האָב שוין געזעהען פיל טאָג־ביכער פון מענשען (ניט קיין שרייבער) און אַלע לייענען זיי זיך, איי־נער מעהר, איינער וויניגער, מיט אינטערעס. איך בין אָבער זיכער, אז ווען איינער פון די טאָג־בוך פיהרער וואָלט אין זינען געהאַט אז ער שרייבט דעם טאָג־בוך פאַר דער עפענטליכקייט וואָלט ער טאקע ניט געטויגט, וואָלט מען איהם ערשט דעמאָלט אין „מויל אריין" ניט געקענט נעמען...

איז וואָס אייגענטליך באווייזט עס?

דאָס באווייזט, אז יעדער „איך", אזוי לאַנג ווי ער איז א „איך" פאַר זיך, איז ער פיל אינטערעסאַנטער ווי ווען ער האָט אין זינען אַרויסצוטראָגען דעם „איך" זיינעם פאַר דער עפענטליכ־קייט... וויבאַלד איינער א „איך" וויל ווערען א „נגיד שמו", מוז ער באַזיצען עפּעס אויסערגעוועהנליכעס, מוז ער שטעהן מיט „טויזענט קעפּ" העכער פון די, פאַר וועלכע ער וויל באַ־קאנט מאכען דעם נאָמען זיינעם, און טאָמער איז ער בלויז א מיטעלמעסיגקייט (פון א גאָרניט איז אָפּגערעדט), איז „אבד שמו", דאָס מיינט אז ער פאַרלירט אפילו דעם שטיקעל אינדיוויי־דיאום וואס יעדער דורכשניטליכער מענש פאַרמאָגט, ווען ער געפינט זיך אין זיינע דלד אמות. אזעלכער ווערט בטול בשישים.

עס ווערט פון איהם גארניט... פארגלייכען אזא מענשען קען מען צו א שטיק אייז... א שטיק אייז, דאכט זיך א גאנץ זעלבסט־שטענדיגע זאך, נאָר ווארפסטו דאָס אריין אין וואסער אַזוי איז אוים זעלבסטשטענדיגקייט... צווישען די „מאַסען” זיינען אויך דאָ אַזעלכע וואס זיינען מיט עפּעס העכער פון די מאַסען, הויבען זיי אָבער אָן זיך צו באוויייזען פאר אָט די זעלבע מאַסען, איז ווערען זיי צעשמאָלצען, פונקט ווי די שטיק אייז ווען מען ווארפט זי אריין אין וואסער אריין...

איך קען ניט לייקענען, ס'איז א קלאָר באשטימטע זאך, אז יעדער איינער וואס נעמט זיך צו דער פען פארמאָגט עפּעס מעהר פונ'ם דורכשניטליכען מענשען. אָבער איינצייטיג ווען ער נעמט זיך נאָר צו דער פען, פארלירט ער שוין דערמיט אליין די „בכורה” (איך מיין דאָ די נישטיגע שרייבערלאך) און ווערט נאָך פוסטער פאר'ן דורכשניטליכען מענשען... ער ווערט גאָר בכלל אוים מענש, ער פארלירט אפילו דאָס ברעקעל אינדי־ווידועל־מענשליכע וואס יעדער איינער פארמאָגט...

יאָ, איז אנטקעגען וואָס איז דאָס צורייד געקומען? אנטקעגען מיין טאָגבוך... איך מיין, אז אויב אפילו דער טאָגבוך איז גוט איז קען מען נאָך אָלץ פון איהם ניט ארויסטראָגען קיין באַשלוס, אז איך וואָלט געקאָנט שאפען זאכען, איך מיין, אויסטראכטען און ס'זאָל זיין אזוי קינסטלעריש, דאָס מיינט, אזוי איבערציינגענד, אז די זאך איז פאָרגעקומען... און דערפאר טויג מיר שוין ניט אָט די טעמע אויך... די טעמע פון דער מיידעל מיט'ן שרייבער... אמת, טאַקע, ס'איז אָלצדינגג אמת (און זעהר א טראגישער אמת), אָבער טאַקע דערפאר אליין וואָס איז אמת, טויג עס שוין ניט... וועט עס שוין זיין אמת און ניט קיין קונסט... און אָן אמת, ווי אינטערע־סאַנט ער זאָל ניט זיין, וועט ער דאָך ניט זיין אזוי איטערעסאַט ווי א קינסטלערישער אמת... ס'הייסט, ווי אן אויסגעטראכטער אמת...

אַלזאָ, באַדאַרף מען עפּעס אויסטראכטען... שאַ, לאָמיר אָנ־

נעהמען אז די גאנצע מעשה איז לא היה ולא נברא... דער שרייבער האָט גאָרניט געוואָרפען קיין אַש אויפ'ן קאָפּ פון זיין פארעהרערין. און מיר פאלט איין אזא טעמע. וואָלט עס געווען אינטערעסאנט, צי ניין ? ... אָ, זיכער ! ... און ס'וואָלט דאָך מיר געקאָנט איינפאלען אזאַ טעמע... נו, צו אַל די שווארצע יאָהר, פארוואָס האָט עס באדארפט טרעפען און איך זאָל ניט קאָנען אויסנוצען אזא אינטע־רעסאנטע טעמע ? ...

נו, פון דעסטוועגען באדארף מען אַ פּרואוו טאָן אויב ס'וועט זיך לאָזען... דאָס מיינט, אויב ס'וועט זיך לאָזען שרייבען, ניט אזוי פּינקטליך ווי ס'איז געווען, נאָר אזוי ווי איך וועל וועלען ס'זאָל זיין און ס'זאָל דאָך זיין אזוי ווי ס'וואָלט געווען, אָדער ס'וואָלט געקאָנט זיין... אלזאָ :

„ . . . אין אַ געזעלשאפט פון מענשען איז געזעסען...„

אפשר האָט אזא שורה אמאָל געקאָנט פאררעכענט ווערען פאר קונסט, ביים ערשטען וואָס האָט דאָס ערשטע מאָל אזוי אָנגע־הויבען זיינע אן ערצעהלונג... איצט איז אזא שורה ניט מעהר ווי אַ וואָרים וואָס אַ קינד וואָס ליידט אויף ווערים וואַרפט פון זיך ארויס... אמת, אז פאר פּאָפּולאריטעט איז דאָס זעהר גוט... דער עולם שלינגט אזעלכע ווערים און מיינט ס'איז לאָקשען... מיין מיינונג איז, אז אַ לעזער באדארף זיך אביסעלע צומוטשען ביים לעזען. די „מוטשעניגנע", פארשטעהט זיך, באדארף זיין אן אנגע־נעמע, אן אָנציהענדע (ניט אַנדערש, אניט וועט „ער" דאָך אוועק־וואַרפען לייענען). מ'באדארף איהם נימ געבען קיין לאָקשען צו שלינגען... אויב קונסט האָט עפּעס אויף זיך אַ מיסיע, לאָמיר זאָגען, אויסצופיינען מענשען, צו אנטוויקלען אין זיי עטישע געפיהלען, הויבען זייער גייסטיגען צושטאנד, איז קען עס אויף קיין פאל ניט דערגרייכט ווערען מיט צופּאסען זיך צום אלגע־מיינעם געשמאק פון ברייטען עולם... אויב איינער, אזא שרייבער, געווינט פאר זיך די פּאָפּולאריטעט פון די ברייטע מאסען, מיינט

עס נאָך ווייט ניט, אז די ערשטע אויפגאַבע פון קונסט איז דער־גרייכט... אלזאָ?

ניין, איך וועל שוין היינט גאָר ניט אויפטאָן... איך זעה שוין, מ׳דאַרף עס אָפּלייגען אויף אַ צווייט מאָל... איך האָב געפּרואווט א מעלק טאָן... דערווייל איז ניט געגאַנגען... נו, איך האָב דאָך ניט געקאָנט ערווארטען עפּעס אַנדערש... ס׳איז דאָך ניט קיין קראַן, וואָס אזוי גלייך ווי מ׳גיט א דרעה זאָל זיך גלייך אָנהויבען צאַפּען... איך וועל בלויז איצט, אין דער שפּעטער נאַכטיגער שעה, אין דעם מאָמענט פון רעליגיעזער שטימונג, אינ׳ם מאָמענט פון גייסטיגער התבודדות וועל איך זאָגען צום ניט־פארשטענדליכען אויבערהאַר מיינעם, וואָס איך פיהל, אז „ער״ איז דאָ, נאָר איך באַנעם ניט זיין זיין, צו איהם ווענד איך זיך:

„חזקני ואמצני אך הפעם!״

פעברואַר, 18.

עס טרעפען פילע אַזעלכע זאַכען אין לעבען וואָס מ׳ערוואַרטעט זיי זאָלען טרעפען און דאָך, ווען עס טרעפט די ערוואַרטעטע זאַך, ביזטו אונטער׳ן איינדרוק, אז ס׳איז פאַר דיר געקומען אומערוואַר־טעט... דעם זעלבען אָפּשניט האָב איך געהאַט מיט נעטי׳ן.

איך האָב געוואוסט, אז אייביג וועל איך די שפּיל מיינע מיט איהר ניט קענען שפּילען. איך האָב געוואוסט, אז ס׳וועט מוזען קומען צו דעם און דאָך, איז דער אולטימאַטום פון דעם „אהער אָדער אהין״, וואָס די מוטער איהרע האָט מיר געשטעלט, איז פאַר מיר געקומען גאַנץ אומערוואַרטעט.

אָט ווי אזוי דאָס איז צוגעגאַנגען:

די טיר האָט מיר געעפענט אַ קינד פון די קלענערע קינדער און איז פארשוואונדען געוואָרען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך

באוויזען און א קוק געוואָרפען אויף מיר, א קינד פון די עלטערע קינדער... איך האָב ביים עלטערען קינד א פרעג געטאָן אויף נעטי'ן, האָט עס געענטפערט, אז ס'ווייסט ניט. איך האָב אָבער סיי אין דעם ענטפער און סיי אין די אויגעלאך דערקענט ,אז דאָס ממזר'ל האָט זיך מיר דאָ אומיסטנע געוויזען אויף די אויגען כדי צו האָבען א געלעגענהייט צו זאָגען א ליגען און איינצייטיג האָט עס געוואלט, איך זאָל באמערקען, אז ס'זאָגט א ליגען, אז ס'ווייסט יאָ וואו נעטי איז און ס'ווייסט פארוואָס ס'באַדאַרף דיר זאָגען ,אז ס'ווייסט ניט...

נאָכהער האָט זיך עס אפגעדרעהט פון מיר זייטיג, ס'איז ניט אוועק, ס.'האָט זיך נאָר אפגעדרעהט און א רוף געטאָן :

— מא-א־א ! .

און ביז די „מא" איז צוגעקומען, איז דאָס אַלץ געשטאַנען אזוי זייטיג און פרעמדיג, ווי ס'וואָלט מיר געוואָלט באווייזען, מיט אָט דעם שטעהן, אז איך האָב שוין דאָ גארניט וואָס צו טאָן. איך בין אַלץ געשטאַנען אין פיר־הויז פאר דער אָפענער טיר פון „פּארלאָר" און פיהלענדיג אז מיין פּאָזיציע דאָ טרייסעלט זיך, האָב איך ניט געהאט קיין דרייסטקייט אריבערצושפּאנען די שוועל אין פראָנט־צימער אריין...

ענדליך האָט זיך דאָס מאמעלע באוויזען, אזא קאַלטס, און אזא טרוקענס און מיר א וואָרף געטאָן א „העלאָ", איז דאָס גלייך אוועק פאָראויס מיט א זייט און מיט א האנט פון דער זייט צו־געגאנגען צום פיר־עקעכדיג לענגליך טישעל און א רוק געטאָן גלאָז און גלאנץ וואָס איז אויפ'ן טישעל געלעגען, און האָט אריינ־געשריגען אין צווייטען צימער אריין :

— נאָר א דארעניש אין די הענט אריין ! מ'האָט שוין דאָ וויטער אָפּגערוקט דאָס גלאָז. וואָס טוט מען מיט זיי, וואָס ?

גאָר אזוי ווי זי וואָלט צוליב דעם בלויז אריינגעקומען און אין מיר איגנאנצען פארגעסען... ווי ס'וואָלט דאָ קיינער א חוץ

איהר ניט געווען... ערשט שפּעטער האָט זי געטאָן אַ פּאַרוואָרף אַ קוק אויף מיר און געטאָן אַ זאָג אָפּ:

— זיצט!

און זי האָט מיר אַ פרעג געטאָן כהאי לישנא:

— איהר האָט איהר עפּעס וואָס צו זאָגען?

האָב איך שוין פאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט, און ענטפערען איהר אַז איך האָב נעטי'ן וואָס צו זאָגען, וואָלט געמיינט, אַז איך וויל איהר נעטי'ן נעמליך זאָגען דאָס וואָס די מאַמע איהרע באַצוועקט מיט דער פראַגע... האָב איך געשמייכעלט און געשפּירט אַז וואו ערגעץ ס'ליגט ביי מיר פאַרגליווערט אַ שטיקעל נארישקייט שפּאַרט עס איצט אַרויס מיט אָט דעם שמייכלען מיט מיינעם... (כ'לעבען, אַז דאָס אַליין וואָלט געקאָנט זיין אַ שעהנע טעמע פאַר אַ סקיצע... דערביי אָבער איז מיר שוין גאָר ניט געלעגען אין זינען דערפון צו טראַכטען... אויף וויפיל איך געדענק בין איך, דאַכט מיר, אין יענעם מאָמענט גאָרניט פעהיג געווען צו טראַכ־טען.)

— איך האָב זי געוואָלט זעהן! — איז מיין ענטפער געווען.

דאָס מאַמעלע האָט זיך אָפּגעדרעהט און עפּעס דאַרטען אַ טו געטאָן אַ ניט־נויטיגע טועכץ ביים לאָמפּ וואָס איז אויפ'ן טיש געשטאַנען און האָט צו מיר אַזוי געזאָגט:

— ווען איז צו מיר, נאָך האָט איהר זי ווינציג געזעהן?...

און אין אַ ווײַלע אַרום (קענטיג, פאַר דער ווײַלע זיך גענוג אָנגענומען מיט מוט) און איז אַרויס מיט האַרבען לשון אַזוי אַז מיר איז אַזש הייליג געוואָרען אין די ציין... זי האָט מיר פּשוט און פּראָסט געזאָגט, אַז ווייטער אַזוי געהן ווי ס'איז ביז אהער געגאַנ־גען קען עס שוין ניט געהן...

— אמת, טאַקע, איהר זייט אַ גאַנץ פיינער און לייטישער „באָי”. איך ווייס, אַז ווען איהר וואָלט ניט געווען קיין פיינער וואָלט מיין טאָכטער מיט אייך זיך ניט באַגעגענט... אָבער איהר ווייסט ניט... ווי זאָגט מען דאַרטען ביי אונז?... כ'מיין דאָס,

לייטיש אהער, לייטיש אהין, ס'מוז דאָך אמאָל קומען א סוף, ס'איז שוין צייט, זי זאָל וויסען וואו זי איז אין דער וועלט...

און דאָ האָב איך געהאנדעלט ווי יענער היימישער גנב, וואָס ווען די היימישע מענשען האָבען איהם געכאַפּט ביי א גנבה, איז אָנשטאָט וואָס ער זאָל ארויסנעמען דעם גע'גנב'עטען חפץ פון קעשענע, זאָגט ער, אז ער וועט איהם אָפּברענגען אין א פּאָר טעג ארום... אזוי האָב איך געטאָן. אויפ'ן אָרט וואָס איך זאָל גלייך ארויס מיט אַן ענטפער, וואָס איז געלעגען ביי מיר א גרייטער, האָב איך געזאגט, אז איך וועל איהם ברענגען אין א פּאָר טעג ארום...

און מערקווירדיג: עפּעס טוט מיר דאָך באנג... עפּעס קאָן איך מיר ניט פאָרשטעלען ווי וועט עס זיין אָהן איהר... עפּעס אזוי ווי איי־נער וואָלט אלע זיינע יאהרען צוגעוואוינט געווען צו א בוזים־קעשענע אין זיין אויבערשט און דאָ האָט ער אריינגעקראָגען אַן אויבערשט אָהן א בוזים־קעשענע, פעהלט זי איהם, הגם ער נויטיגט זיך ניט אין איהר. ס'קארטעט איהם וואָס זי איז ניטאָ אָט די קעשענע צו וועלכער ער איז צוגעוואוינט אלע זיינע יאָהרען... נו דאָס רעדט זיך דאָך וועגען אזא קלייניגקייט... דאָס איז דאָך א מענש, ניט קיין בוזים־קעשענע...

אז איך וויל צוריק א טראכט טאָן, האָב איך זיך געדארפט געווען ריכטען אויף דער מפּלה. טאקע נאָך דעם שעהנעם קבלת פּנים, וואָס איך האָב איהר געמאכט ביי מיין ברודער... איך האָב שוין צופיל אָנגעצויגען.... פאראן אזעלכע שטעקענס וואָס בויגען זיך און ס'ציהט דיר אלע מאָל צו פּרואווען ביז וואנען קען עס דערגרייכען אָט די בויגעוודיגקייט פון דעם שטעקען. ס'הייסט, דער גאנצער אינטערעס וואָס דו האָסט אין דעם שטעקען, איז אָט דאָס בויגען איהם און זעהן ביז וואנען ער וועט זיך לאָזען בויגען, אזוי לאנג. פאָרשטעהט זיך, ביז ער מוז ביי דיר פּלאצען... דאָ, מיט געטי'ן אָט אויף וויפיל איך וויל זי ניט פאָרגלייכען מיט א שטעקען, האָב איך דאָך א חוץ אלע אנדערע זאכען געהאט אָט דעם

אינטערעס אויך... געוואָלט זעהן, ביז וואַנען וועט עס קענען דערגעהן אַט דאָס לאָזען זיך איהר'ס פון מיר דרעהען א ספּאָדיק. נו, האָט עס ענדליך געפּלאַצט, הגם ס'איז נאָך ביי מיר אין די הענט „דער־שטעקען" האַלט זיך נאָך ביי זיין גאַנצקייט און דאָס געפּלאַצטע אָרט קען זיך אזוי לאָזען פארקלייען אז ס'זאָל אפילו ניט דעריקענט ווערען.... יאָ, אָבער בויגען איהם, דעם שטעקען, וועל איך שוין מעהר ניט קאָנען... און אויב אין דעם בלויז, אין דער בויגינקייט, באַשטעהט דער אינטערעס צו א שטעקען, פארלירט ער דאָך דעם גאַנצען אינטערעס נאָכדעם ווי מ'קען שוין ווייטער אַט די שפּיל ניט שפּילען מיט איהם...

איך ווייס ניט ווי א נאָמען צו געבען אַט די באַציהונג מיינע צו איהר... ס'איז דאָך אַ מאָדנע זאַך וואָס ניט האָבענדיג צו איהר קיין באַציהונג האָב איך דאָך צו איהר יאָ געהאַט (און האָב זי נאָך איצט אויך). אַ באַציהונג... איך האָב זיך פארהאַלטען צו איהר מיט יענער ערנסטקייט, ווי... נו, ווי א קינסטלער פארהאַלט זיך אַמאָל צו זיינער אַן אויסגעטראַכטער העלדין... און ווי ליב די העלדין זאָל איהם ניט זיין, וועט ער זיך ניט אָפּשטעלען פון צו באַלייגען זי מיט א צווייטען מאַן און אַמאָל נאָך מיט אַזעלכען, וואָס איז איהם דערווידער... אמת, אז ס'פאַרדריסט איהם וואָס ער טוט אזוי, נאָר ער קען זיך גאָר ניט העלפען... אזא באַציהונג האָב איך געפיהלט (און פיהל אויך איצט) צו אָט דער נעטי'ן. עפּעס ווי גלייך זי וואָלט ניט געווען קיין וועזענטליך וועזען, ווי גלייך זי וואָלט געווען א פארקערפּערטע רעאַליסטישע שילדערונג פון מיינס א ווערק...

ס'איז זיכער, אז ס'איז פון אָנפאַנג אָן געווען שפּיל... און ס'איז מיר טאַקע אַ שאָד אָט די שפּיל אָנצואָווערען, און איך וואָלט געווען באמת צופרידען, ווען ס'וואָלט מעגליך געווען אזא וועג, א מיטעל־וועג, פון ניט־אַהער און ניט־אַהין, ס'הייסט, זאָל זי זיך טאָן וואָס זי וויל, נאָר זי זאָל ניט זיין אָפּגעריסען פון מיר... נו, אזוי ווי אַ שוועסטער... פארלירט מען דאָך ניט די ברידערליכע

געפּיהלען צו אַ שוועסטער דורך דעם וואָס זי האָט חתונה... אָט ווען אָט דער חברה־מאַן, אָט דער דיכטער, וואָלט מיט איהר חתונה געהאַט, וואָלט עס געווען ווי אַנגעמאָסטען פאַר מיר... איהם וואָלט ניט געאַרט, ס'זאָל זיך נאָכשלעפּען ביי דער זייט כ'ווייס דאָרטען נאָך איינער, און אַזעלכער. כ'ווייס דאָרטען, וואָס האָט אַמאָל געהאַט פּרעטענזיעס צו זיין אַ שרייבער...

יאָ... מ'באַדאַרף לייגען דעם קאָפּ אויף דעם.... אפשר וועט זיך מיר איינגעבען זיי ביידען צו פאַרשלייערען... און נאָר אַזוי אַרומער וועל איך קאָנען האָבען אַ דריסת הרגל צו איהר, הגם איך זעה ניט ווי אַרומער אָט דער פּלאַן מיינער קען רעאַליזירט ווערען.

פעברואַר 19.

געזעהן אַז לענגער וואַרטען אויף אַן ענטפער פון.ם שריפט־שטעלער אני הגבר האָט קיין זין ניט, פּשוט דערפאַר, ווייל ווען ער וואָלט געענטפערט וואָלט איך איהם שוין לאַנג געהאַט דעם ענטפער זיינעם, האָב איך זיך אָנגעגורט די לענדען און בין אַוועק אין דער ליטעראַרישער קאַפּע, מיט דער זיכערקייט, אַז דאָרטען וועל איך איהם זיכער טרעפען.

געקומען בין איך אַהינצו מיטאָג־צייט, אַליין דאָרטען גע־געסען מיטאָג, און געזעהן ווי אַנדערע עסען... געקומען בין איך אַזוי פריה, ווייל איך האָב ניט געוואוסט וועלכע צייט ס'קומט אַהינצו דער שריפטשטעלער אני הגבר, און זעהען האָב איך איהם געוואָלט אומבאַדינגט, ניט געקענט און שוין קיין געדולד ניט גע־האַט לענגער אויף אַ בריף פון איהם צו וואַרטען...

דער ערשטער, מיט וועמען איך האָב זיך באַגריסט דאָרטען, איז מיט מינץ'ן.

— העללאָו, מיסטער מינץ! — האָב איך איהם געזאָגט.

און ער האָט אַזוי אויסגעשטרעקט די ווייסע, פּוכקע ריינע האַנט זיינע און „געקוקט" מיט זיין אָפען־אויגיקער בלינדקייט

און אריינגעטראכט אין דעם קול אריין וואָס האָט איהם באַגריסט... איך האָב געזעהן, אז ער דערקענט מיך ניט. נאָר ווימענדיג זיין אַמביציע, האָב איך איהם ניט געזאָגט ווער איך בין, איהם געגעבען צייט צו טראַכטען און נאָכצודענקען צו וועמען ס'באַלאַנגט דאָס קול וואָס האָט איהם באַגריסט...

און ער האָט געהאַלטען די האַנט מיינע אין זיינער, אין זיין פּוכקער, ווייסער האַנט, און געהאַט האָב איך דעם איינדרוק, אז ווייל דאָרטען אינווייניג ביי איהם איז אַזוי שווארץ און פינסטער, איז דערפאַר דאָס לייב זיינס אַזאַ ליכטיגס...

— זאָגט מיר ניט — האָט ער זיך ביי מיר געבעטען, א דריק־טוענדיג די האַנט מיינע, — איך מוז מיך דערמאָנען...

און דערביי האָט דאָס „ליכטיגע” פּנים זיינס אויסגעדריקט נייגעריגקייט און פּיין, און די אָפענע אויגען זיינע האָבען „געקוקט” מיט אָפענקייט און האָבען פאַר זיך אַליין עדות געזאָגט: מיר קוקען בלויז, אָבער זעהען זעהען מיר ניט...

נאָך א היבשער פּויזע האָט ער מיט געבעט געזאָגט צו מיר:

— נו רעדט נאָך עפּעס... איך מוז מיך דערמאָנען... אז דער נאָמען אייערער ליגט מיר אויף דער צונג... איך וויים ווער איהר זענט... נאָר איך קען מיך ניט דערמאָנען אייער נאָמען...

איך האָב איהם געפרעגט אויפ'ן שריפטשטעלער אני הגבר, איך האָב עס אַזוי אויך געוואָלט ביי איהם פרעגען, ווייל איך וויים, אז ער מוז זיכער וויסען צי ער איז שוין דאָ געוועזן, צי בעדאַרף ער ערשט קומען, און ניט נאָר וועגען איהם ווייסט ער, נאָר ער ווייסט פון אַלעמען...

ווען איך האָב גערעדט אָט דאָס וואָס איך האָב איהם געפרעגט, איז ער מיט'ן גאַנצען פּנים געוועזן אריינגעשטעקט אין מיין שטימע און איך האָב געזעהען אַזוי פיל אַנגסט פון דעם, וואָס ער קען נאָך אַלץ ניט כאַפּען ווער איך בין, און ער האָט

א שוועב געטאָן מיט דער ווייסער האנט אין דער לופטען, און אָנגעטראָפען אויף מיין האנט האָט ער זי ארייננעכאפט אין ביידע זיינע און פארדרעהט דאָס מויל אָן א זייט האָט ער זיך א בעט געטאָן ביי מיר:

— זאָגט מיר ניט טייערער... אָט נאָך איין קליין ביסעלע וועל איך מיך דערמאָנען...

און איך ווייס ניט צי אויס נייגעריגקייט צו וויסען, וואס איך בעדארף דעם שריפטשטעלער אני הגבר, צי ווייל ער האָט ווייטער געוואָלט הערען דעם קול מיינעם, צי האָט ער געוואָלט ביידע זאכען, האָט ער מיר געפרעגט, וואָס איך בעדארף איהם. איך האָב אָבער זיין נייעגריגקייט ניט געקענט צופרידען שטעלען, דערפאר אָבער האָב איך איהם ווידער געלאָזט הערען מיין קול.

— איך קען אייך ניט זאָגען, מיסטער מינץ!

און דאָ זיינען פון איהם ארויסגעשפרונגען זיינע צוויי ווייסע הענט און אריינגעשפרונגען אין מיר און איינצייטיג האָט ער ענטוזיאסטיש אויסגערופען:

— הימעלשיין!

— בראוואָ, מינץ!

און פון גרויס גדולה, וואָס ער האָט געטראָפען, האָט ער ערשט פון דאָס ניי געדריקט מיין האנט און האָט זיך ערשט צעלאָזט מיט אזוי פיל פרייד און עקסטאז. אָבער דאָס איז ניט געווען אזוי די פרייד מיט מיר, ווי פון דעם וואָס ער האָט דורך מיר געקראָגען אזא געלעגענהייט צו באווייזען זיין קונסט...

— נו, הימעלשיין, האָב איך אייך ניט געזאָגט, אז איך האָב אייך גלייך דערקענט נאָר דעם נאָמען אייערען איז מיר אזוי שווער געווען צו כאפען. ס'איז דאָך שוין העכער דריי יאָהר, א יאָ, הימעלשיין, טייערער, אז איך האָב אייך שוין ניט „געזעהן"... וואָס־זשע מאכט איהר, טייערער... „מ'זעהט" אייך ניט און מ'הערט אייך ניט... איך האלט אין איין פרעגען אויף

אייך: וואו איז דאָס אהינגעקומען דלד הימעלשיין, און קיינער ווייסט ניט... איך האָב אפילו געבעטען מיין וואנוויטש'ל ער זאָל אָפּזוכען אייער ברודער'ס טעלעפאָן... וואס מאכט ער, אייער ברודער? ער איז אַל ראַיט... אָ, איך בין אזוי גליק־ליך!... זיצט, הימעלשיין, אַי, אַ גאסט... וואנוויטש! וואו איז ער ערגעץ, זעה נאָר ווער ס'איז דאָ...

„וואנוויטש'ל", אַ שטילער, אַ שווייגענדיגער, וואָס לעבט, דאכט זיך, און עקזיסטירט בלויז צוליב זיינע אויגען, און אַז ער, מינץ, הייסט עס, זאָל האָבען נוצען פון די אויגען פון זיינע, איז געזעסען ביים שאַך־ברעטעל און אַ שווייגענדיגער, אַ שטילער, געווען פארטיפט אין דער „שפּיל" וואָס ער האָט געשפּילט מיט איינעם אַ דאָקטאָר וואָס שרייבט לידער אויף דייטש... ס'איז אזוי אויסגעקומען, אַז דער „וואנוויטש'ל" זעהט פאר איהם, פאַר'ן בלינ־דען חבר, שפּילט פאר איהם אין שאַך און דער, מינץ רעדט פאר איהם אוןביידע צעטיילען זיך דערנאָך... איך געדענק דאָך ווי דער סגינוהר האָט אזא הנאה ווען זיין לעבענס־באגלייטער גע־ווינט אין שאכ־שפּיל, ווי ער אליין וואָלט געשפּילט און גע־וואונען, איז דערפאר האָב איך זיצענדיג דאָס מאָל אין קאַפּע גע־האָט דעם איינדרוק אז דער זעהענדיגער שפּילט שאַך פאַר'ן ניט זעהענדיגען...

אזוי ווי עס איז געווען אַ רעגענדיגער טאָג, איז דערפאר דער בין השמשות געווען אַ גרויסער... פארכאַפּט אַ פּאָר שעה פון טאָג איז „ער" פאַמעליך מיט די פּאָר שעה אומבאַמערקט געקראָכען און זיך דערנעהנט צו דער נאַכט... דעם חילוק פון טאָג ביז דעם בין־השמשות האָט מען געקענט בלויז דערקענען אין דעם, וואס „בייטאָג" זיינען געזעסען אַ היבשע צאָהל מענשען און האָבען געגעסען און אין דעם בין־השמשות איז געזעסען אַ קליינע צאָהל מענשען ביי לעדיגע טישלעך...

וואו ניט וואו איז געזעסען איינער ביי אַ גלאָז טיי און אויפ'ן חשבון פון דעם טיי־טרינקער זיינען געזעסען עטליכע מענשען

און שוין יוצא געווען מיט איהם... אזוי ביי איין טישעל, ביי א צווייטען און ביי אדריטען... ס'שטעהען בלויז גלעזער וואַסער ווי שטומע, ניכטערע עדות אז מ'טרינקט ניט און מ'עסט ניט... ווי מ'וואָלט זיי ספּעציעל צוליב דעם אוועקגעשטעלט מ'זאָל זיך דערמאָנען אז: דאָס גיט מען אומזיסט אָט דעם וואַסערדיגען געטראַנק, נאָר מ'גיט עס דיר אומזיסט דערפאַר ווייל מ'האָפט אז איהר וועט קיין דברים אחרים ניט זיין און איהר וועט עפּעס נעמען...

שטעהען זיי נעבאַך, די גלעזער וואַסער און שווייגען וואַסערדיג, און פונקט אזוי שווייגט דיווירטין פון קאַפע און דער וועיטער... אָט די וואַסער איז זייער דערמאָנונג און זייער שווייגען איינציייטיג...

נו, קומען זיי צונויף אָט די וואַסערדיגע שווייגענדיגע מאָהנער, לעשט מען אין זיי די שוועבעלאַך וואָס מ'פאַררויכערט די פּאַפּיראָסען, מ'וואַרפט די אַש און די שטיקעלאַך פון די אויסגערויכערטע פּאַפּיראָסען...

— איז וואָס־זשע מאַכט איהר, הימעלשיין טייערער? — האָט מיסטער מינץ געפרעגט — מ'האָט שוין גאָר אינגאַנצען פארגעסען אָן אייך...

ביי די באַזעצטע טישלעך האָט מען גערעדט וועגען קונסט און קינסטלער וועגען שרייבען און שרייבער... מ'האָט גערעדט און באַרעדט די שרייבער וואָס זיינען דאָ ניט געווען און צווישען די באַרעדטע האָט פיגורירט דער יעניגער שריפטשטעלער צוליב וועלכען איך בין אין קאַפע געקומען... אויף דעם איז באַזונדערס איינער געווען אויפגעטראָגען פאַר וואָס מ'האָט „איהם" פאַר'שם'ט פאַר א גוטען מענשען... ווי א שטרענגער ריכטער האָט ער געפאָדערט באַווייזען, מ'זאָל איהם באַווייזען כאָטש איין גוטע נאָבעלע זאַך, וואָס דער־אָ שרייבער זאָל האָבען געטאָן, וואָס זאָל פאַרדינען דעם גוטען שם זיינעם.

— נו, ווייזט מיר כאָטש איין זאַך... איין גוטע זאַך... גלאַט ריידען אין דער וועלט אריין!...

איך האָב געטראַכט וועגן די פינף און צוואַנציג דאָלאַר וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט, נאָר אַזוי ווי איך אַליין האָב אויך געקמעטעט אַז ס'איז עפּעס ניט גלאַט דאָ, האָב איך צוגע־שוויגען...

ביי אַ צווייטען טישעל, ביי איין גלאָז טיי און ביי עטלי־כע גלעזער וואַסער זיינען געזעסען אַ פּאָר יונגע שרייבער און געשאָטען מיט פעך און שוועבעל אויף אַ באוואוסטען קריטיקער, ווייל ער האָט ערשט לעצטע וואָך ארונטערגעריסען איינעם פון זיי וואָס איז דאָ טאַקע ביים טישעל געזעסען... און האָבען געשאָ־סען מיט „שירים ותשבחות" אויף דעם ארונטערגעריסענעם דיכ־טער און, קענטיג, „לא מאהבת מרדכי אלא משנאת המן". מסתמא האָבען זיי אויכעט בשעתם געקראָגען אַ גאָב פון איהם...

— איהר זענט אַ גרויסער טאַלאַנט, — טענה'ט איינער צו דעם איינעם, — האָט איהם אין באָד!

און דער סניגהור מינץ זיצט און שלינגט אין זיינע גרויסע אויערען וואָס מ'רעדט דאָ, וואָס מ'רעדט דאָרטען, און וואָס מ'רעדט אומעדום, און שפּילט זיך דערביי מיט צייהן־שטעכער, פּאַרעלטערטע, פּאַרקויטיגטע... ער שפּילט זיך מיט זייער שטע־כעדיגקייט פון פינגער אין פינגער אריין און אַזוי שפּילענדיג זיך מיט אָט די שטעכערס וואַרפט ער אריבער פון צייט צו צייט אַ וואָרט אהער, אַ וואָרט אהין, טראָגט אריין זיין אויס־בעסערונג ווען ס'רעדט ווער עפּעס אַזעלכעס וואָס איהם געפעלט ניט אָדער פאַרענטפערט איינעם און אַ צווייטען וואָס ווערט דאָ און דאָרטען פון די און יענע בארעדט... און קוקענדיג ווי ער שפּילט מיט די צייהן־שטעכער, האָט עס אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דורך איהם ווערט עס רעגולירט אָט די אַלע שטע־כעדיגע רייד וואָס ווערען דאָ און דאָרטען אויף איינעם און אַ צווייטען אויסגערעדט, אַז פאַר איהם איז דאָס בלויז אַ שפּיל

פון שטעכעניש פון פינגער אין פינגער אריין, אָבער רעאַגירען רעאַגירט ער פּונקט ווי ס׳וואָלט איהם אָנגערירט ביים שפּיץ האָריץ וואס מ׳בארעדט דאָרטען דעם און יענעם...

— ער איז אַ גאָלדענער מענש! — האָט ער היציג פּאַרטיי־דיגט דעם שריפטשטעלער אני הגבר, — ער האָט אַ גאָלדענעם כאַראַקטער!

און יענער, דעם אני הגבר׳ס קטיגור, איז אויף איהם אָנ־געפאַלען:

— איהר רעדט דאָך גלאַט אין דער וועלט אריין, מינץ. ברענגט מיר איין זאַך, איין פאַקט... וואָס ווייסט איהר פון איהם, וואס האָט ער געטאָן וואָס?

און זיך געווענדעט צו די קאָלעגען:

— איהר ווייסט אין וואָס ס׳באַשטעהט זיין גוטסקייט? אז ס׳געהט אריין אַ פּעדלער און בעט איהם ער זאָל עפּעס גע־בען צו לייזען; ער מיינט נעבעך גאָר ניט, דער פּעדלער, ער וויל טאַקע מ׳זאָל איהם געבען צו לייזען און ער זאָל פאַרדינען אַ פּאָר סענט, ווארפט ער איהם אַריין אַ ניקעל, אמאָל אַ „דיים״, און וויל ביי איהם גאָר ניט נעמען... אַ וויכטיגער אויפטו! טאָמער איז דעם אידען קיינמאָל ניט איינגעפאַלען צו בעטלען, ווייזט ער, דער ערשטער איהם דעם וועג...

— ס׳איז אַלראַיט! — האָט מינץ געזאָגט, קענטיג גלאַט אַזוי זיך צוליב זאָגען בלויז. עס איז אין איהם קענטיג געווען אַז איהם אַרט ניט אַז דער וועט בלייבען גערעכט... זיינס האָט ער אָפּגעטאָן, ער מינץ... און מסתמא וועט יענער, ווען ער פאַרטיידיגט, וויסען וואָס ער האָט געטאָן און מעהר בעדאַרף ער ניט...

נאָכדעם האָט איינער, קענטיג צוליב שפּאַס, אָנגעוויזען אויף יענעמס דעמאָקראַטיזם, אַז ער, דער שריפטשטעלער אני הגבר, איז זעהר דעמאָקראַטיש. און דאָ איז דער קטיגור זיינער גע־ווארען אונטערגעצונדען און ער האָט זיך גענומען באַווייזען, אַז אַט

די אזעלכע נעבושקעלעך ווי דער שרייבער אני הגבר, וואָס דרש'־ ענען וועגען עניות, שטעהען ביי איהם אלע מאָל אונטער א פראגעצייכען.

— קוקט זיך צו: ווער פרעדיגט עם עניות? נאָר אזעלכער וואָס ווייסט, אז מ'ווייסט שוין, אז ער איז גרויס, און ער ווייסט, אז ער קען דערמיט קלענער ניט ווערען... איז דאָס דען ניט די גרעסטע באליידיגונג פאר מענשען, ווען איינער וואס איז אָנגע־ נומען פאר גרעסער פון זיי פראָקלאמירט זיך אלס זייער גלייכען... אפילו ביים בעסטען רצון פון דעם גרויסען און לייטישען מענשען, בלייבט אלץ א באריערע צווישען איהם און יענע, צו וועלכע ער לייגט אוועק זיין גלייכהייט, ווייל זיי צו איהם קענען ניט זאָגען „מיר זיינען גלייך מיט דיר".

אנטשוויגען געווארען אויף א ווײלע און פאָרטגעזעצט:

— קאָלעגען! יעדער אמת'ער קינסטלער (ניט קיין גע־ בלאָפטער) פארמאָגט אין זיך א געוויסע דאָזע פון עטיק, כ'מיין אויף זיין חלק מעהר ווי דער דורכשניט מענש... לאכט זיך אויס פון די אלע, וואָס זאָגען, אז קינסטלער זיינען די ערגסטע מענ־ שען אין דער וועלט... ס'איז א ליגען! ניט נאָר זיינען זיי ניט ערגער, נאָר בעסער. אונזער פריינד, וועגען וועלכען מיר ריי־ דען דאָ, פארמאָגט אויך אָט די זעלבע דאָזע עטיק. נו, האָט ער גענומען און האָט זי צעבלאָזען. קומט אויס, אז ער איז דער גוטער, און מיר...

— גוט, אבער ער איז דאָך ניט ערגער פון אלע אנדערע, — האָט זיך אָפּגערופען פון זיין אָרט, פון זיין זיצען און פון זיין שווייגען און הערען, מיסטער מינץ...

— יא, אמת. ער וואָלט ניט געווען ערגער, נאָר שוין דער־ מיט אליין, וואס ער וויל זיך אויסשטעלען פאר'ן בעסטען פון אונז, דערמיט איז ער שוין ערגער...

— א דאגה אייך, נו? — האָט זיך ווידער אָפּגערופען מיין אָפּען־אויגיקער שכן מינץ. — פארגינט עס איהם!

דאָ איז אויף איהם דער באַריידעוודיגער שרייבער אָנגע־פאלען:

— וואָס האקט איהר א טשייניק, מינץ? וואס פארגינען, ווער פארגינען, מ׳רעדט דען פון שרייבען? איך וואָלט עס איהם פארגינען מיט׳ן גאַנצען הארצען, און איך וואָלט נאָך אפילו צופרידען געווען, ווען ס׳וואָלט אמת געווען. אָבער אז ער איז עס ניט!...

און געבראכט א משל מיט א רב און מיט א פרומען אידען און א גרויסען לערנער, וואס איז ניט קיין רב, און פאַרגע־שטעלט ווי איינער אזא איד קומט צום רב און זאָגט איהם, אז ער איז קיין רב ניט, ווי דער רב דערשרעקט זיך און פרעגט איהם, דעם אידען, פאר וואָס ער זאָגט עס איהם, צי איז ער ניט גענוג פרום? צי קען ער ווייניג לערנען? האָט ער חלילה וחס געמאכט פון טריף כשר, צי פון כשר טריף... ניין, זאָגט דער איד, איהר זענט א פרומער רב און איהר קענט גוט לערנען און פסקנ׳ען גוט שאלות... נאָר איך קען עס אויך. פאר וואָס זשע בין איך קיין רב ניט? איז דערפאר וואס איך בין עס ניט, זענט איהר עס אויך ניט!...

— דעם נמשל, ווילט איהר וויסען? מיר זיינען אזוי גוט און וואויל ווי „ער" איז, און מ׳האלט אונז ניט פאר קיין גוטע, איז דערפאר אליין איז ער אויך ניט קיין גוטער...

דאָ איז מיר אָנגעפאלען א חשק אלעמען און באזונדערס אָט דעם באריידעוודיגען שרייבער איבערראשען, און איך האָב געזאָגט:

— און איך וואָלט אייך געקאָנט עפעס דערצעהלען וועגען איהם אזעלכעס, וואס וואָלט שוין יאָ באוויזען אז ער איז זעהר א לייטישער מענש!...

ס׳האָבען זיך אַלע אָנגעכאפט מיט נייגעריגקייט און איך האָב זיי דערצעהלט די גאנצע מעשה מיט די פינף און צוואנ־

ציג דאָלאַר, וואָס איך האָב געקראָגען און פאַר וואָס איך האָב זיי געקראָגען... (על פּי נוסח מיין ברודער).

— וואָס וועט איהר זאָגען דערצו, אַ?

אַלע זיינע געבליבען געפּלעפט הערענדיג פון אַ לעבעדיגען מענשען, לעבעדיגע ווערטער וועגען אַזאַ געשעהענעם פאַקט. דער סגינהור האָט אַ פּליעסק געטאָן מיט די הענט און אויסגעשריען:

— בראַוואָ, הימעלשיין! איך זאָג אַלע מאָל, אַז ער איז אַן אויסערגעוועהנליכער, גוטער, לייטישער מענש...

און זיך אַריינבייגענדיג אין מיר אַריין מיט זיין קאַנטיגען פּנים און מיט די אָפענע אויגען, האָט ער שטיל געפרעגט:

— הימעלשיין, איהר לאַכט?...

און פון דעם איז קענטיג געווען, אַז ער וויל שפּעקולירען אויף צוויי פראָנטען... איז דאָס אמת, נו, האָט ער דאָך אַפּלאָדירט, האָט ער דאָך באַוויזען אַז דאָס, וואָס די זעהענדיגע אַרום איהם ווייסען ניט, אָדער גלויבען ניט, ווייסט ער יאָ; און אויב ס'איז ליגען, מוז ער ווידעראַמאָל פריהער דאָס וויסען צוליב דערזעלבער אורזאַך, כדי צו האָבען ווען עס איז אַ געלעגענהייט זיי ווידער אַמאָל, די זעהענדיגע, צו איבערצייגען אַז ער ווייסט פיל, פיל מעהר פון זיי...

איך האָב איהם אויף זיין פרעגען ניט געענטפערט און ער האָט אַזוי „קוקענדיג” אַביסעל העכער פון מיר מיט זיינע אָפענע אויגען געטאָן אַ קאַנטעווע אונטער די גאָמבע אין דער סאַמע נאָז אַריין, און זיך אַ וויג געטאָן אויף הין און צוריק געזאָגט:

— איך קען הימעלשיין'ען! הימעלשיין וועט ניט זאָגען קיין ליגען!

און אויף וויפיל איך האָב איהם געקענט, האָב איך אין זיינע ווערטער פאַרשטאַנען, אַז ניט ער מיינט מיך צו פאַרטיידיגען און ניט ער מיינט צו באַווייזען דעם אני הגבר'ס לייטישקייט, נאָר אַז דאָס איז ווידער שפּעקולאַציע. איינמאָל וויל ער באַווייזען, אַז ער „קען הימעלשיין'ען” און איינצייטיג האָט

ער געוואָלט באַווייזען, אַז ער קען בעסער אָט דעם יעניגען וועד־גען וועלכען ס'איז אָנגעגאַנגען אָט דער גאַנצער אַמפּער... דער, אָבער, דער זעלבער שריפטשטעלער, וואָס איז די גאַנצע צייט אַרויסגעטראָטען אַלס קטיגור געגען יענעם, האָט פון קיין זאַך ניט געוואָלט וויסען:

— עפּעס איז דאָ, עפּעס מוז דאָ זיין, ווען ס'וואָלט אפילו געווען אמת, וואָס ער (איך, הייסט עס) זאָגט... איך גיב מיין קאָפּ, אָט זיינען אַלע עדות, אַז דאָ שטעקט עפּעס...

דאָ האָט זיך מיט קעלט אָן עפּען געטאָן די טיר און ס'האָט זיך טיזליקדיג אַריינגעכאַפּט מיט די ברילען אויף דער נאָז און אויגען (אָדער פאַרקערט, די ברילען האָבען זיך פאַראויס אַריינ־געכאַפּט) דער באַוואוסטער קריטיקער, מיט אַ פּאַק צייטונגען און זשורנאַלען אונטער'ן אָרים, און אַזוי גלייך ווי ער איז אַריין האָט ער אַראָפּגעכאַפּט די צוויי מאַסיווע שטיקער אויגען־גלאָז און שטעהענדיג מיט דעם יעניגען שטעהן וואָס איז כאַראַקטעריס־טיש פאַר אַלע מענשען וואָס פאַרלירען די ריאה אין דעם מאָמענט ווען זיי בלייבען מיט נאַקעטע אויגען, מיט אַזאַ שטעהן און מיט אומגעדולדיגער וואַרטעניש אויף זיך אַליין און מיט אומגעדול־דיגער וואַרטעניש צו דערזעהען די ליכטיגע שיין, איז ער געשטאַ־נען און געווישט און געריבען די גלעזלאַך און געקוקט דערביי אויף אַלעמען און אין דעם קוקען איז קענטיג געווען, אַז ער דער־קענט קיינעם ניט, און אינ'ם שמייכעלע אויף זיין אונטערשטער דיקער ליפּ איז געווען אַ צוזאָג, אַז אָט־אָט וועל איך אייך אַלע דערזעהן און דערקענען און אייך אַלעמען באַגריסען...

איך אַליין האָב מיך דערביי זעהר מאָדנע געפיהלט... דער־וויל, הייסט עס, אַזוי לאַנג ווי ער ווישט די ברילען, בין איך פאַר איהם אַ גלייכער מיט גלייכע... דערוויילע דערקענט ער מיך ניט, ווי ער דערקענט ניט אַלע איבעריגע... און וואָס וועט זיין אַז נאָכדעם ווי ער וועט זיך אָנזאָטלען די „זעהערס", וועט ער מיך דאָך ניט דערקענען... און ס'איז דאָך טאַקע מעגליך

אויך... וויפיל מאָל האָט ער מיך דען איינגאַנצען געזעהען? און דאָ איז שוין העכער דריי יאָהר, אז ער האָט מיך אין די אויגען ניט אָנגעקוקט...

געהענדיג אהערצו האָב איך מיך בעדאַרפט געווען ריכטען אז איך וועל איהם דאָ טרעפען און דאָך איז ער פאַר מיר געקו־מען אומגעריכט... ס'איז, דאכט מיר, אַלע מאָל אזוי מיט יענע מענשען, צו וועלכע דו ביזט ניט גלייכגילטיג (ניט קיין אונטער־שיד צום גוטען אדער צום שלעכטען). אזעלכע, דאכט זיך דיר, קומען דיר אַלע מאָל אומגעריכט... און וואָס אנבאַלאַנגט טאקע איהם אַליין, איז פיהל איך צו איהם אַן עהנליך געפיהל, וואָס אַ מוטער, ביי וועלכער ס'איז אַ קורצע צייט נאָכ'ן קינפּעט דאָס קינד אוועקגעקומען, פיהלט ווען זי באַגעגענט די אַקושערקע, וואָס האָט ביי איהר דאָס קינד גענומען... עפּעס איז איהר אַי אנגענעם זי צו זעהן, אַי ניט... זי איז איהר אַי היימיש, אַי פרעמדער פון אַלע פרעמדע מענשען... אַן עהנליך געפיהל פיהל איך צום קרי־טיקער אַ דאַנק זיין בריף, וואָס ער האָט מיר צום „געבורט" פון מיין שרייבען צוגעשיקט, און אַ דאַנק דעם וואָס דאָס שריי־בען איז פאַר מיר אזוי גוט ווי געשטאָרבען...

אַ דאַנק אָט דעם געפיהל, האָב איך שוין ניט געוואוסט צי וויל איך ער זאָל מיך יאָ דערקענען צי איך וויל עס ניט... אָט טאַקע דערפאַר אַליין, וואָס איך האָב אויפגעהערט שרייבען...

האָט ער מיך יאָ דערקענט, און האָט מיך מיט קוראַזש באַ־גריסט, און וויסענדיג אז ס'איז ניטאָ קיין אורזאַך, וואָס זאָל באַרעכטיגען אָט דעם קוראַזש זיינעם (ווייל טאַקע, וואָס, אַ שטייגער?), האָב איך דערפון געדרונגען אז ניט פון דעם דער־זעהען מיך איז ער אזוי צופרידען, נאָר פון דעם, וואָס ער דער־קענט מיך... ס'איז דאָך ניט אויסגעשלאָסען געווען אזאַ מעג־ליכקייט ער זאָל מיך ניט דערקענען, אזוי לאַנג ניט געזעהן מיך, און הגם ער וואָלט שולדיג געווען גאָט די נשמה, וואָלט איך דאָך געקענט אמאָל איבערטראַכטען, אז דאָס איז אַ מאַניער פון גרויס־

קייט, פון גאוה נים צו דערקענען „א קלענערס" פון זיך. איז פאר איהם וואָלט עס זעהר נים געפאסט, אז איהם זאָל מען חושד זיין אין אזא פלאכקייט, איז דערפאר:

— העללאָ, הימעלשיין! וואס מאכט איהר? א גרויסער גאסט ביי אונז. שוין א צייט מיט יאהרען אייך נים געזעהן!...

און תוך כדי דיבור א פרעג געטאָן, וואו איך זיץ, ס'הייסט, צי זיץ איך טאקע דאָ, וואו איך זיץ, צי זיץ איך ערגעץ אנדערש און איך האָב מיך דאָ צייטווייליג נעבען מיסטער מינץ'ען באַזעצט...

— העללאָ, מיסטער מינץ!...

— העללאָ, העללאָ, וואס מאכט איהר?... זיצט, הימעלשיין, זיצט דאָ נעבען מיר!...

ער האָט זיך באזעצט נעבען אונזער טישעל, אונטערלייגענדיג אונטער זיך דעם פאַק צייטונגען און זשורנאלען, און א דאנק דעם, האָט ער אויסגעזעהן, ווען ער האָט זיך אוועקגעזעצט, פיל העכער ווי ער איז.

— איז וואָס איז טאקע די מעשה מיט אייך? נים מ'זעהט אייך אזוי נים און מ'זעהט אייך אין ערגעץ נים זיך דרוקען?

איך האָב נים געענטפערט און נים געוואוסט וואס צו ענטפערען אויף דער פראגע. שפעטער א ווײלע האָב איך געזאָגט:

— איך האָב טאקע מיט אייך עפעס צו ריידען וועגען דעם ענין.

און געפרעגט, צי קען ער פאר מיר אָפּרייסען עטליכע מינוט.

יע, מיט פארגעניגען — האָט ער געענטפערט, מיט יענער פאר'עקשנ'טער ערנסטקייט, וואס איז מיר אזוי באקאנט פון די עטליכע מאָל וואס איך האָב זיך מיט איהם געהאט געטראָפען.

מינץ האָט קענטיג געוואלט ארויסווייזען פארשטענדניס, אז ער פארשטעהט אז איך וויל בלייבען אין צווייען, האָט ער זיך אויפגעהויבען פון זיין פינסטערער איינגעזעסענקייט, און אָנגע-

שפּאַרט די ווייסע, ליכטיגע האַנט מיט די פינגער אויפ׳ן טי־שעל, איז ער געבליבען שטעהן אַ גרייטער אונז צו פאַרלאָ־זען... איך האָב איהם אָנגענומען פאַר דער האַנט און גע־הייסען זיך צוריק אַוועקזעצען, ווייל איך האָב געוואָלט זיין אינ־גאַנצען איזאָלירט אַז ניט נאָר ער, נאָר קיין זייטיגער מענש זאָל ניט הערען וואָס איך וועל ריידען מיט׳ן קריטיקער....

מיר האָבען ביידע פאַרנומען אַ באַזונדער טישעל און באַשטעלט ביים וועיטער טיי און צו דער טיי, און איך בין גלייך צוגעטראָטען צום עסק... צום אַלעם ערשטען האָב איך געפרעגט, צי געדענקט ער, אַז ער האָט מיר צוריק מיט פינף יאָהר אַ בריף געשריבען און צי געדענקט ער, וואָס ער האָט מיר דאָרטען געשריבען.

ער האָט געענטפערט, אַז ער געדענקט זעהר גוט, אַז ער האָט מיר געשריבען אַ בריף, אָבער וואָס ער האָט מיר דאָרטען געשרי־בען, געדענקט ער נעבעלדיג... ס׳הייסט, כמעט ווי ער גע־דענקט ניט.

— איהר האָט זעהר געלויבט די פּאָר זאַכען וואָס איך האָב אייך געהאַט צוגעשיקט און איהר האָט מיך ערמוטיגט צו שרייבען...

— יע... איך גלויב... מסתמא אַזוי... איז וואָס זשע איז טאַקע די מעשה וואָס איהר זייט אנשוויגען געוואָרען ? ...

איך האָב געענטפערט, אַז ס׳איז זעהר פיל צו ריידען וועגען דעם... נאָר איין זאַך וואָס איך וואָלט געוואָלט וויסען איז:

— צי איז מעגליך, אַז פאַר די דריי יאָהר, און מעהרער, וואָס איך שרייב שוין ניט, זאָל פאַרשטאָפּט ווערען דער קוואַל ?...

ער האָט אויף מיר אַ פאַרטראַכטען שפּיציגען קוק געוואָרפען און אַ זופּ געטאָן טיי האָט ער געזאָגט, אַז מ׳קאָן וועגען אַזאַ ענין ניט ריידען אַבסטראַקט, אַז ס׳ווענדט זיך ווי, ווי אַזוי, ביי וועלכע אומשטענדען און אין דער אינדיווידועלער פּערזענליכקייט ביים שרייבער און ווי לאַנג איינער אַ שרייבער שרייבט.

— אויב, לאָמיר זאָגען, אַן עלטערער שרייבער, וואָס שרייבט שוין יאָהרען לאַנג, שרייבט ניט אַ לענגערע צייט איז דאָס אפשר גאָר אַ טובה פאַר איהם... ער רוהט זיך אָפּ! ... פאַר אַן אָנפאַנגער, ווי איהר, קען שוין, מיין איך, פון אַזאַ לאַנגער הפסקה קיין גוטס ניט צוקומען...

דאָס איז פאַר מיר געווען איבער געַנוג... דער קריטיקער האָט עס קענטיג פאַרשטאַנען.

— אָבער דאָס מיינט ניט, אַז ביי אייך זאָל דער קוואַל, ווי איהר זאָגט, זיין פאַרשטאָפּט אויף אייביג... ס'וועט אייך בלויז שווער אַנקומען ביז וואַנען איהר וועט „איהם" צוריק אויפשטאָפּען... אָבער, איך בין זיכער, אַז אויסגעטריקענט איז „ער" ניט ביי אייך...

פאַרשטאַנען, אַז ער וויל מיך שוין טרייסטען, האָב איך איהם בארוהיגט:

אַלץ איינס... אויב אַפילו יאָ, אַרט מיר אויך ניט... ס'האָט זיך גאַרניט געענדערט פון העכער דריי יאָהר צוריק. די סיבות פאַר וועלכע איך האָב געוואָרפען דאָס שרייבען זיינען ניט באַזייטיגט געוואָרען...

דער קריטיקער האָט מיך אָנגעקוקט און באַטראַכט מיט זיין גאַנצער ליטעראַריש קריטישער ערנסטקייט און ס'האָט זיך געגלוסט צו צעפּענען פאַר איהם ברייט דאָס האַרץ, ווי אַ חולה, וואָס ליידט אויף אַ געווויסער קרענק, פאַרטרויט זיך פאַר'ן דאָקטאָר... און אפשר וואָלט איך עס אין אַן אַנדער פּלאַץ געווען געטאָן... אָבער דאָ, אין דער אַטמאָספערע, האָב איך עס ניט געקאָנט....

— איז פאָרט, וואָס־זשע? — האָט ער ביי מיר געפרעגט.

דאָ איז אָנגעקומען דער שריפטשטעלער צוליב וועלכען איך בין אין קאַפע געקומען. ער האָט מיך גלייך באַגריסט:

— העלאָ, הימעלשיין!

די האַנט האָט ער אָבער פריהער געגעבען דעם קריטיקער.

ס'איז אָבער אַזוי אויסגעקומען, אַז דאָס טוט ער אויך פון מיינט וועגען, ווייל טאַקע אַזוי גלייך ווי ער האָט זיין האַנט אינ'ם קרי־טיקער'ס האַנט אַריינגעשטעקט, האָט ער אַ מאָל געטאָן צו איהם:

— זאָג איך אייך, איהר הערט? האָב איך פאַר'ן ערשטען נומער „קניפּען" דריי עסייען זיינע, איז דאָס דריי שעדעווער'ס. איך זאָג אייך, איהר הערט, דריי שעדעווער'ס.

צעטומעלט און פאַרווירט פון אָט דעם קאָמפּלימענט, האָב איך איינגאַנצען פאַרגעסען נאָך וואָס איך בין אין קאַפע געקומען און האָב, ווי איינער פון שלאָף, אַ מורמעל געטאָן:

— איך וויל טאַקע רעדען מיט אייך..

און אַליין ניט געוואוסט וואָס...

אני הגבר האָט גוט־ברודעריש אַרויפגעלייגט אויף מיר זיין האַנט און מיט אַ טאָן ווי איינער וויל אימיצען טרייסטען, אָדער באַרוהיגען, געזאָגט:

— מיר וועלען נאָך רעדען, מיר וועלען נאָך רעדען!

און ערשט נאָכדעם האָב איך זיך דערמאָנט וואָס איך האָב מיט איהם צו ריידען, און האָב אויסגעשריען:

— איהר וועט זיך דאָס מאָל ניט אויסדרעהען פון מיר!

— וואָסי, וועגען וואָס האַנדעלט זיך? — האָט דער קריטי־קער געפרעגט.

— אָ, כ'ווייס וואָס, ער איז אַ משוגענער! — האָט ער געענטפערט גאַנץ ערנסט; אין זעלבען מאָמענט אָבער האָט ער אַ לאַך געטאָן צו מיר, מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין אַקסעל און מיך באַרוהיגט:

— ס'וועט זיין אָלראַיט!

— יאָ, ס'וועט זיין אָל ראַיט! — האָב איך זיך גלייך אָפּגערופען. — און ביז וואַנען וואָס ווער, וועלען די דריי עסייען מיינע זיין אויסגעזעצט.

— אַ ישוב אַביסעל! היינט־מאָרגען וועט אַרויס דער נומער, פרעגט ער צי זיינע עסייען זיינען אויסגעזעצט?...

פון גרויס פרייד האָט מיך ערגעץ טיף אין הארצען א באַק געטאָן. איך האָב אָבער אָט די פרייד טיף אין זיך פארשטיקט און האָב זיך אַרויפגעוואָרפען אויף איהם מיט שטורעם:

— איהר האָט ניט קיין רעכט געהאַט דאָס צו טאָן!

דאָ האָט זיך דער קריטיקער ווידער אריינגעמישט, פרעגענ־דיג, צי ער קען זיך נעמען די ערלויבניש אַריינצומישען:

— וואָס איז דאָ? וועגען וואָס שטרייט איהר?

— ער איז א משוגע'נער! — האָט איהם געענטפערט אני־הגבר.

— איך האָב ניט געוואָלט ער זאָל זיי דרוקען! — האָב איך זיך געווענדט צום קריטיקער.

דער קריטיקער האָט ניט פארשטאַנען:

— וואָס מיינט עס: פריהער האָט איהר זיי איהם צוגעשיקט און דערנאָך האָט איהר חרטה געקראָגען?

— ניין, איך האָב זיי איהם לכתחילה ניט געשיקט, נאָר...

אַני־הגבר האָט מיר איבערגעשלאָגען:

— האָט געדולד... מיר וועלען שפּעטער ריידען דערפון...

— פאַרוואָס ניט, שוין?

— איך בין דאָך נאָר־וואָס אריינגעקומען... אַרט אוים. וואָס האָט איהר קיין צייט ניט... אז די זאַכען זיינען שוין אויס־געזעצט איז דאָך במילא שוין פארפאַלען...

— פאַרוואָס זשע ווילט איהר ניט, אז אייערע עסייען זאָלען זיך דרוקען? — האָט דער קריטיקער א פאַראינטערעסירטער געפרעגט.

— ווייל איך האָב זיי יעצט ניט אָנגעשריבען. זיי ליגען שוין ביי מיר העכער דריי יאָהר.

— נו, איז וואָס?

— דער עולם וועט דאָך מיינען, אז איך האָב זיי איצט אָנגעשריבען...

— איז וואָס אַרט עס אייך?

— ווייל איצט שרייב איך דאָך ניט.

דאָ איז אריינגעפאָהרען אני־הגבר:

— ער האָט דאָך געוואָרפען שרייבען, שוין העכער דריי יאָהר, אז ער שרייבט ניט.. און איהר ווייסט עס גארניט. א? ... איהר האָט עס גארניט באמערקט... א חרפה און א בושה, כ׳לעבען... א הון וואָס פיהרט זיך ארום מיט פופציג הינדלאך באמערקט יאָ ווען איינס געהט איהר פארלוירען, און איהר, אונזער ליטעראַרישער פאָרשטעהער, וואָס איהר האַלט די גאַנצע אידישע ליטעראַטור אונטער אייערע פליגעל, האָט גארניט באמערקט, אז ס׳פעהלט אזא באדייטענדער טאַלאַנט ווי הימעלשיין.

— ער הויבט שוין אָן פראָוואָצירען! — האָט דער קריטיקער זיך אָפּגערופען מיט א סארקאסטיש שמייכעלע, דורכוואָרפענדיג אויף איהם א שפּיציגען בליק פון אונטער די דיקע „גלעזער".

אני־הגבר האָט גלייך אָפּגעענטפערט:

— איך פּראָוואָציר ניט... איך זאָג דעם אמת... ס׳האָט זיך באוויזען א נייער טאַלאַנט, האָט אָנגעשריבען א צוויי צי דריי צעהנדליג ערצעהלונגען און עסייען... נו, לאָמיר רעכענען בלויז, אז א דריטעל פון זיי זיינען גוט, אפילו א דריטעל. נו, האָט עס שוין באדאַרפט צוציהען אייער אויפמערקזאמקייט און איהר האָט וועגען איהם געדאַרפט אָנשרייבען א פּאָר וואַרימע ווערטער און איהם ערמוטיגען צו שאפען.

— העי, וואָס טויג אייך זיך אָנצונעמען די קריוודע פון דער גאַנצער וועלט! — האָט מיט א שעלמיש שמייכעלע דער קריטיקער געזאָגט צום קינסטלער, אני־הגבר. — וואָס, איהר וועט שוין די וועלט ניט מתקן זיין.. פארפאַלען, אזוי ווי זי איז, איז זי און זי וועט שוין אזוי בלייבען... ווי קענען מיר, זינדיגע, זיך פארגלייכען מיט אייך.. ווייס איך וואָס. וואָס טויג עס אייך, הייסט זיך בעסער געבען א גלאָז טיי — און דאָ אזוי גלייך זיך געווענדעט צום „וועיטער", וואָס האָט זיך דאָ דערביי פארביי געדרעהט:

— מיסטער וועיטער, זייט אזוי גוט און גיט פאר מיסטער

אני הגבר א גלאָז טיי, צי קאַפע? — האָט ער א פרעג געטאָן ביים שריפטשטעלער אני־הגבר.

— קאַפע! — האָט אני־הגבר אויסגערופען. — אבער אויף מיין חשבון, ניט אויף זיינעם...

— אַרט דאָס מיך אַזוי אויך ניט. — האָט דער קריטיקער געזאָגט און דערביי אויסגעשאָסען מיט א צווילינג.. דאָס מיינט, אי מיט א שמייכעלע, אי מיט א געלעכטערל איינצייטיג, און אין אַוויילע ארום צוגעגעבען: — אבי טשעפּעט מיך ניט!

— ווער טשעפּעט אייך... איך טשעפּע אייך ניט... איך זאָג נאָר...

און ביים קינסטלער זיינען די אויגעלאך געוואָרען אזעלכע שלעכטע, בייזע און שטעכעדיגע און אויפ'ן גאַנצען פּנים האָט זיך אויסגעגאָסען א בלאַסקייט, קענטיג פון איינגעהאַלטענער בייזקייט...

דאָ איז צוגעקומען יענער שריפטשטעלער, וואָס האָט פריהער, איידער דער איז אריינגעקומען, גערעדט מיט פאַרביטערטקייט געגען דעם וואָס מ'האָט אָט דעם אָ שריפטשטעלער פאַר'שם'ט פאַר א גוטען מענשען, איהם אָפּגעקנאַקט דעם פייערדיגען „העלאָ", האָט ער געזאָגט צו איהם:

— גיט אהער פינף און צוואַנציג דאָלאַר, וועט איהר קריגען ביי מיר א זאַך פאַר אייערע „קניפּען".

דער האָט זיך געמאַכט גע'פּגר'ט, אזוי ווי ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען וואָס יענער איז מרמז, און געזאָגט:

— איך האַלט אייך טאַקע פאַר א גרויסען קינסטלער, אבער קיין פינף און צוואַנציגערס צאָהלען האָנאָראַר קען איך נאָך דערווייל ניט...

— טאָ פאַרוואָס האָט איהר איהם געגעבען? — האָט יענער געפרעגט.

דאָ האָט דער ארויפגעלייגט א האַנט אויף מיין אַקסעל און מיט א שמייכלענדיג געלעכטערל געזאָגט צו מיר און צו איהם:

— אָ, איהם ?... דאָס איז עפּעס אנדערש ?

— וואָס־זשע, איהם האַלט איהר פאַר א גרעסערען טאַלאַנט ווי מיך ?

— וואָס, טאַקע, ער האָט אייך געגעבען פינף און צוואַנציג דאָלאר פאר א זאַך ? — האָט דער קריטיקער ביי מיר מיט גרויס פארוואונדערונג געפרעגט.

איך האָב געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און דער קריטיקער האָט געזאָגט צו מיין מעצאָנאַט :

— הערט, זייט איהר דאָך עפּעס טאַקע גאָר ! ...

— וואָס דען, אזוי ווי איהר ? — האָט זיך ווי אן הבדלה וואָס פלאַקערט דאכט זיך ניט מיט קיין פייער נאָר מיט היילינ־קייט, אזוי האָט זיך דער מעצענאַט צעפלאַקערט ניט מיט כעס נאָר מיט ענטוזיאזם. — וואָס דען, אזוי ווי איהר ?... איהר קלערט אַמאָל וועגען אימיצען ?... איהר האָט נאָר אין זינען אייערע איי־גענע, פּערזענליכע אינטערעסען...

דער קריטיקער האָט געשמייכעלט סארקאסטיש און דערביי האָבען זיך די אויגען זיינע געשפּיצט פון די דיקע גלעזלאך ארויס, און געזאגט :

— מילא, איצט מוז איך שוין שווייגען... אי א קינסטלער, אי א מעצאָנאַט, דאָס איז שוין אזא מדרגה, וואָס לאו כל אדם זוכה... ס'קומט אייך קרעדיט. — און זיך געווענדעט צו יענעם שריפטשטעלער :

— פּארפאַלען, מ'מוז זיך אונטערגעבען...

יענער אָבער האָט זיך ניט געוואַלט אונטערגעבען. ער האָט געהאַלטען אין איין טענה'ן, אז :

עפּעס איז דאָ !

און אויף לעצט זיך געווענדט צו מיר :

— הימעלשיין, דערצעהלט מיט אַלע פרטים, ווי אזוי דאָס איז צוגעגאנגען. איך וויל וויסען, ס'איז זעהר אינטערעסאַנט...

איך אַליין בין דאָך אייגענטליך צוליב דעם געקומען כדי זיך

צו דערוויסען דאָס, וואס דער האָט זיך געשלאָגען אין די גלייכע ווענט אריין און זיך געוואָלט דערוויסען. האָב איך טאַקע אַ דאַנק זיין נייגעריגקייט מורא געקראָגען דערפאַר... איך האָב שוין יעצט ניט געצווייפעלט, אַז דאָ שטעקט עפּעס, ניט וויכטיג וואס, אויב ס'שטעקט נאָר דאָ עפּעס, טויג עס שוין פאַר מיר ניט, און נאָך מעהר טויג מיר ניט, אַז זייטיגע מענשען זאָלען זיך דערוויסען דערפון און ס'איז שוין באמת געווען אַ גרויס רחמנות אויף מיר, און ניט נאָר וואס איך האָב פאַרלוירען דעם גאַנצען אימפּעט מיינעם, צוליב וואס איך בין ספּעציעל אהער גע־קומען, נאָר איך וואָלט, כ'וויס אליין ניט וואָס געגעבען, אַז דער גאַנצער ענין זאָל פאַרשוויגען ווערען... ס'איז אָבער געווען אַזאַ אויסערגעוועהנליכע ערשיינונג (כ'מיין, טאַקע דער האָנאָראָר, וואָס דער האָט מיר צוגעשיקט), אַז ס'האָט געמוזט רייצען די נייגעריג־קייט. אפילו דער קריטיקער האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם ענין:

— ס'איז דאָך טאַקע עפּעס אויסערגעוועהנליך! — און דירעקט זיך געווענדעט צום שריפטשטעלער, אני־הגבר: — אויב אזוי, קומט דאָך אייך, מ'זאָל אייך נאָך פאַר'ן לעבען שטעלען אַ מאָנומענט... אי אַ קינסטלער... אי אַ מעצאָנאַט!.. צוליב וואָס האָט איהר עס געטאָן?

אני הגבר האָט גלייך געענטפערט:

— איך האַלט איהם פאַר אַ גרויסען טאַלאַנט... איך האָב געזעהן, אַז ער געהט צו גרונט... אייך האָט עס קיינעם ניט געאַרט... אַפילו אונזער קריטיקער, וואָס זיין מיסיע איז שוין יאָ אויפצופּאַסען אויף יעדען איינעם פון אונזערע ניי־געבוירענע טאַלאַנטען, וואָס איז מחויב זיי צו ערמוטיגען און האַלטען אַן אויג אויף יעדען איינעם, פּונקט ווי אַ הון...

— איהר האָט עס שוין איינמאָל געזאָגט! — איז איהם דער קריטיקער אריינגעפאַהרען. — זאָגט עפּעס נייעס...

— אָן אמת מעג מען פיל מאָל איבער'חזר'ן... —

האָט זיך פאַרטיידיגט דער שריפטשטעלער אני הגבר. — איך ווייס אַז איך האָב עס געזאָגט און זאָג עס נאָך אַמאָל... יאָ, איהר האָט אַלע פאַרגעסען אָן איהם, נאָר איך איינער האָב זיך געהאַלטען אין איין נאָכפרעגען: וואו איז דאָס אַנטרונען געוואָרען הימעלשיין? ... דאָ האָב איך, אַזוי גלייך ווי איך בין צוגעטראָטען צו אַרויסגעבען מיין זשורנאַל, האָב איך גענומען די מיה און איהם אָפּגעזוכט: הימעלשיין, איך פאָדער אַ זאַך פון אייך פאַר'ן ערשטען נומער! האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער וועט בלויז אין דעם פאַל זיך נעמען צוריק צו דער פען, ווען איך וועל איהם צושיקען פאָראויס פינף און צוואַנציג דאָלאַר... נו, האָב איך איהם צוגעשיקט...

דער קריטיקער האָט ווידער עפּעס געוואָלט זאָגען, נאָר דאָ האָט איהם יענער, אני הגבר'ס קטיגור, אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און געזאָגט:

— האַרט אויס, כאַפּט זיך נאָך ניט! איהר ווילט איהם שוין שטעלען דעם מאָנומענט? ... און איך קען אייך געבען דעם קאָפּ מיינעם, אַז עפּעס איז דאָ... אַז עפּעס שטעקט דאָ.

אני הגבר איז געוואָרען שפּאַסיג און וויציג.

— וואָס פאַרגינט איהר מיר ניט! ... אַ מאָנומענט! ... דאַכט זיך אַזעלכעם מעגט איהר שוין פאַרגינען אַ קאָלעגע!...

און יענער האָט גלייך געענטפערט:

— ווען ער וואָלט ניט געזאָגט, אַז דעם מאָנומענט זאָל מען אייך שטעלען פאַר'ן לעבען, וואָלט מיר ניט געאַרט, נאָר אַזוי ווי אונזער געשעצטער קריטיקער, זעה איך, נעמט עס ערנסט, האָב איך מורא ער זאָל ניט אַרויס מיט אַן אַרטיקעל, אַז מ'זאָל אייך פאַר'ן לעבען שטעלען אַ מאָנומענט. איז פּראָטעסטיר איך!

דאָ איז אַריינגעקומען דער דיכטער עטראָן. אַריינגעקומען, ווי תמיד און ווי זיין שטייגער, ניט אַליין, נאָר מיט זיין „איך" (וואָס, ווי מיר דאַכט, אַז ער האָט איהם אין פּראָנט...). אַזוי גלייך ווי ער איז אַריין האָט ער זיך מיט זעלבסטווירדע פאַרנייגט און

מיט נאָך עפּעס אַן אויסדרוק, וואָס ער טראָגט אַלע מאָל מיט זיך, ווי ער וואָלט דיר אַלע מאָל געהאַט צו זאָגן אַזעלכעס וואָס ער איז זיכער, אַז דו ווייסט עס ניט... און אַזוי גלייך, ווי יענער שריפט־שטעלער, דער געגנער פונ׳ם עלטערען, האָט איהם דערזעהן, האָט ער אַ פּליעסק געטאָן מיט די הענט און געזאָגט:

— אָט געהט זיין לייב־אַדיוטאַנט! ער מוז זיכער וויסען... עטראַן! — האָט ער צו איהם אַ געשריי געטאָן נאָך איידער יענער האָט באַוויזען אַראָפּצונעמען דעם הוט פון קאָפּ — עטראַן! מיר ווילען דאָ וויסען, פאַרוואָס האָט דער פעלד־מאַרשאַל אייערער געגעבען הימעלשיינ׳ען פינף און צוואַנציג דאָלאַר? איך בין זיכער אַז איהר ווייסט עס...

דער דיכטער עטראַן האָט פון זיך, מיט רעספּעקט, אַזוי ווי איינער טוט עס אמאָל פאַר אַן אַנדערען, אַראָפּגעצויגען פון זיך דעם פּאַלטאָ און איהם אויפגעהאַנגען, איז ער מיט דרך ארץ צו זיך אַליין (דער וואָס קען איהם ניט, וואָלט געמיינט אַז דאָס איז דרך ארץ צו אַנדערע) איז ער צוגעגאַנגען צו אונזער טישעל און זיך מיט יעדען פון אונז באַגריסט... און דערביי האָב איך באַמערקט ווי דער שריפטשטעלער אני הגבר האָט אָנגעכאַפּט דעם דיכטער׳ס האַנט, און זי איהם אָנגעהויבען צו טרייסלען, טרייסעלט ער זי נאָך, און דערביי איהם אַריינגעקוקט אין די אויגען אַריין מיט שמייכעלאַך און געלעכטערלאַך, אַזעלכע אָפּגעריסענע און אָפּגעהאַקטע און גאָר פּלוצים אויסגעשאָסען:

— אָט איז נאָך וועגען איהם אויך גאָרניט געשריבען געוואָרען.

ביים קריטיקער זיינען די אויגעלאַך נאָך שפּיציגער געוואָרען, און ס׳איז קענטיג געווען, אַז ער הייבט שוין אָן פאַרלירען דאָס געדולד צו איהם, און ער האָט מיט אַ גוטמוטיג שמייכעלע געזאָגט:

ערגעץ האָט ער נאָר היינט געמאַכט אַ פאַרשווערונג געגען

מיר... פריהער האָט ער געוואָלט אָנרייצען אויף מיר הימעלשיינ'ען; איצט — איהם... אום גאָטעס ווילען, האָט מיטלייד!...

— אוי, וועה, ווי איהר קענט איהם ניט! — האָט אני הגבר'ס קטיגור געזאָגט צום קריטיקער. — איך קען איהם אזוי גוט!... איך קען איהם אויסגעבונדען. דאָס וויל ער איהם פאַר־רעדען די ציין... וועט ער זיך שוין ניט אָפּשטעלען פאַר קיין זאַך... דאָס איז אזא כיטראַק...

און אריבערגעשלעפּט צו זיך און איהם באַזעצט נעבען זיך, איהם, דעם דיכטער עטראָן, האָט ער, אָט דער זעלבער, וואָס האָט זיך קענטיג א נדר געטאָן אומבאדינגט אויסצוגעפינען די אמת'ע אורזאַך מיט די פינף און צוואַנציג דאָלאַר וואָס איך האָב באַקומען, האָט האָט ער איהם ארויפגעלייגט ביידע הענט אויף די אַקסלען און זיך געבעטען ביי איהם, מיט א געבעט־קול, ווי איהם וואָלט עס אין לעבען געגאַנגען:

— עטראָן, איהר זאָלט מיר אזוי לעבען און געזונט זיין... זאָגט מיר פאַרוואָס האָט אני הגבר איהם צוגעשיקט פינף און צוואַנציג דאָלאַר? איך בין זיכער, אז איהר מוזט עס וויסען.

ביים דיכטער עטראָן האָבען זיך די צוויי סערפּען טיף איינגעשניטען אין די באַקען און דאָס האָט געמיינט, אז ער שמייכעלט... דערביי האָט ער מיט א פרעהליכקייט געוואָרפען אויגען אויף מיר און אויף זיין „פּאַטראָן”, און איז ארוים מיט אזא לשון:

— נו, וואָסי, פאַרוואָס ניט... איהר גלויבט ניט אויף איהם? ער האָט געזעהן, אז אזא גרויסער טאַלאַנט, ווי הימעלשיין, געהט פאַרלאָרען... האָט ער געוואָלט...

אז ער האָט געשפּאַסט, דאָס האָבען אלע, און איך בתוכם, געזעהן. ס'איז מיר אָבער ניט קלאָר געוועזען אויף וועמען פון אונז ביידע דער שפּאַס זיינער איז געצילט: אויף מיר, צי אויפ'ן עלטערען קאָלעגע, און סיי־ווי, וועמען פון אונז ער זאָל ניט האָבען אין זינען געהאַט, האָב איך זיך סיי־ווי געפיהלט געטראָפען...

ס'איז שוין פאר מיר קלאר געווען פון אט די רייד זיינע, אז ער איז באהאוועגט אין דעם גאנצען ענין, אז עפעס שטעקט שוין אין דעם זיכער.. און איך האב געפיהלט, ווי דאס גאנצע פנים מיינס פלאמט מיר. און איך האב אזוי געציטערט, אז אט־אט, וועט ער ארויס מיט לשון, מיט דעם, וואס ער ווייסט דארטען וועגען דעם האנאראר, וואס דער פריינד זיינער, אני הגבר, האט מיר צוגע־שיקט... און ס'איז געווען צו דערקענען, אז איהם ווילט זיך עס זעהר און זעהר טאן, אזוי ווי אבער דאס האט זיך ניט געלוינט פאר זיין פריינד, האט ער איינגעשוויגען און גאר פלוצים ביי מיר געפרעגט:

— וואס מאכט דארטען עפעס אונזער מיידעל?

און אויף וויפיל ס'האט מיר געקאלופעט ביים הארצען אט די לייכטזיניגע פראגע, בין איך דאך צופרידען געווען, וואס ער האט אפגעקערט דעם שמועס אויף דעם. און ס'איז מיר נאך ביז איצט ניט קלאר, צי האב איך פון דאנקבארקייט איהם געזאגט דאס וואס איך האב איהם געזאגט, צי איז דאס ניט געוען ארויס־געשפרונגען פון מיין פלאן וואס איך האב געהאט ביי זיך וועגען איהם מיט איהר...

— איך באדויער זעהר, וואס איהר רעדט אזוי וועגען איהר מיט אזא טאן... נעמי איז אין אייך פארליבט...

— אין מיר? — האט ער פארוואונדערט געפרעגט — איך מיין, אז זי איז פארליבט אין אייך..

דא איז אריינגעפאהרען ווידער יענער, אני הגבר'ס קטיגור:

— וועמען אינטערעסירט עס אט די פריוואטע זאכען... עטראן, מיר ווילען דא ווסען...

אני הגבר האט איהם איבערגעשלאגען:

— ניין, ניין, פארוואס? ס'איז זעהר אינטערעסאנט... הערט, הערט,ביידע האבען זיי איין מיידעל, מיינט דער, אז זי איז פארליבט אין דעם און דער מיינט אז זי איז פארליבט אין יענעם... און זיך געווענדט דירעקט צו דיכטער: — דאס איז

טאַקע די זעלבע וואָס איז געווען אויפ׳ן אָוונט ביי זיין ברודער?

— יאָ אָבער וועמען אינטערעסירט עס? — האָט זיך אָפּגע־רופען יענער שריפטשטעלער, אני הגבר׳ס געגנער. — הערט, עטראָן, מיר ווילען דאָ עפּעס אויסגעפינען... איהר הערט... אויב ס׳וועט באַוויזען ווערען, אז אני הגבר...

— אז איך וויל ניט ביי מיין לעבען קיין מאָנומענטען, — האָט זיך אני הגבר געפּרואווט אָפּשלאָגען פון זיין געגנער׳ס אַטאַקע...

איך האָב זיך געשטיקט און געוואָרגען מיט שווייגעניש... אַט וויפיל איך האָב גאָרניט געפיהלט צו נעטי׳ן, האָב איך דאָך ניט געקאָנט ליידען מ׳זאָל זי דאָ „צעלייגען אויפ׳ן טיש” און ריידען פון איהר... וויסענדיג איהם׳ס, עטראָן׳ס, באַציהונג צו איהר, האָב איך געקענט פאָראויסזעהן אומגעפעהר, וואָס ער וועט ריידען וועגען איהר און אין וואָס פאַר א טאָן, און איך האָב זעהר, זעהר ניט געוואָלט, אַז זי, אַן אָרענטליך, אומשולדיג מיידעל, וואָס איהר שולד באַשטעהט בלויז אין דעם וואָס זי האָט דאָס אומגליק צו זיין באַקאַנט מיט שרייבער, זאָל אַרויסגע־שטעלט ווערען צום שאַנד־סלופּ... ווייל, וואָס קען נאָך זיין א גרעסערע באַליידיגונג פאַר א מיידעל ווען צוויי חברה־לייט וואָר־פען זיך מיט איהר, דער זאָגט, אַז ער האָט געמיינט, אַז דער איז פאַרליבט אין איהר, און דער זאָגט, אַז ער האָט געמיינט פונקט פאַרקערט... איך האָב אָבער גאָרניט געקענט מאַכען... איך האָב פאָרט איינגעזעהן אין דעם געשפּרעך דעם איינציגען שוץ מיינעם, ווייל איך האָב געזעהן, אז ס׳האָלט דערביי מ׳זאָל מיך דאָ אַרויפנעמען אויפ׳ן טיש...

— הערט, — האָב איך געזאָגט צום דיכטער עטראָן, — איך וויל טאַקע מיט אייך ריידען וועגען דעם ענין.. הערט, איך וואָלט זעהר און זעהר געוואָלט איהר זאָלט מיר קלאָר מאַכען, וואָס איז אייערע באַציהונגען צו נעטי׳ן... לאָזט, לאָזט מיר ענ־דיגען... איהר האָט נאָר וואָס געזאָגט, אז איהר זענט זיכער

געוועז, אז זי איז פֿאַרליבט אין מיר. יאָ, אַזוי האָט איהר גע־זאָגט... און אינ׳ם טאָן, ווי דאָס איז פֿון אייך געזאָגט געוואָ־רען, איז צו פֿאַרשטעהן, אז איהר זענט ווייט, ווייט ניט פֿאַרליבט אין איהר... און דאָס אַליין גיט מיר שוין געוויסע רעכטען ביי אייך צו פֿרעגען, וואָס זיינען אייערע באַציהונגען צו איהר... אַ סברא אַז איהר געהט אַריין צו איהר בלויז דערפֿאַר, כדי צו צעהלען מעהר אַ מיידעל צווישען אייערע מיידלאַך?...

— און איהר, וואָס געהט איהר צו איהר אַריין, מעג איך וויסען? — האָט ער ביי מיר געפֿרעגט...

— . . . אויב אייך אינטערעסירט עס!...

— ניין! — האָט ער „אַ ניינקע" געטאָן לייכטזיניג און שפּילעוודיג, — איהר פֿרעגט ביי מיר, פֿרעג איך ביי אייך.

— . . . הייסט עס... ווייל...

— איהר מעגט און איך טאָר ניט?

— וואָס מיינט איהר?

— איהר האָט דען ערנסטע צילען?

— . . . פֿון וואַנעט ווייסט איהר, אז ניט?

— אָט אַזוי־זשע רעדט!...

— . . . און אויב אפילו ניט, האָט איהר אויך קיין רעכט ניט...

— אויף וואָס?

— . . . אָט אַזוי צו ריידען וועגען איהר...

— וואָס רייד איך דען?...

— זי איז אַן עהרליך, לייטיש מיידעל, איהר פֿאַרשטעהט... איהר הערט אויס, וואָס איך רייד צו אייך... איך וועל אייך ניט ערלויבען אין מיין געגענווארט צו ריידען וועגען איהר מיט אַזאַ טאָן און מיט אַזאַ לייכטזיניגקייט...

איך בין אַריין אין דער ראָלע און טאַקע געמיינט גאַנץ ערנסט דאָס וואָס איך האָב גערעדט... און בין געוועזן צופֿרידען וואָס איך מיין עס ערנסט און בין איינצייטיג געוועזן צופֿרידען,

וואָס מיר איז געלונגען פארקערעווען דעם שמועס אויף דער מייד־דעל, ווייל ווי ניט אַנגענעם דאָס איז מיר געווען, איז מיר אַלץ אנגענעמער געווען ווי ווען דער חברה־מאַן וואָלט דערצעהלט דאָס, וואָס ער ווייסט דארטען וועגען די פינף און צוואנציג דאָלאר האָנאָראַר, וואס זיין בוזעם־פריינד האָט מיר אזוי עקסטרע צו־געשיקט... יענער אָבער, דער שריפטשטעלער, וואָס האָט גענו־מען אויף זיך די הייליגע מיסיע צו באַווייזען פאַר דער וועלט, אז מ׳האָט אומזיסט איינגעוויגט דעם שריפטשטעלער אני הגבר אין א וויגעלע פון גוטסקייט, האָט קענטיג ניט פארגעסען אין דער אויפ־גאבע אין זיינער און איז ענדליך אַרויסגעשפרונגען:

— ס׳א מין כיטראק דאָס איז, איהם האָט זיך טאקע איינ־געגעבען אָנצורייצען די חברה איינס אויף דאָס אנדערע.

דער קריטיקער האָט אָנגעשפיצט זיינע שפיציגע אויגען און מיט א פארדריסיג שמייכעלע געזאָגט:

— ער האָט זיי פריהער געוואָלט אָנרייצען אויף מיר... פריהער דעם, דערנאָכדעם יענעם, נאָר ס׳איז איהם ניט גע־לונגען!...

און געזעהן, ווי יענער איז זיך ווידער מכין זיך צו נעמען צום דיכטער ער זאָל איהם דערצעהלען פאַר וואס אני הגבר האָט מיר צוגעשיקט פינף און צוואנציג דאָלאַר, האָב איך זיך ווידער א נעם געטאָן צו דאָס מייניגע:

— הערט, — האָב איך געזאָגט, — אויב ס׳איז טאקע איינ־גאנצען אמת, אז איהר פיהלט צו איהר גאָרניט, טאָ נאָך וואָס־זשע האָט איהר איהר געבראַכט אן אַלבאָם און נאָך אָנגעשרי־בען אויף איהם פאַר איהר... איהר מוזט דאָך פארשטעהן, וואס א מיידעל קען טראַכטען ווען איינער א יונגער מאַן...

— איהר זענט א יאָלד! — האָט דער דיכטער עטראָן מיר געגעבען א פאָהר אריין.

— וואָס מיינט עס?

און אָט מיט וואָס ער האָט זיך פאַרענטפערט:

— וואָסי, וואָס מיינט איהר, איך בין נעגאַנגען קויפען דעם אַלבאָם, איך וואָלט שוין מעהר ניט געהאַט וואָס צו טאָן.

און דערצעהלט אַז ער האָט דעם אַלבאָם באַקומען אַ מתנה פון איינעם וואָס אַרבייט אין אַ פאַבריקע פון אַלבאָמען, נו האָט ער איהם איהר אַוועקגעשענקט...

— יאָ, אָבער זי ווייסט דאָך ניט דערפון... זי מיינט דאָך זיכער...

— וועמען אַרט עס?

— און דאָס געדיכט, וואָס איהר האָט איהר אָנגעשריבען?...

— ווי גיט מען דאָס אַ מיידעל אַן אַלבאָם און מ'שרייבט איהר גאָרניט אָן?... ווען ס'וואָלט געווען איהר אַלבאָם און זי בעט מיך איך זאָל איהר עפּעס אָנשרייבען, וואָלט איך איהר אָפּגעזאָגט?

און דאָ בין איך אַרויס מיט לשון:

— האַלט מיך ניט פאַר אַזאַ גרויסען יאָלד!... מיינט ניט אַז איך האָב געלייגט גרויס געוויכט, וואָס איהר האָט איהר דעם אַלבאָם געשענקט און אויף דעם, וואָס איהר האָט דאָרטען דאָס געדיכט אָנגעשריבען... קענענדיג אייך האָב איך געוואוסט, אַז ביי אייך איז דאָס ניט פון די שווערע זאַכען... איהר קענט אַפילו שרייבען די געדיכטע אייערע אויף ווענט און אויף פּאַרקענס, אַבי וואָס מעהר פּאָפּולער צו ווערען... דערצו איז דאָך מיר זעהר גוט באַקאַנט ווי ערענסט איהר באַציהט זיך צו דעם מין... איך זאָג אייך אָפען, אַז ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז איהר האָט אַן ערענסטע באַציהונג צו נעטי'ן וואָלט איך געגען אייך גאָרניט געהאַט... איך ווייס דאָך אָבער, אַז ס'איז ניט אַזוי און דערמיט האָט איהר מיך אַוועקגע'הרג'עט און זי... איז, מילא, מיך ווי מיך... אָבער פאַר איהר אַרט מיך!... ווען ניט איהר וואָלט איך זיך אין נעטי'ן זיכער געווען פאַרליבט... יע, נאָר אַ דאַנק אייך און אייער לייכטזיניגע באַציהונג צו איהר, פיהל איך צו איהר... איהר פאַרשטעהט? יעדער מענש וואָס האָט אַ

שטיקל אַמביציע וועט זיך ניט קאָנען פארליבען אין א מיידעל, זעהענדיג, אז א צווייטער פארהאלט זיך צו איהר מיט אזא פארעוודיגקייט ווי איהר...

דאָ האָט עטראָן אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער:

— נו אפשר האָב איך געזאָלט צוליב אייך אליין זיך פאר־ליבען אין איהר כדי איהר זאָלט זיך אין איהר קאָנען פארליבען... — און זיך געווענדעט מיט לאַכען און מיט חוזק מאַכען צו די מסובין פון אונזער טישעל:

— האָט איהר שוין אמאָל געהערט אזעלכעס? הערט נאָר א משל וויל איך..

— איך פארשטעה דאָ גארניט וואָס דאָ טוט זיך! — האָט זיך אָפגערופען אני הגבר׳ס געגנער, קענטיג אינגאנצען פארגעסען, אין זיין הייליגער מיסיע...

— מיר דאכט, אז די צוויי חברה־לייט ווילען דאָ דעמאָנסט־רירען א דראמע אָדער א ראָמאן, וואָסביידע קלייבען זיך אנצו־שרייבען, — האָט שפאסיג זיך אָפגערופען דער קריטיקער...

— רופט איהם ארויס אויף א דועל! — האָט זיך אָפגערופען אני הגבר צום דיכטער עטראָן.

— איהר באדארפט זיך דאָ ניט מישען! — איז איהם אריינגעפאָהרען זיין געגנער. — איהר האָט פיינט ראָמאנען און האָט פיינט דראמען... פאר אייך איז דאָס ניט אינטערעסאנט, — און גאנץ ערנסט זיך געווענדט צום קריטיקער:

— אָסור, אויב איך הויב אָן צו פארשטעהן איבער וואָס די צוויי חברה אמפערין זיך...

— איך פארשטעה יאָ! — האָט איהם געענטפערט דער קרי־טיקער. — ס׳איז זעהר אינטערעסאנט.

— טאָקע, וואָס איז דאָ? — האָט זיך מיט אינטערעס אָנגעכאפט דער שריפטשטעלער אני הגבר...

דאָ איז איהם דער קריטיקער שפיציג אריינגעפאָהרען:

— איהר הערט דאָך אז דאָ האנדעלט זיך עפּעס וועגען א דראמע, אָדער וועגען אַ ראָמאַן...

— נו, וואָסי?.. א ראָמאַן איז אויך קונסט. — האָט זיך דער שרייבער אני הגבר אפּגערופען גאַנץ ערנסט.

אָבער אפילו אין אַ שפּאס האָט עס דער „געניאַלער דיכטער" ניט געקענט איבערטראַגען וואס מ'פּאָרט איהם מיט מיר צונויף, אז מיר, הייסט עס, איך מיט איהם, קלייבען זיך אויף שותפות צו שאפען א ווערק, און אָנגעבלאָזען זיך, האָט ער געזאָגט:

— איך וואָלט שוין אויך מעהר ניט געהאט וואס צו טאָן...

ס'האָט זיך אין מיר אונטערגעצונדען א פייער, נאָר אזוי ווי איך האָב דאָ ארומער ניט געקאָנט ארויסשפּרינגען, בין איך ארויס־געשפּרונגען מיט דער מיידעל:

— איך פּאָדער פון אייך אַ קלאָרע שטעלונג צו נעטי'ן... אָדער אהער, אָדער אהין!...

— טאָ רעדט זשע אזוי! — האָט מיר מיט א שמייכעלע אָפּגעענטפערט דער דיכטער...

— וואָס מיינט איהר?

— וואָס איך מיין... זאָגט אָפען, אז איהר האָט מורא פאר א קאָנקורענט און איהר ווילט מיך באזייטיגען... וואס האָט איהר געשוויגען ביז אהער?... ווען איהר וואָלט אָבער גלייך געווען צוגעגאַנגען צו מיר און געזאָגט: עטראָן, דו שטעהסט מיר אין וועג, וואָלט איך..

— ניין, ניט דאָס, — האָב איך היציג און פלאַמענדיג אויס־געשרופען, — ס'איז ניט דאָס, וואָס איהר מיינט. און דאָך וועל איך פאַרטיידיגען איהר עהרע!... איך וויל ניט, אז זי זאָל זיך צעהלען ביי אייך צווישען די יעניגע, וואָס ווען איהר ווילט, האָט איהר זיי און אז איהר ווילט ניט, האָט איהר זיי ניט... איך ווייס און קען זעהר גוט אייערע קאַפּריזען... ביי אייך איז גע־וואָרען אַ געוואוינהייט צו בייטען יעדען טאָג א מיידעל, פּונקט ווי איינער בייט יעדען טאָג אַ קאָלנער... איך וויל ניט, אז זי

זאָל זיין צווישען יעניגע... זי איז זעהר א פיין, ליטיש מיידעל...
און איך קען ניט דערלאָזען אזא אומרעכט איהר זאָלט זי אַרויס־
שטעלען אויפ'ן שאנד־סלופ פאַר אַלעמען...

דער דיכטער עטראָן האָט געהויבען די אַקסעל און געפרעגט
ביי די צוהערער וואָס האָבען געהערט די ווערטער מיינע, וואָס איך
וויל פון איהם. און די אויגען זיינע האָבען געהאט אזא אויסדרוק,
ווי זיי וואָלטען זאָגען געוואלט: מיר האָבען געהערט, אז אויף
דער וועלט איז עפּעס דאָ אזעלכעס, וואָס ס'ווערט אָנגערופען
„לעבען", וואָס איז דאָס אזעלכעס? מיר אויגען צוויי ווייסען
ניט דערפון..."

איך האָב מיך געפיהלט נאָך זיין פראַגע געפּלעפּט... טאַקע,
וואָס האָב איך געוואָלט פון איהם? איז דאָס געווען בלויז טאַקע אַן
אָנטשעפּעניש, צי איך האָב טאַקע געפיהלט צו נעטי'ן א געפיהל
פון א קרוב, צי א גואל, וואָס איך בין ארויסגעטראָטען פאַרטיי־
דיגען דאָ איהר מיידעלשען כבוד.. צי?...

דער דיכטער האָט פּלוצים געטאָן א ציה־אויס די לאַפּע זיינען
און אויסגערופען:

— אָפּגעמאכט!..

— וואָס מיינט איהר?..

— איך וועל מעהר ניט קומען צו איהר!...

— פאַרקערט... איך מיין... איך מיין, אז אויב איהר ווילט
און איהר האָט ערנסטע צילען, קענט איהר יאָ אריינקומען.

— נו, אויב אזוי, זייט איהר שוין ניט ערנסט! — האָט
ער געענטפערט, און מיט רעכט, — אויב איהר פאָדערט פון מיר
ערנסטערע באַציהונגען צו איהר, באַווייזט עס, אז אייער אריינגעהן
צו איהר איז ניט קיין ערנסטער.. אויב אזוי, מיט וואָס האָט איהר
מעהר רעכט אויף איהר ווי איך?..

איך האָב מיך געפיהלט צוגעשטיקט צו דער וואַנט און איינ־
צייטיג געשפּירט אז דאָ לויערט אויף מיר נאָך עפּעס ערגערעס
דערפון... אז דאָ, ביים טישעל, זיצט איינער, וואָס איז פאַראינ־

טערעסירט אראָפּצורייסען דעם שלייער פון דעם שריפטשטעלער אני הגבר און באוויזען פאר אלעמען דעם טעות וואָס איז אָנגע־נומען וועגען איהם, וואָס מ'האַלט איהם פאר א נאָבעלען מענשען. און הגם איך אליין בין איך געווען פאראינטערעסירט (פון אן אנדער זייט) צו דערגהען די אורזאך וועגען דעם פינף און צוואנציג דאָלארדיגען האָנאָראר, האָב איך דאָך צו מיין גרויסען באדויערען געמוזט פארשטיקען מיין נייגעריגקייט און האָב זיך געטאָן א הויב אויף פון פּלאַץ אויף אוועקצוגעהן.

— נו, ביי וואָס זייט איהר געבליבען? — האָט דער קריטיקער, מיט נייגעריגקייט, ביי מיר א פרעג געטאָן.

און איינצייטיג, קענטיג צופרידען וואָס איך געה אוועק, האָט דער שריפטשטעלער אני הגבר מיר אָפּגעשטעקט דאָס דאָרע הענ־טעל זיינס, וואָס זעהט אויס ווי ביי א דרדקי מלמד וואָס גיט אוועק א סך צייט אויף נקיות און פאסט הפסקות... און מיט'ן כח פון אזעלכען האָט ער מיר געדריקט די האַנט מיינע און פלוטענדיג מיט די אויגעלאך, וואָס זעהען ביי איהם תמיד אויס שלעכט און בייז אפילו ווען דאָס גאנצע פנים זיינס דריקט אויס גוטסקייט, האָט ער מיר צוגעזאָגט, אַז היינט, אזוי גלייך ווי ער וועט נאָר אהיים קומען, וועט ער מיר אָנשרייבען א בריף.

דער געגנער זיינער האָט זיך גלייך געכאפּט וועגען וואָס דאָ האנדעלט זיך, איז ער גלייך צו צו מיר און מיך באַזעצט און אויסגערופען:

— ניין, מיר ווילען וויסען... איך האַלט עס ניט פאר קיין פּריוואַטע זאך, דאָס איז א ריין ליטעראַרישער ענין וואָס מיר האָבען אלע א רעכט צו וויסען... און אויב פריינד און קאָלעגע אני הגבר איז טאַקע אזא נאָבעלער מאַן, טאָ וואָס וויל ער מאַכען דערפון א פּאַנדע־שפּיל, באַדאַרף ער ניט שפּילען אין בלענדעניש... עמראָן, ארויס מיט דער סחורה אויפ'ן טיש!...

— איך וויים גאָר ניט! — האָט ער גלייך געענטפערט, און אין זיין זאָגען „איך וויים גאָר ניט", איז קענטיג געווען, אז ער

ווייסט אַלעם און האָט עס קענטיג אומיסטנע מיט אזא טאָן געזאגט, מ׳זאָל וויסען, אז ער ווייס, נאָר ער וויל ניט אויסזאָגען. יענער אָבער, האָט איהם שוין צו רוה ניט געלאָזט און צו צו איהם, א כאַפּ געטאָן ביי ביידע הענט און מיט זרירות׳דיגקייט געטאָן א זאָג אָפּ:

— קאָם אַן, עטראַן! איהר זייט א „גוד באָי״, האָט ניט קיין מורא פאר איהם!... (פאר אני הגבר׳ן). שוין! ער האָט שוין אַלץ וועגען אייך אָפּגעזאגט... מעהר ווי געניאַל איז דאָך שוין ניטאָ!.. און ער זאָגט עס יעדערען, ניט נאָר אייך... קאָם אַן, עטראַן, ארויס מיט לשון!...

און איינצייטיג ווי דער האָט זיך געראנגעלט מיט עטראַנ׳ען, האָט זיך דער שריפּטשטעלער אני הגבר געבאָברעט מיט מיר און נאָר געוואָלט מיך משלח זיין פון קאפּע... זעהענדיג אָבער אז מיין געפֵאהר איז נאָהענט, האָט מיך דאָס אַליין אָפּגעהאַלטען.

דער איינציגער וואָס איז דערביי געזעסען און ארויסגעוויזען נייטראַליטעט איז געווען דער קריטיקער. הגם ס׳איז געווען צו דערקענען אין זיינע אָנגעשפּיצטע אויגעלאך, אז ער איז אויך פאראינטערעסירט אין דעם ענין און אז נאָר א דאַנק דעם אָפּמאַך וואָס ער האָט ביי זיך אפּגעמאכט (דאָס איז קענטיג געווען) ניט צו קריכען מיט א געזונטען קאָפּ אין א קראנקער בעט, אז נאָר א דאַנק דעם איז ער געזעסען א שווייגענדיגער און אַן אנגעלאָדענער מיט חכמה און מסתמא זיך געטראַכט, אז אויב דאָ וועט עפּעס ארויסשפּרינגען וועט ער במילא געניסען...

עטראַן האָט געשמייכעלט. און די סערפּען ארום מויל האָבען זיך אַלץ טיפער געשניטען אין די באַקען אריין און אויפלעצט געזאגט צום שריפּטשטעלער אני הגבר:

— הערט, איך וואָלט עס ניט אויסגעזאגט, נאָר איך מוז דאָס, איבער איהם אליין (אָנגעוויזען אויף מיר). ער וועט דאָך פון גרויס גדולה א ליאַדע טאָג שלאָגען מענשען אין די גאַסען... אין קליינינקייט, פינף און צוואַנציג...

— עטראָן, שווייגט, זאָג איך אייך! — האָט זיך אָנגעביי־זערט אויף איהם דער עלטערער שריפטשטעלער.

— אָ, זעהט איהר, אז איהר באפוילט שוין מיר שווייגען, וועל איך שוין דוקא דערצעהלען! — האָט מיט רוהיגער און פלעגמאַטישער אויפגעלייגטקייט געצעהלט די ווערטער דער דיכ־טער עטראָן, און אין א ווײַלע אַרום צוגעבען:

— פון דעסטוועגען וואָלט איך עס איבער אייך אליין ניט געטאָן, נאָר איך האָב מורא פאר איהם (ווידער אָנגעוויזען אויף מיר). איהר האָט געהערט וואָס ער האָט דאָ גערעדט?... ער איז, דאכט זיך מיר שוין, געריהרט פון די פאנטאליגעם... האָב איך מורא, ער זאָל אינגאנצען פון זינען ניט אראָפּ...

— נו, לאָמיר רעכענען, אז דערפאר האָט איהר קיין מורא ניט, — האָט זיך אפּגערופען דער קריטיקער, — איהר פארגינט איהם פשוט ניט מ'זאָל מיינען, אז...

— שלאָגט איהם ניט איבער! — האָט אני הגבר'ס קטיגור זיך אָפּגערופען, שטעהענדיג נאָך אלץ איבער דעם דיכטער און האַלטענדיג ביידע הענט אויף זיינע אקסלען. — אלזאָ, עטראָן, אַרויס מיט לשון!

און דער האָט זיך געלאָזען און שטיל גענומען באקענען דעם עולם, אז איך האָב א רייכען ברודער, און ווי אזוי דער רייכער ברודער מיינער איז א ליבהאָבער פון דער אידישער ליטעראַטור און ווי אזוי ער ליידט דערפון וואס איך האָב געוואָרפען דאָס שרייבען און אזוי ווייטער און ווייטער, ביז ער איז צוגעקומען צום תוך: אז דער איניציאַטאָר פון דעם חודש זשורנאל „קניפּען" איז דער ברודער מיינער, אז ער האָט סובסידירט פינף הונדערט דאָלאַר אויף דעם זשורנאל, מיט'ן איינעם באדינג, אז דער שריפטשטעלער אני הגבר זאָל מיך אריינציהען און מאַכען פאר איינעם פון די הויפּט מיטאַרביימער פון דעם זשורנאל.

— נו, פארשטעהט איהר דאָך, איז פון דאנען וואקסען דאָס

די פינף און צוואנציג דאָלאר, וואָס הימעלשיין האָט געקראַגן צוגעשיקט האָנאָראַר...

— בראַוואָ, בראַוואָ! — האָט מיט א פלעסקעריי און מיט אַן אויסגעשריי אויסגעשריען דער יונגער שרייבער, דעם עלטערען שרייבער'ס געגנער, און זיך געווענדעט צו אַלעמען, וויפיל זייעריגע עס זיינען דאָרטען אין קאפע געזעסען. — איהר הערט, קאָלעגען, א, וואָס האָב איך געזאגט... זעהט איהר, א? וואָס האָב איך אייך געזאָגט? איך האָב געזאגט, אז דאָס איז אוממעגליך... מינץ, וואָס שווייגט איהר דאָרטען, א?

איך שטעל מיר פאָר, ווי איינער, וואָס האָט געפאסט א פאָר טעג, וואָלט געפיהלט ווען ער וואָלט זיך אָנגעזופּט מיט קאַלטער שמוציגער וואסער. עהנליכעס אויף דעם האָב איך געפיהלט נאָך אָט דעם „טרונק", וואָס דער חברה־מאן האָט אין מיר אריינגעפּאָמפּעט, און הגם איך בין דאָך אין דעם גאנצען עסק גאָט די נשמה שולדיג געווען, איז פון דעסטוועגען האָב איך זיך געשעמט בושת גנב, און ווען מינץ איז פּעקעלדיג און זעקעלדיג צוגעקומען צו אונזער טישעל און געפרעגט צי איך בין נאָך דאָ, האָט זיך מיר געוואלט זאָגען, אז איך בין ניטאָ... איך האָב געוואָלט פארשוואונדען ווערען אזוי, אז קיינער זאָל ניט באמערקען, אז איך בין נעלם געווארען.

זיך באַזעצט ביי אונזער טישעל, האָב איך באמערקט, אז מינץ'ן ארט ניט וואָס די אַנטדעקונג איז ניט גינסטיג פאר דער פּערזאָן פאַר וועלכער ער איז געווען א מליץ יושר... פאַרקערט, איך האָב באַמערקט א צופרידענהייט אויף זיין פנים וואָס א דאנק אָט דער אַנטדעקונג וועט זיך דער דערוויי׳ל דערוויסען וואס פאַר אַ סניגור ער האָט אין איהם.

— נו, איז וואָס באַדארף מען מאַכען אזא טומעל? — און זיך אויסגעקירעוועט מיט זיין גאנצען פראָנט און מיט זיין גאנצער אָפענער בלינדקייט צום קטיגור פונ'ם נאָבעלען שריפטשטעלער, האָט ער דאן, קענטיג, מיט די וויטערע רייד זיינע, געוואלט באַ־

ווייזען, אז כאָטש ער, מינץ, זעהט ניט, איז פארשטעהט ער פון דעסטוועגען מעהרער פון איהם... אָט ווייל ער איז געשטראָפט בסנברים איז דערפאר ווייסט ער מעהר און פארשטעהט מעהר פון א זעהענדיגען...

— וואָסי וואָס האָט איהר געמיינט, אז ער איז א מיליאָנער, אז ער קען זיך ווארפען מיט פינף און צוואַנציגער דאָלארס?

— איך האָב ניט געמיינט, — האָט זיך יענער ווי פארטייי־דיגט, — פארקערט, איך האָב דאָך באַלד געזאָגט, אז דאָס איז אוממעגליך, נאָר איהר, מינץ, האָט געזאָגט אז נאָר אזוי... ס'איז א גליק וואָס עטראָן האָט אויפגעדעקט דעם גאנצען סוד, אַניט וואָלט ער טאַקע געשטעמפּעלט געווארען פאר דעם צדיק פון אונזער דור...

דאָ איז דער גוטער, דער נאָבעלער שריפטשטעלער ארויס מיט אַ רעדע אין וועלכער ער האָט זיך פארענטפערט, אז ער איז אַבסאָלוט ניט שולדיג אין דעם, אין וואָס דער קאָלעגע זיינער באַשולדיגט איהם... ער האָט ניט געמיינט זיך אויסצושטעלען דער־מיט פאר א מעצאָנאַט, אָדער אזוי פאר א גוטען מענשען, נאָר ער איז געווען געצוואונגען אונטערצוהאַלטען אָט דעם ליגען איבער א צווייטער פערזאָן. — און דירעקט זיך געווענדעט צו זיין קטיגור:
— איהר מיינט דאָך, אז איהר האָט מיך געטראָפען, אַ יאָ? האָט איהר א טעות, אָט ווען איהר האָט געטראָפען, — האָט ער אויף מיר אָנגעוויזען — איהם!

דער סגי נהור מינץ האָט האסטיג זיך פארנומען שפּילען מיט די ציין שטעכער'ס געדרעהט זיי מיט די שפּיצען אהער און אַהין, און דערביי, פון צייט צו צייט, אונטערגעקאָנטעוועט די גאמבע אונטער דער נאָז, און איך האָב אין אָט דעם מינץ'ן און אין דער שפּיל אין זיינער מיט די ציין־שטעכערס האָב איך געזעהן א פאר־קערפּערטען סימבאָל פון דעם גאַנצען שרייבער־לעבען... יאָ, ביי זיי איז דאָך אויך דאָס שטעכען איינס דאָס אנדערע עפּעס א מין שפּיל, עפּעס אַ מין צייט־פארטרייב... און זיי אַלע זיינען דאָך

אויך, נאָך אַלעמען, אויב ניט בוכשטעבליך בלינד ווי ער, שפּילען זיי דאָך אויך אַ שפּיל פון סנברים...

און דאָ טאַקע האָב איך מיר דערמאָנט אין קנוט האמסונ׳ס אַן ערצעהלונג, ווי איינע אַ העלדין זיינע ווארפט אַן לייז אויף דער קאָנקורענטין איהרער, כדי דער געליבטער איהרער, דער קאָנקורענטקע׳ס (און אין וועמען זי איז אויך פארליבט), זאָל ווארפען אויף איהר אַן אום־חן... אויך דאָ האָב איך געהאַט דאָס געפיהל, אַז מ׳האָט מיך די מוזע מיינע פארלייזיגט (אייגענטליך, געהאט שוין דאָס זעלבע געפיהל נאָך מיט דריי יאָהר צוריק, נאָך איידער איך האָב אוועקגעוואָרפען שרייבען).

„ניין, אוים, פאַרפאַלען! מעג פלאַקערען אין מיר צעהן, הונדערט, טויזענט פלאַקערען, מעג איך זיין דער גרעסטער גאון אין דער וועלט... באַשלאָסען: ניין, און גענוג!... איך שרייב ניט!"

— איך וויל איהר זאָלט מיר צוריק אָפּגעבען מיינע דריי עסייען! — האָב איך געזאָגט צום רעדאַקטאָר און ארויסגעבער פון חודש זשורנאל „קניפּען".

— וואָס הייסט, משוגע, ס׳איז דאָך שוין אויסגעזעצט!

— איך וועל אייך באַצאָלען פאר׳ן זאַץ!... איך וויל ניט!...

דאָ האָט זיך פאָטערליך צו מיר געווענדעט דער קריטיקער:

— וואָסי, פאַרוואָס ווילט איהר ניט ער זאָל דרוקען אייערע זאכען, פאַרוואָס?...

— ניט ער, ניט קיינער, קיינער ניט! איך בין ניט קיין שרייבער, איך וויל קיין שרייבער ניט זיין...

— ער איז אַ משוגע׳נער! — האָט דער רעדאַקטאָר מיינער און מיין בעל טובה געזאָגט...

— דאָס איז זיין באַריהמעריי! — האָט זיך אָפּגערופען דער דיכטער עטראָן. — ער וויל ניט שרייבען! ער וויל קיין שרייבער ניט זיין!...

— לאָזט! וואָס זייט איהר באַפאַלען אַ מענשען וואָס,

לאָזט אַ מענשען אויסרעדען א וואָרט! — האָט אויטאָריטעטיש זיך אָנגעבייזערט דער קריטיקער, און מיט א טאָן, ווי איינער א געזונטער וואָס האָט א ידיעה אין געוויסע קראַנקהייטען ווענדעט זיך צו א חולה, ער זאָל איהם זאָגען וואָס און וואו איהם טוט וועה, מיט אַזאַ טאָן האָט זיך צו מיר דער קריטיקער געווענדעט: — זאָגט מיר, הימעלשיין, וואָס איז דאָ, פאַרוואָס ווילט איהר ניט.. מיר קאָנען איבערגעהן צו אַן אַנדער טישעל אויב איהר ווילט...

אין קאַפע איז שוין געווען גרוי פון דער נאַכט וואָס האָט אָנגעהויבען צופאַלען. צווישען די דונקעלע ברודיגע ווענט האָבען פליבעדיג זיך געבלייכט די ווייסע מאַרמאָרנע טישלאַך צווישען שיטערקייט פון מענשען... עס זיינען אַלע, וויפיל עס זיינען דאָ און דאָרטען געסט געזעסען, זיינען אַלע אַנשוויגען געוואָרען... און איך האָב געפיהלט אַט די שווייגעניש, איך האָב געוואוסט, אַז דאָס האָב איך אַט די שווייגעניש פאַראורזאַכט... און איך האָב געזוכט אין געגנישטערט ביי זיך א שטאַרק וואָרט איך זאָל עס א וואָרף טאָן אַלעמען זיי אין די פּנים׳ער, אַז זיי זאָלען דערפיהלען די גאַנצע באַליידיגונג וואָס איינער א זייעריגער וויל פון זיי אַנטלויפען ווי פון מוצרעים... איך האָב אָבער אַזאַ שטאַרק וואָרט ניט געהאַט און האָב אראָפּגעשלונגען דעם גאַנצען סם אין זיך אַריין, אַראָפּגעשלונגען טיף אין מיינע געדערים אַריין און... איך האָב זיך געטאָן אַ הויב אויף פון טיש און אוועק אָהן א „גוטער נאַכט".

פעברואַר, 20.

דערזעהן אין איין צייטונג און אין א צווייטער אַ נאָטיץ וועגען דעם חודש־זשורנאַל „קניפּען", וואָס וועט אָנהויבען פּעריאָ־דיש ערשיינען אַלע חודש, אונטער דער „לייטונג" פון דעם באַ־וואוסטען שריפטשטעלער אני הגבר און ביי דער „מיטווירקונג"

פון די און די שרייבער, און אין סאַמע פראַנט איז געשטאַנען מיין נאָמען.

„דער ערשטער אינהאַלטסרייכער נומער וועט די טעג ערשיינען.”

וואָס האָב איך געפיהלט, אז איך האָב אָט דעם נאָטיץ דערזעהן? איך שעהם זיך פאר זיך אליין דאָס צו פארצייכענען, אז איך האָב דערפיהלט א פרייד אין הארצען... און דאָס איז נאָך אַלעם דעם, וואָס איך האָב געפיהרט א קאמף מיט זיך, מיט מיין ברודער, און נאָכדעם וואס איך האָב מיך זיצענדיג אין קאפע אזוי שטארק געריסען, אז ער, דער רעדאקטאָר און ארויסגעבער פון די „קניפּען” זאָל מיר צוריקגעבען מיינע עסייען... איצט איז מיר קלאָר, אז ווען איך וואָלט באמת געוועז געוואָלט אז די זאכלאָך מיינע זאָלען זיך ניט דרוקען, וואָלט איך איהם געצוואונגען ער זאָל געהן מיט מיר און אַרויסנעמען דעם זאַץ און איהם צעשמעלצען... איז וואָס מיינט עס? ... בין איך די גאנצע צייט ניט אויפריכטיג, איז דאָס בלויז שפּיל?

אָבער, מיר דאכט, אז איך האָב דאָ געהאנדעלט ווי יענער זעלבסטמערדער וואָס באגעהט אונמיסטען אין אזא אָרט דעם זעלבסטמאָרד, כדי ער זאָל צו יעדער צייט קענען געראטעוועט ווערען... יאָ, אָבער דאָס מיינט ניט אז ער האָט די זאך געטאָן צוליב שפּיל... ס'איז טאַקע א ביטערער אמת, אז דאָס לעבען האָט איהם דערעסען... אָבער, ניט ווילען לעבען מיינט נאָך ניט איינס און דאָס זעלבע וואָס ווילען שטאַרבען... איינעם קאָן גאנץ היבש־לאָך דערעסען דאָס לעבען און דאָך זאָל ער ניט האָבען קיין חשק צו שטאַרבען... ווייל דאָס שטאַרבען איז דאָך, נאָך אַלעמען, אן אויסגאנגס־פּונקט, אזוי ווי ס'איז ניטאָ קיין אנדער וועג, ווי אַרומער פּטור צו ווערען פון לעבען, ווי נאָר דורך שטאַרבען, איז דאָך ניטאָ קיין אנדער ברירה, מוז מען אָנקומען צו דעם איינציגען מיטעל וואָס איז דאָ... און שוין טאַקע דערפאר אליין זיינען ניין־און־נייינציג פּראָצענט פון די זעלבסטמערדער צופרידען ווען

מ׳ראטעוועט זיי אָפּ פון טויט, ווייל טיף אין זייער וועזען האָבען זיי ניט געוואָלט שטאַרבען..

דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען מיט מיר: איך האָב דאָך ניט געוואָרפען דאָס שרייבען, ווייל איך וויל ניט שרייבען. נאָר אַזוי ווי מיר קומט אויס פיל צו ליידען אין דער שרייבערישער אַטמאָס־פערע און אַזוי ווי איך קאָן דאָך אַנדערש ניט אַוועקגעהן פון דער אַטמאָספערע, ווי נאָר אין דעם פאַל איך זאָל ניט שרייבען, איז האָב איך ניט געשריבען... אָבער טיף אין הארצען איז ביי מיר, פּונקט ווי ביים זעלבסטמערדער, געלעגען פאַרבאַהאַלטען אַ באַ־געהר מ׳זאָל מיך ראַטעווען. דאָס מאַכט ניט אויס וואָס איך האָב מיך געבריקעוועט. יענע, די זעלבסטמערדער, ווען מ׳נעמט זיי ראַטעווען, בריקעווען זיי זיך אויך, אָבער דאָס איז ניט מעהר ווי אַן אָנשטעל (א חוץ איינציגע אויסנאַמען).

איז, וואָס?.. .בין איך, הייסט עס צופרידען? אויב אַזוי, צוליב וואָס און צוליב ווען האָב איך געשפּילט אַט דעם דריי־יעהריגען רוגז?... צוליב דעם בלויז אַז...

אמת, אַז איך בין אין דעם ניט שולדיג. מ׳האָט מיך אריינ־געכאַפּט אין דער נעץ אריין... נו, זאָל זיין אפילו אַזוי... איז דאָך אָבער ביי מיר אין דער האַנט ווייטער ניט צו שרייבען, צו דעם וועט דאָך מיר קיינער ניט צווינגען!..

נו, דאָס וועלען מיר שוין זעהן...

### פעברואַר, 21.

איך מיין, אַז ס׳איז שוין צייט צו ענטפערען אויפ׳ן אולטי־מאַטום וואָס נעטי׳ס מוטער האָט מיר געשטעלט.. אייגענטליך איז דאָס ניט ענטפערען אליין שוין אַ געניגענדער ענטפער, נאָר איך פיהל אָבער, אַז אַזוי באַהאַנדלען זי וואָלט געווען אַ גרויסע עולה פון מיר, דאָס מיינט, פּשוט איגנאָרירען... איך מוז געהן אַהינצו

און אָנגעבען א װעלכען עס איז אורזאך, אדער טאַקע עטליכע אורזאכען, פארוואס איך קען מיך פארלויפיג ניט פארבינדען מיט א פארהייראט לעבען... יאָ, דאָס מוז איך טאָן, אניט וועט עס הייסען ווי אָנגעשפיגען אין פנים אריין... פארוואָס קומט עס איהר, פארוואָס ? ..

אָבער פארוואָס עפּעס דורכאויס „ניט", פארוואָס ? פיהל איך טאקע צו איהר גארניט, אבסאָלוט גאָרניט ? .. אויב אזוי, טאָ וואָס פאר אן אינטערעס האָב איך פאָרט געהאַט (און וואָלט נאָך איצט אויך ניט געווען געגען) צו שפּילען מיט איהר, אין פאר־לויף פון א פּאָר מאָנאטען, אָט די שפּיל ? און אפילו איצט, ווען ס'איז פאר מיר קלאָר, אז איך האָב אין איהר קיין אינטערעס ניט, פארוואָס פּאָרט איז מיר דוקא איצט, ווען ס'האָלט ביי ענטגיל־טיגער ענדע, ווען ס'האָלט ביי צעשיידען זיך, פארוואָס טוט עס מיר אזוי באַנג ? איז דאָס געווען א דאָן קיכאָטישער שפּיל אויף דער וואָהר ? יענער האָט זיך אויסגעפאנטאזירט א האַרץ־פריינד און איך האָב די „שאפונג" מיינע פארקערפּערט אין א וועזענטליך וועזען, מיט דעם איינציגען אונטערשייד, וואָס יענער איז געווען פארליבט אין זיין פאנטאזיע און איך ?...

יאָ, צי איך בין דאָס גערען, צי ניט, איך מוז מאַכען א סוף... איך וואָלט אודאי געוואָלט דאָס אָפּציהען ביז וואנען די לאַגע וועט זיך אויסקריסטאַליזירען... ביז וואנען איך וועל וויסען וואו איך בין אין דער וועלט... ס'איז קיין מענש אין דער וועלט ניט אזוי ביי זיך אין די הענט ווי דער וואָס איז ביי זיך אין די הענט, ס'מיינט, ווי דער וואָס איז אינגאנצען אי־בערגעגעבען אויף זיך, וואָס ער האָט ניט אז ווער מן הצד זאָל איהם דיקטירען, אָדער קענען ארויפצווינגען צו טאָן אזוי און אזוי.. איך בין אבסאָלוט פריי, איך קען טאָן ווי אזוי איך וויל, וויל איך, קען איך זיך צוריק נעמען צו דער פען, וויל איך ניט, קאָן איך עס ניט טאָן... אָבער דאָס רעדט זיך אזוי פון אויבען־אויף נאָר... אין דער אמת'ען קען איך ניט טאָןביידע זאכען.

ביז אהער האָב איך געקענט ניט טאָן איין זאך, ניט שרייבען; איצט אָ, א דאנק דעם, וואָס היינט־מאָרגען וועט זיך באַווייזען אויף דער ליכטיגער שיין דער נאָמען מיינער מיט מיינע ווערק, איז דאָס ניט טאָן וואָס איך האָב ביז אהער געקענט ניט טאָן, קען איך שוין איצט ניט... איך קען אבער פּונקט אזוי ניט באַשליסען צו טאָן די צווייטע זאך. און א דאנק דעם בלויז איז די לאגע ביי מיר געוואָרען ערגער און פארפלאָנטערטער...

נו, לאָמיר עס אָפּלייגען אויף נאָך א טאָג־צוויי...

פעברואר, 22.

יאָ שרייבען, צי ניט שרייבען? באַדאַרף איך קודם כל זעהן, צי איך קאָן נאָך שרייבען... איך האָב שוין דאכט זיך דאָרטען ערגעץ פארצייכענט, אז אפילו צוליב ניט שרייבען באַדאַרף איך אויך קענען שרייבען... יאָ, לאָמיר פריהער זעהען, וואָס איך קען, דערנאָך וועל איך קאָנען באַשליסען, אהין אָדער אהער. און אזוי לאנג ווי איך ווייס ניט, איז אַן אבסאָלוטער אומזין איינס פון דיביידע באַשלוסען. ווייל, ווי געזאָגט, איז אפילו אויף ניט צו שרייבען, באַדאַרף איך דאָך אויך פיהלען ביי זיך א רעכטפערטיגקייט אויף דעם, דאָס מיינט, אז מיין ניט שרייבען וואָלט געווען אַן אבסאָלוטע זינלאָזיגקייט ווען איך וואָלט ניט געשריבען בלויז דערפאַר וואָס איך קען ניט שרייבען...

זיך באַזעצט ביים טיש א פערטעל נאָך צעהן אין אָוועגט און ס'האָבען זיך געריסען פון מיר אַרוים אַלץ אייגענס, פון מיין אויגען לעבען, אָדער זאכען זעהר נאָהענטע צו מיין לעבען און דאָס האָב איך דוקא געוואָלט אויסמיידען, און בלויז דערפאַר, ווייל דאָס שרייבען פונ'ם אייגענעם לעבען קען דיך פאַרפיהרען... ס'קען זיין גוט און ס'זאָל ניט טויגען; ס'קאָן זיין גוט, נו, ווי א טאָג־בוך, אזוי לאנג ווי דו שרייבסט עס פאַר זיך. ווילסטו אָבער ארויסקומען

פאר יענעם, מוזטו אנטלויפען פון זיך און בכלל זיך האַלטען וואָס ווייטער פון יעדען איינציגען לעבעדיגען מענשען וואָס דו קענסט... יעדער איינציגער באַקאַנטער מוז ווערען פאר דיר אן אומבאַקאַנ־טער, אין ערגסטען פאַל, דאַרף ער זיין ווייט, ווייט פון דיר אָפּגע־שיידט... יאָ, אָבער פון זיך, אז דו שרייבסט פון זיך, קענסטו דאָך קיינמאָל פון זיך ניט אוועקגעהן... הגם איך בין זיכער, אז ס׳וואָלט זעהר אינטערעסאנט געווען אָנצושרייבען אזא זאַך, ווי איינער א שרייבער... נו, די גאַנצע היסטאָריע מיט מיר... טאַקע שעפּען דאָס מאַטעריאַל פונ׳ם טאָג־בוך און דאָס באַארבייטען... יאָ, איך בין זיכער, אז אזוי ווי „ס׳שטעהט און געהט״ אין טאָג־בוך, וואָלט איך עס ניט געקענט נוצען, ווייל ס׳איז צו פּערזענליך און אַלץ איז דאָרטען דורכגעלעבט און גארניט צוגעטראַכט. איז דערפאר אַליין וואָלט איך זיך ניט געקאָנט באַנוצען מיט׳ן מאַטעריאַל ווי ער איז... אַלענפאַלס, וועלען מיר עס לאָזען אויפלעגען. באין ברירה וועל איך שוין מוזען אנקומען צו דעם פארטיגען ברונעם, נאָר פריהער וועל איך פּרואווען עפּעס מן הצד, ניט פון זיך, פון א צווייטער פּערזאָן וואָס איך וועל אויסטראַכטען...

געהאַלטען גרייט די פען שפּיציג אנגעשטעלט אויפ׳ן פּאַפּיר און פון פולען כאָאָס ארויס, איז ארויסגעשפּרונגען פאָלגענדע צוויי שורות:

„ער האָט זיך ארומגעדרעהט א צעטראָגענער, מיט אזא גע־פיהל, ווי ער וואָלט די צייט פון זיין ארומדרעהען זיך ביי אימיצען געבאָרגט.״

וואָס איז דאָס פאר אן „ער״, ווער איז ער? עפּעס באַקאַנט און ניט באַקאַנט. איך זעה א סילועט בלויז.. נו, מיר וועלען זעהן ווייטער:

„ער האָט געזוכט דאָס אייגענע, דאָס פּערזענליכע לעבען זיינס, אָבער ער האָט זיך אַלץ אנגעשלאָגען אין א לעבען וואָס איהם האָט זיך געדאַכט, אז ס׳איז ניט זיינס.. ער האָט ניט

געוואוסט, וואו זיין אייגען אינדיווידועלער לעבען איז אהינגע־קומען.״

„ער האט זיך געוואלט באפרייען פון דעם מאדנעם געפיהל, און ניט געקאנט... און אפילו אט דער ווילען פון צו באפרייען זיך פון „יענעמ׳ס״ באהערשונג, האט ער אויך ניט געוואוסט, צי ס׳איז זיין אייגענער... און דאס האט אנגעמאכט כאאס אין זיין ווענען... ער האט ניט געוואוסט וואס ער וויל און וואס ער וויל ניט... ער האט זיך ניט געקאנט פאנאנדערפלאנטערען, צי דאס וואס ער וויל, וויל עס „יענער״, צי דאס וואס ער וויל ניט, וויל ניט „יענער״.

מערקווירדיג: דאס איז דאך אזוי ענליך אויף מיין לעבען מיט „איהם״, מיט מיין שותף, מיט מיין קינסטלער וואס אין מיר... איך אליין ווייס דאך אויך ניט צו מאל, וואס איך באגעהר און וואס איך וויל ניט... איך אליין טו דאך אפט אזעלכע זאכען, וואס איך וואלט זיי ניט געטאן, ווען איך אליין וואלט געווען אליין, איך מיין, ווען איך וואלט קיין שותף צו זיך, צו מיין לעבען ניט געהאט...

אט ווי פארריזנעט איך האב מיך אין זיך אליין און קען פון זיך ניט ארויסקריכען.. דאכט זיך אנגעהויבען שרייבען וועגען גאר א זייטיגער פערזאן, לאזט זיך אויס, אז ס׳איז אלץ איך וועגען זיך... א בעלעטריסט קען זיך ניט ערלויבען צו שרייבען ריין סוביעקטיווע זאכען. דאס קאנען זיך ערלויבען בלויז דיכטער... ביי א בעלעטריסט מוז די פאנטאזיע זיין א באפליגעלטע, ער מוז אפט פארגעסען אן זיך, אדער אנדערש געזאגט, ער מוז זיך קאנען איבערגיסען אין אן אנדער פארמע, אין א פארמע פון א צווייטער פערזאן און אויב ער קאן דאס ניט, באווייזט עס... אז ער קאן ניט... באווייזט דען דאס אליין ניט, אז מיין פאנטאזיע האט באקומען בלייענע פליגעל... ס׳איז דאך נאך אלעמען קיין קונץ ניט צו שעפען פון אייגענעם ברונעם און צוריקגיסען אין אייגענעם ברונעם אריין... דאס מיינט, אט דאס „באשרייבען״ זיך אליין...

נו, מיר וועלען זעהן וואָס ווייטער וועט זיין..

„זעהענדיג אַז ער קען זיך ניט באַפרייען פון זיין פאַר־גוואַלדיגער, האָט ער באַשלאָסען צו באַגעהן זעלבסטמאָרד.”

אָט דאָס איז שוין קונסט... ווייל פון זעלבסטמאָרד האַלט איך שוין זעהר ווייט, דאָס מיינט, ווייט אַוועק פון דער ווירקליכקייט... אָבער, פון דעסטוועגען, ווייל איך עס שוין ניט מעהר... וועגען עפּעס אַנדערש... וועגען וואָס ס'זאָל ניט זיין, אַבי ווייט אַוועק פון זיך... ווייל איך בין שוין מיר אַליין דערעסען . . . . . . . . . .

אַזוי ווי מיט פייגעלאך אַקוראַט, אַרום דיר, קענען זיך אַמאָל אַרומשטעלען צעהנדליגער פייגעלעך, ווי נאָהענטע מחותנים מיט דיר, נאָר מאַכסטו איין באַוועגונג איינס פון זיי צו כאַפּען, איז אויס! ניטאָ קיין איין פייגעלע... מיט די טעמעס ביי מיר די זעלבע מעשה... צעהנדליגער טאַנצען זיי און שפּרינגען אַרום אין מיין מח און איצט, ווען איך וויל כאַפּען איינע פון זיי, איז ניטאָ, צעפלויגען... אפילו די טעמע וואָס איך האָב שוין, דאַכט זיך, ווי אין די הענט געהאַלטען; די טעמע מיט דער מיידעל מיט דער פאַרעהרערקע, וואָס איז געקומען צו איהרען אַ געליבטען שרייבער און ווי ס'פאַלט אַש אויף איהר קאָפּ פון'ם ציגאַר וואָס דער „באַליבטער” שרייבער רויכערט, אפילו דאָס אָ, לאָזט זיך אויך ניט נעמען... ס'איז ניט מעהר ווי אַ „כאַפּ”, ס'איז ניטאָ ביי וואָס צו אַרבייטען. אָט וויל דוקא, ווייל אין אַ פּאַר ווערטער קאָן אַלעס אַרויסגעזאָגט ווערען... נו, טאַקע, וואָס קאָן מען נאָך מעהר צוגעבען צו דעם: געקומען אַ מיידעל צו אַ קינסטלער, אַ פאַרעהרערקע זיינע, אַ מיאוס'ע מיידעל, אַן עלטערע מיידעל, און ער, אָט דער קינסטלער, וואַרפט איהר אַש אויפ'ן קאָפּ... איז דען נויטיג נאָך עפּעס צוגעבען דערצו? ...

און וואָס הערט זיך עפּעס מיט יענער טעמע, מיט... אָבער, ניין, איך בין שוין מיד... און חוץ דעם: געהט עס צו אַל די שווארצע יאָהר... צו וואָס נוצט עס מיר גאַר איינגאַנצען? .. וואָס

האָט ער געוואָלט האָבען פון מיר, אָט דער אָח מיינער? ... איך וואָלט נאָך א האלב־יאהר, צי א יאָהר, געווען איינגאנצען זיך ארויסגעשלאָגען דערפון און וואָלט געווען א מענש צו אלע מענשען גלייך.. אין קאָרב אריין אלץ, צום טייוועל!

פעברואר, 23.

אזוי ווי איינער דערזעהט זיין געליבטע, מיט וועלכער ער איז א לאנגע, לאנגע צייט געווען צעשיידט איבער עפּעס א קאפּריז, אזא פרייד האָב איך דערפיהלט ווען איך האָב דערזעהן די זאך מיינע געדרוקט...

זיך צוגעכאפּט צום לייענען, געקייט און געשלונגען יעדעס וואָרט, יעדע שורה און געפיהלט ווי דאָס גאנצע וועזען מיינס זשוימט איין אין זיך אומבאגרענצטע ענערגיע, באגייסטערונג און עקסטאז... געפיהלט ווי אלעס אין מיר איז פאראייניגט, גייסט און חומר, אז אלץ צוזאמען שפּילט און זינגט הארמאָניש, מיט אזוי פיל ליבע צו זיך און צו „איהם", צום קינסטלער וואָס אין מיר... ניין, איך האָב זיי אין דעם מאָמענט ניט געקאָנט אפּשיידען איינס פון דאָס אנדערע. „ביידע" זיינען געווען אזוי צוזאמענגעגאָסען, אז איך האָב ניט געוואוסט וואו איך בין און וואו „ער" איז...

מיין עקסטאז איז געווען פּשוט גרענעץ־לאָז, איך האָב זיך איינפאך פארכלינעט פון גליק... אָפּטמאָל אריינגעשלונגען א שורה און ניט געוואוסט איהר באדייטונג, האָב איך זיך אומגעקערט, זי נאָך אמאָל איבערגעלייענט און נאָך מעהר אריינגעקוואָלען אין זיך, נאָך דעם ווי איך האָב שוין יא געוואוסט די באדייטונג פון דער שורה... איך האָב צומאָל צוויי מאָל איבערגעלייענט א שורה, כדי ס'זאָל ביי מיר נעמען מעהר צייט דאָס לייענען, און ס'האָט געטראָפען, אז איך האָב אייניגע שורות אפילו צו דריי מאָל געלייענט און אלץ געפיהלט דעם זעלבען טעם...

איצט־אָ לאָמיר זיך פאָרשטעלען טאקע ווידער דעם זעלבען מאַן וואס איז נאָך אַ לאַנגען רוגז און נאָך לאַנג ניט זעהען זיך, זיך צוזאמענגעטראָפען מיט זיין געליבטער און ער טאַנצט און ער הוליעט פון גרויס באַגייסטערונג און טאַנצענדיג און הוליענדיג פיהלט ער אז איהם שטעכט אַ פלעקעל אין אַ פוס פון אַ שוך... אָן עהנליך געפיהל האָב איך געפיהלט אין דער גרויסער גדולה מיינער, פון דעם וואָס אונטער'ן ערשטען קעפּעל פון דער ערש־טער עסיי איז אָפּגעדרוקט „געווידמעט נעטי", וואָס איך האָב אויפ'ן אָווענט ביי מיין ברודער אין צעטומלעניש אָנגעשריבען, און אַזוי ווי מיין ברודער האָט אוועקגעשיקט די זאכען אָהן מיין וויסען, איז דאָס אזוי פארבליבען און איך האָב גאָר אינגאַנצען פארגעסען אָן דעם... יאָ, איז וואָלט עס מיר ניט געאַרט. זי האָט אַלענפאַלס פארדינט פאַר דעם קאָפּ־דרעהעניש וואָס איך האָב איהר אַ פּאָר חדשים געדרעהט. יאָ, אָבער זי וועט דאָך ניט וויסען, זי וועט מיינען אז דאָס איז פון גרויס ליבע צו איהר און דאָ וועל איך גאָר קומען און זאָגען „אויס".

אפשר זאָל איך עס מאָרגען מאַכען, איידער זי וועט זיך דערוויסען פון דער „ווידמונג"? איי, וואס, זי וועט עס נאָכדעם דערזעהן?...

שפּעטליך אין אָווענט זיך אריינגעכאַפּט צו מיין ברודער מיט די „קניפּען" אין קעשענע. די גוטע שטימונג האָט נאָך אַלץ אנגעהאַלטען, הגם איך האָב אויף אַ ווײַלע ניט „פארגעסען" אז די גאַנצע גדולה האָט ער מיר אָנגעארבייט און איך האָב שוין צוליב דעם געמאַכט זיך גע'פּגר'ט וועגען גאַנצען עסק.

געטראָפען ביי איהם אַ פּאָר מענשען, „ריעל עסטייטניקעס". איינער אַ איד מיט אַ גרויסען פּליך און מיט אַ גרויסען בויך, אַ צווייטער וואָס האָט שוין אויך געהאַט אַ פּליך, נאָר וואָס איהם איז געלונגען איהם האַלטען באַהאַלטען מיט האָר פון „הצד", פון אַ זייט פון קאָפּ; און אַ דריטער איז דאַרטען געזעסען אַן עלטערער מענש, מיט אַ געדיכטען, נידעריג געשוירענעם גרויען קאָפּ

האָר, מיט אַן אויסזעהן פון אַמאָליגע געוועזענע רוסישע אַדוואָ־קאַטען.

אַזוי גלייך ווי מיין ברודער האָט מיך דערזעהן האָט ער זיך אויפגעהויבען און געבעטען איך זאָל איהם ענטשולדיגען אויף צעהן־פופצעהן מינוט, און מיר געהייסען אריינגעהן אין פראָנט צימער, און צוגעגעבען מיט אַ שמייכעל:

— געה, וועסטו זעהן ווער דאָרטען זיצט!

פארשטאַנען ווער, און דאָס איז געווען אַ צושמעלץ צו מיין גרויסען יום טוב. אַן אומבאַגרענעצטע פרייד האָט דורכגענומען דאָס גאַנצע וועזען מיינס פון אָט דער בשורה, און איך האָב מיך אויף'ן אָרט ניט געקענט אָפּגעבען קיין רעכענונג, צי ווייל מיר איז אַזוי גוט געווען אויף'ן הארצען דערפאַר האָט די גוטע בשורה געפונען אַזאַ גוטען באָדען, צי ערגעץ איז ביי מיר גע־לעגען פארבאַהאַלטען אַ זיס געפיהל צו איהר, פון דער ערשטער באַגעגעניש מיט איהר.

ווען איך בין אַריינגעקומען אין פראָנט צימער האָב איך זיי ביידען געטראָפען, די „ביוטי" און מיין שוועגערין, זיצען קניה צו קניה... מיין שוועגערין האָט אויף מיר געוואָרפען אַ פיל־באַדייטענדען בליק, און דערביי צוגעשמייכעלט מיט איבערגע־געבענהייט און היימליכקייט, און ווי זי וואָלט מיר זאָגען גע־וואָלט, אַז איך בין פונקט אָנגעקומען אין צייט... די ביוטי האָט מיר איצט אויבעט אויסגעזעהן פיל נעהענטער און היימי־שער, ווי דאָס ערשטע מאָל. ס'קען זיין אַז דאָס איז געווען דער־פאַר, וואָס איצט איז זי ניט געווען אַזוי אויסגעפוצט ווי דע־מאָלט, און אָט די היימליכקייט האָט מיר ממש אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ אריין, געהאַט דעם איינדרוק אַז זי איז מיינע, וואָס ביז אהער האָב איך זי נאָך ניט געהאַט, אָבער איצט קען איך זי שוין האָבען. און אָט דאָס געפיהל, האָט אָנגעפילט מיט פרייד דאָס גאַנצע מאַנסבילישע וועזען מיינס... יאַ, ס'קען גאָר קיין גרעסערע פרייד ניט געבען, ווי ווען אויף דיר גיט אַ ווייע אָן

מיט נאָהענטקייט און היימישקייט פון א יונגער פרויענצימער...

ווען איך בין אריינגעקומען האָט זי מיטביידע שמאָלע הענטלאַך געטאָן א ציה־אָן דאָס קליידעל אריבער די קניה, און אין דעם מאָמענט האָט זיך מיר געדאכט, אז זי איז נאָך שמאָלער געוואָרען, ווי זי איז, און די אקסעלאַך איהרע האָבען זיך אזוי עלאסטיש בויגיג זיך א דרעה געטאָן אהין און אהער פון די הענט־באוועגונג, פון ציהעניש אהער און אהין דאָס קליידעל אראָפ... די אויגען זיינען געווען אזוי גליהענדיג און שפּילעוודיג ווי דאָס ערשטע מאָל. דערפאר האָט זי איצט ברייטער און זאפטיגער געשמייכעלט, און וויסענדיג אז דאָס שמייכלען קען אין דעם מאָ־מענט צו קיינעם ניט באלאנגען נאָר צו מיר, האָב איך דער־פיהלט אז דער בעכער פון גליק איז איבערגעפילט, אז קיין גרע־סער גליק קען שוין ניט זיין, ניט אויף דער וועלט און ניט אויף יענער וועלט... אז מ'מוז דוקא שטעהן מיט ביידע פיס אין ביידע וועלטען — א פוס דאָ און א פוס דאָרטען, אז מ'זאָל קענען אזוי פיל גליק דערגרייכען.

דריקענדיג און פארהאלטענדיג איהר ברעקעל הענטעלע אין מיין האנט און קוקענדיג איהר אין די אויגען אריין מיט טרויער פון העכסטער פרייד, האָב איך געזאָגט צו איהר:

— ווען יוסף, יעקב'ס זוהן, האָט געוואָלט זינדיגען מיט פּוטיפרע, מיט דער עגיפּטישער קעניגין, האָט זיך איהם אוועק־געשטעלט זיין פאָטער'ס געשטאַלט און ער האָט זיך פון דער זינד אָפּגעזאָגט... איך וויים ניט ווי שעהן יענע איז געווען, נאָר איך פארזיכער אייך, אז ווען איהר וואָלט אויף דער פּוטיפרע'ס אָרט געווען וואָלט איהם שוין קיין צעהן געשטאַלטען פון אזעל־כע צדיקים ווי יעקב איז געווען, וואָלט איהם שוין פון דער „זינד" ניט אָפּגעהאלטען... מיין גאָט, מ'קען דאָך באגעהן זעלבסטמאָרד צוליב אייך, אָדער פארקערט... ווען איינער וואָלט געהאלטען ביים באגעהן זעלבסטמאָרד און אייער געשטאַלט וואָלט זיך איהם אין דעם מאָמענט אוועקגעשטעלט...

זי האָט געקוואָלען, אָט די שטיק ווייבליכע פּאָעזיע, הגם איך בין געווען מעהר ווי זיכער, אז זי האָט אָט דעם גאַנצען פּאָעזיע אויסגוס ניט פארשטאַנען, אָדער ווינציג וואָס געכאַפּט דערפון... פאר איהר איז געווען די והותר אז זי הערט וועגען זיך לויב־געזאַנגען. ווי אזוי און וואָס, דאָס האָט איהר, ווי איך האָב געהאַט אַן איינדרוק וועגען איהר, לגמרי ניט אינטערעסירט...

מיין שוועגערין, וואָס אין תוך איז זי מיר געווען איבערגעגעבען, נאָר האָט געהאַט אויף מיר פאַרדרוס פאַר מיין, פאַר איהר אומפארשטענדליכען קאַפּריז, וואָס איך וויל ניט צוליב טאָן דעם ברודער אזא קליינינקייט ווי שרייבען, האָט זיך איינגעהערט אין מיינע ווערטער און געקוקט דער ביוטי אין די אויגען אריין, ווי יענע באַנעמט עס, און ס'איז קענטיג געווען אין איהר א גרייטקייט, אויב די רייד מיינע וועלען ביי דער מיידעל אויסנעמען, וועלען זיי איהר אויך געפעלען און איך האָב קיין טעות ניט געהאַט, ווייל אזוי גלייך ווי די „ביוטי" האָט זיך צעשמייכעלט האָט מיין שוועגערין זיך אויך צעשמייכעלט און געזאָגט צו דער ביוטי:

— ווי א פּאָעט רעדט עס!

און איך האָב זיך גלייך אָנגעכאַפּט אָן די רייד:

— . . . איך ווייס ניט... מיר דאכט, אז ס'איז איהר „שולד", אין איהר געגענוואַרט מוז מען ווערען א פּאָעט... זיך געפינען נעבען א שטיק פּאָעזיע קען שוין דער גרעסטער פּראָזאַאיקער פּראָזאַאיש ניט בלייבען...

פאַר דער צייט האָט זיך מיין ברודער אָפּגעפּערטיגט מיט זיינע געסט און אריינגעקומען צו אונז אין פראָנט־צימער האָט ער מיר א קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע אריין און געפרעגט, וואָס ס'הערט זיך און וואָס איך מאַך. איך האָב איהם גאָרניט געענטפערט, נאָר געקוקט איהם גלייך אין די אויגען אריין האָב איך פאַמעליכקע ארויסגעשלעפּט דאָס ביכעל פון קעשענע און אינ'ם כאַפּ, וואָס ער האָט דאָס ביכעל געטאָן, איז קענטיג געווען, אז

ער האָט גלייך פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ ביכעל דאָס איז, און אײלענדיג אַ פרעג געטאָן:

— טאָ, וואס זשע שווייגסטו, וואס?

און אַ מיש געטאָן איינס און צוויי אָפּגעזוכט מיין נאָמען און אַ פּאַטש געגעבען מיט דער האַנט אויף דעם בלעטעל האָט ער אויסגערופען:

— שאַ, זאָל זיין שטיל!

און אין אַ ווײלע אַרום צוגעגעבען, פיל שטילער און פול מיט ערנסטקייט:

„ד. הימעלשיין"!... אויף די ראַנדען פון לעבען", „געווידמעט"...

דאָ האָב איך איהם אַ ציה געטאָן ביים אַרבעל. ער האָט געכאַפּט אַ צעמישטען קוק אויף מיר, און קענטיג פאַרשטאַנען וועגען וואָס ס'האַנדעלט זיך און נאָך אַ קורצער פּויזע זיך פאַרנומען צום לייענען. איך האָב איהם אָבער גלייך אָפּגעשטעלט... איך האָב איהם געזאָגט, אַז אויב ער וויל קען ער עס לייענען פאַר זיך, אַז פאַר זיי קען עס שוין אפשר ניט זיין אינטערעסאַנט, ווייל זיי האָבען דאָס שוין איינמאָל געהערט...

איך האָב פאַרכאַפּט די פיש פאַר דער נעץ. איך האָב מורא געהאַט, אַז ווער פון זיי ביידע זאָל עס ניט זאגען און אויב זיי וואָלטען עס אפילו ניט געזאָגט האָט זייער שווייגען שוין במילא באַדייט אַז זיי ווילען ניט הערען נאָך אמאָל די זאכען לייענען וואָס זיי האָבען שוין איינמאָל געהערט.

און וויפיל איך האָב עס פאַרשטאַנען און באַרעכטיגט, ס'הייסט אָט דאָס, וואס זיי, מיין שוועגערין און מיין שוועגערינ'ס שוועגערינ'ס שוועגערין, קען ניט אינטערעסירען צו הערען צוויי מאָל איין און דיזעלבע זאַך לייענען, האָט מיר פאַרדראָסען אויף זיי און באַזונדערס אויף דער ביוטי... איך האָב אַזוי געגאַרט זי זאָל אַרויסזאָגען, אַז זי באַגעהרט נאָך אמאָל צו הערען דאָס זעלבע... צום טייוועל!... אָט האָב איך דאָך מיין אייגענע זאַך ערטער־

ווייז צו דריי מאָל געלייענט... איך בין געבליבן שטעהן ווי אן אָפּגעשמיסענער און געפיהלט ווי די גאַנצע שטימונג מיינע הויבט זיך אָן צו וויקלען אין תכריכים...

איך האָב שטייף אָנגענומען ביי איהם דאָס ביכעל, עקשנות־דיג געצויגען פון זיין האנט און געזאָגט:

— איך וויל ניט דו זאָלסט איצט לייענען... וועסט לייענען א צווייטען מאָל.

און אויף אַ צו להכעיס דער „ביוטי" אנגעוויזען אויפ'ן „געווידמעט נעטי":

— אַט דאָס קענסטו יא איבערלייענען...

מיין ברודער האָט מיך אָנגעקוקט און איך האָב הארט און עקשנות'דיג אויטאָמאַטיש איבערגעזאָגט די ווערטער:

— קענסט יעצט איבערלייענען די צוויי ווערטער... יאָ...

— פאַר וואָס האָסטו פריהער ניט געוואָלט?

איך האָב ארויסגעשלעפּט דאָס ביכעל פון זיין האנט און פארטיפט מיין בליק אויף די צוויי ווערטער האָב איך שטיל, נאָר מיט א דורכדרינגליך קול אָפּגעזאָגט:

— געווידמעט נעטי!...

מיין ברודער האָט געקוקט, געקוקט אויף מיר און מיר ארויפ־געלייגט די האנט זיינע אויף מיין אקסעל, האָט ער אָפּזיפּצענ־דיג געזאָגט:

— עך, ברודערקע!... איך האָב מורא אז פון דיר וועט שוין קיין לייט ניט זיין!... — — — — — — — — — — — — —

פעברואר 24.

ווען ס'וואָלט זיך געפונען אזא טיפער פסיכאָ־אנאַליטיקער וואָס זאָל מיר קענען ערקלערען פאַר וואָס און מיט וועלכען באַ־האלטענעם און אומבאוואוסטזיניגען ציל איך האָב מיטגעטאַס־קעט דאָס ביכעל פארנעמענדיג זיך אין מיין וועג אריין צו נעטי'ן...

ס׳קען קיין צוויי מיינונגען ניט זיין, אז ווייזען איהר דאָס ביכעל האָב איך אויף קיין פאל ניט געקענט, אין דער צייט וואָס איך בין געגאנגען צו איהר, ברוטאל אויסדריקענדיג זיך, מאכען מיט איהר אן ענדע... עס קען דאָך קיין צוויי מיינונגען ניט זיין, אז ס׳האָט אין ערגעץ אין מיר ניט געקענט זיך פארוואלגערען דער מינדסטער חשש אז איך זאָל איהר דאָס ביכעל באווייזען מיט דער ווידמענונג, אין דער צייט וואָס איך האָב מיך געקליבען צו איהר, איהר זאָגען מיין לעצטען אדיע... און דאָך האָב איך דאָס ביכעל ספּעציעל אריינגעלעגט אין קעשענע אריין. איך האָב עס נאָך אריינגעלעגט פריהער מיט א האלבער שעה, פאר מיין געהן, מורא האָבענדיג אז איך זאָל דאָס אין לעצטען מאָמענט ניט פארגעסען... איך האָב אפילו באדויערט, און ס׳האָט מיר אפילו וועה געטאָן דאָס הארץ, וואס איך וועל עס איהר ניט קענען באווייזען, און דאָך האָב איך דאָס ביכעל מיט זיך גענומען...

וואָלט מיר ווער געקענט דאָס ערקלערען?...

אין דער פריה האָב איך אָפּגערופען אז איך קום אין אווענט... א קול פון א קינד, פון א שוועסטער׳ל, אן איבערגאנגס קול פון קינד צו פרוי, האָט מיט מיר גערעדט, און דאָס האָט מיך אריינגעוואָרפען אין אן אנדער שטימונג, און ס׳האָט מיך געשלעפּט צו דענקען און טראכטען, אז אפשר פיהל איך עפּעס יאָ צו נעטי׳ן נאָר איך פיהל עס ניט... צי איך וויים עס ניט? אפשר ליגט א געפיהל ערגעץ אין מיר צו איהר און ס׳וועט מיט דער צייט ארויפשווימען... אפשר ווען איך וואָלט ניט געקראָגען דעם שטרענגען אולטימאַטום פון איהר מאָמענקעלע... אָט איז דאָך דאָס אליין שוין עפּעס מעהר ווי אויסערגעוועהנליך, וואס איהר נאָמען וועט אויף אייביג פארבלייבען ביי מיר אויפ׳ן בוך פארצייכענט...

איין גאָט ווייסט דעם אמת, ווי שווער מיר איז געווען דער גאנג צו איהר מיט׳ן אָפּזאָג און מיט מיינע ווערק, איהר געוויד־

מעט, אין קעשענע... און ניט נאָר וואס איך האָב עס איהר פאַרגינען נאָר פארקערט, איך בין געווען צופרידען וואס ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט. איך האָב נאָר געבעטען גאָט אז זי זאָל זיך נאָר צו דער צייט, וואָס איך וועל זיין ביי איהר, ניט וויסען דערפון...

דאָס מאָל האָט מיר די טיר געעפענט דער פאָטער איהרער, דרך אגב, דער וועמען איך האָב פאַר דער גאַנצער צייט איהם דאָס צווייטע מאָל געזעהן.... מיר געענטפערט גאַנץ רוהיג און גאַנץ געמיטליך אויף מיין „גוט אָווענט" האָט ער מיך גלייך פאַרלאָזט און אין א קורצער ווײלע ארום האָב איך געהערט ווי ער האָט געזאָגט:

— געה דאָרטען, דיין הימעלקראַצער איז דאָ.

איך בין גוטע צעהן מינוט געשטאַנען און געווארט אויף איהר און די גאַנצע צייט געטראַכט ווי אזוי אָנצוהויבען און ווי אַזוי צו זאָגען איהר דאָס, וואס איך בין געקומען איהר זאָגען, ווי אַזוי צו מאַכען דאָס, אַז זי זאָל וואס ווינציגער שמערצען פיהלען און האָב זיך דערביי דערפיהלט אין דער ראָלע פון א צער בעל־החיים'ניק וואָס רק ער טראַכט וואָס פאַר א טויט איז גרינגער פאַר דער בהמה, צי ווען מ'גיט איהר מיט'ן האַמער איבער'ן קאָפּ? אָדער ווען מ'שניידט איבער דעם האַלדז, צי גאָר ווען מ'גיט איהר אַ רוק אַריין דאָס מעסער גלייך אין האַרצען אַריין...

אייגענטליך ניט געהאַט קיין פארשטעלונג ווי ווייט מיין אָפּזאָגען זיך פון איהר וועט איהר וועה טאָן, ווייל איך האָב קיין פאַרשטעלונג ניט געהאַט ווי ווייט דאָרטען דער טערמאָמעטער פון איהרע געפיהלען צו מיר דערגרייכט, אָבער אין איין זאך בין איך געווען זיכער אַז מעהר, ווינציגער אָבער ליידען וועט זי...

ענדליך האָט זי זיך אַריינגעוויזען, זיך אַריינגעשטעלט צווישען די צוויי דיקע פליושענע גאַרדינען מיט האַנט אהער, האַנט אהין, און אַזוי איז זי שטעהן געבליבען און געדאַכט האָט זיך אַז מיט'ן אַרויסווייזען זיך פונ'ם פאָרהאַנג האָט זי זיך איינצייטיג אַריינ־

געוויזען אין איהם, ארויס און אריין איינציייטיג, און איז אזוי פארגליווערט געבליבען אין דעם ארויס און אריין.

און זי איז געשטאנען אזא בלאַסע, אזא שטילע, מיט אַן אויסדרוק פון א הייליגער מארטירערין, וואס איז גרייט אויפצור נעמען מיט'ן גרעסטען מארטירער־געדולד וואס דאָרטען מיין באַ־שלוס זאָל ניט זיין... און ערשט איצט איז מיר קלאָר געוואָרען, אז דאָס מיידעל איז אומזיניג פארליבט אין מיר...

— נעטי!...

ווייל עפּעס זאָגען געמוזט און ניט געהאַט עפּעס אנדערש צו זאָגען, איז האָב איך דערפאַר אויסגערופען דעם נאָמען איהרען.

זי האָט זיך ניט אָפּגערופען, געשוויגען און שטיל געשטאַנען אין איהר פאָזיציע פון אריין און ארויס, ס'הייסט אין אזא פּאָ־זיציע וואָס אַ זייטיגער מענש וואָלט ניט געוואוסט צי האלט זי ביי ארויסגעהן, צי האלט זי ביי אריינקומען... און קוקענדיג אויף איהר בין איך מאָמענטענווייז געווען אונטער'ן איינדרוק, אז ניט קיין לעבעדיג ווזען שטעהט דאָ, נאָר... עפּעס אזעלכעס, וואָס מאכט בלויז דעם איינדרוק אז דאָס איז אַ וועזען פון פלייש און בלוט...

מאָמענטענווייז האָט זיך מיר געדאכט, אז דאָס אלעס, וואָס ס'קומט פאָר, דאכט זיך מיר, אז ס'קומט פאָר... אז דאָס איז אַ חלום אויף דער וואָהר... אז דאָ איז עפּעס אויף אַ צויבערהאפטען אופן רעאַליזירט געוואָרען אַ שטיק פאנטאזיע מיינע, וואָס איך טראָג שוין לאַנג ארום מיט זיך און האָב עס די גאנצע צייט געהאַלטען פארשטיקט אין זיך...

און ווייטער האָט זיך מיר געדאכט אז אזעלכע, אָדער עהנליך אויף אזעלכער, האָט געדארפט ווערען מיינע אַ העלדין פון אַ גרויס ווערק, וועגען וועלכען איך האָב יאהרען לאַנג פאַנטאַזירט, און דורכדעם ווערק זאָל פון אלעמען אנערקענט ווערען, אפילו פונ'ם גרעסטען מאַניאַק, אז איך בין דער גרעסטער פון זיי אלע.

„ניין, דאָס איז אונמעגליך. ס'קען ניט זיין, זי זאָל ניט

זיין מיינע, ווייל זי איז דורכאויס מיינע, איז דערפאר קען ניט זיין, זי זאָל דאָס ניט זיין..."

און דאָ בין איך שוין גרייט געווען ארויסצוגעהן מיט דיבורים... פאר דער צייט אָבער האָט זיך דערהערט א קלונג... אימיצער האָט דאָרטען א טיר געעפענט און אין א ווײַלע ארום האָט זיך דערהערט א שטיל אָנקלאַפּען אין טיר פון פראָנט־צימער און איינצייטיג האָט זיך געעפענט די טיר און ס'האָט זיך ארײַנגעוויזען בכבודו ובעצמו טאקע ער אליין. ער האָט זיך מאַנירליך אנטשולדיגט און שוין אָט דאָס אַנטשולדיגען זיך זיינס אליין האָט מיך אויפגעקאָכט און מאָמענטאַל געשאפען אין מיר א דער־ווידער־געפיהל צו נעטי, און שוין דערפאר אליין, איהר אויף צו להכעיס בין איך גלייך ארויסגעשפרונגען מיט א קאָנטער־אנטשול־דיגונג און דערביי ארויסגעוויזען דיזעלבע מאָס גלייכגילטיגקייט וואָס ער:

— אפשר שטער איך אייך?...

— דאָס מאָל ווייס איך אויף זיכער, אז ניט. — האָט ער זיך אָפּגעזאָגט גאנץ רוהיג און געלאסען. — זי ווייסט דאָך שוין זיכער, אז איהר האָט איהר געווידמעט די זאכען אייערע!

ביי נעטי'ן האָבען אויפגעבליצט די אויגען און איינצייטיג האָט זי געגעבען א טרעט אָפּ פון די גארדינען, האָט א נעם איין געטאָן צו זיך די הענט פארדריקט אין פויסטען און איז פארגלי־ווערט געבליבען אין דער פּאָזע...

— וואָסי, איהר ווייסט עס ניט? ער האָט אייך נאָך ניט געוויזען?...

איך האָב נאָך ניט געזעהן דאָס ביכעל — האָב איך קוים די ווערטער ארויסגערעדט...

— און זי ווייסט ניט, איהר האָט איהר פריהער ניט געזאָגט אז...

— ניין, געוואָלט מאכען א סורפּריז...

— האָט איהר נאָך דאָס ביכעל ניט געזעהן?... דאָרטען איז

געדרוקט מיין געדיכט אויך, דאָס געדיכט וואָס איך האָב אָנגע־שריבען אויפ'ן אלבאָם...

דערביי האָט ער ארויסגעשלעפּט דאָס ביכעל פון קעשענע און צו צו איהר, איהר אָנגעוויזען אויף מיין ווידמונג וואָס ער האָט איינציייטיג איבערגעלייענט און איבערגעמישט א פּאָר בלעטלאך האָט ער איהר אָנגעוויזען אויף זיין געדיכט. נעטי אָבער האָט שוין אויף זיין געדיכט ניט געקוקט. זי האָט געהאלטען אָנגעשטרענגט איהר בליק אויף מיר. און וואָס איז אין דעם בליק ניט געלעגען: איבערראשונג, פארדרום און ליבע. דאָס אלץ צוזאמען האָט צוגעגעבען אן אויסערגעוועהנליכע שעהנקייט איהרע אויגען און דאָס גאנצע געזיכט איהר'ס האָט באקומען אזא דערפרישונג און אויפלעבונג ווי א נייער גייסט וואָלט זיך אין איהר אריינגעכאפּט...

געוויזען איהר וואָס ער האָט געוואלט באוויזען, האָט ער צוגעמאכט דעם זשורנאל, א פּאטש געטאָן אויפ'ן שער־בלעטעל און געזאגט צו מיר:

— איך מיין, אז איהר קומט אן עקזעמפּליאר... זי איז דאָ שטארק „פארטראָטען". ניט אזוי, הימעלשיין?

און פארענדיגט די ווערטער האָט ער איהר פון זיך אָפּגע־שטעקט דאָס ביכעל... נעטי, אָבער, האָט זיך קענטיג, געפונען אין אזא פארלעגענהייט, אז זי האָט ניט געוואוסט צי זי זאָל דאָס נעמען, צי ניין, און ער האָט מיט לייכטקייט און כמעט ווי שפּאָטענדיג פון איהר געפרעגט:

— איהר ווילט עס ניט נעמען דערפאר, וואָס איך בין דאָרטען דאָ, צי דערפאר וואָס ער איז דאָרטען דאָ? ...

און אין א ווייל'ע ארום צוגעגעבען:

—נעמט, נעמט, ס'מאכט ניט אויס... אין צווייען איז שטארקער....

נעטי האָט זיך ווי אוועקגעכאפּט פון איהם און האָט זיך מיט שווערען און מוטלאָזען אומעט אראָפּגעלאָזט אויף דער סאָפע

און האָט גאר פּלוצלינג זיך פארנומען צו בייסען דעם נאָגעל פון מינדסטען פינגער, און זי האָט געמאכט דעם איינדרוק, אז זי בייסט אריין אין זיך און שלינגט אראָפּ א שטיק מיידעלשע פארביסענקייט, א שטיק ווייב־ליכע באליידיגונג, און אָט דער מאניער איהרער פון אריינבייסען אין זיך און אראָפּשלינגען ווען איהר געפעלט עפּעס ניט שטארק, האָב איך שוין פיל מאָל באמערקט, און מערקווירדיג, וואָס אָט דער שטריך איהרער איז מיר געווען אזוי נאָהענט, אז ביי יעדעס מאָל וואָס איך האָב עס באמערקט, האָב איך אין די געדאנקען נאָכ־געזוכט, צי געפינט זיך ניט וואו אין איינע פון מיינע ערצעהלונגען אזעלכע, וואָס האָט אזא טבע ווי זי: אין מינוטען פון פארצווייפ־לונג צו בייסען זיך דעם נאָגעל פון מינדעסטען פינגערל...

— איך האָב דאָס גארניט ערוואַרט פון אייך! — האָט זי געזאגט צו מיר אויף א האלב שטילען און כמעט אינטימען קול...

איך האָב מיך אוועקגעזעצט אין דעם צווייטען עק סאָפע, און צווישען אונז אין דער מיט האָט זיך אריינגעזעצט דער דיכטער, אָפּציהענדיג א האנט צו איהר און א האנט צו מיר, און באריהרט איהר קני און מיין אקסעל, האָט ער געזאגט צו מיר און צו איהר:

— סוף כל סוף האָט ער זיך איבערגעבעטען, הימעלשיין. דאָס איז א קלעפּיגע זאך, אָט דאָס שרייבען. ווער ס'פּרואווט נאָר איין מאָל די פען, איז שוין א פארפאלענער! ...

און א קלאַפּ געטאָן מיר איבער'ן אקסעל האָט ער צוגעגעבען:

— איהר בלייבט שוין ווידער א אונזעריגער... איהר וועט שוין ניט האָבען מיט וואָס זיך צו באריהמען...

— וואָס מיינט איהר?

— איך מיין, וואָס איהר פלעגט כסדר ארומגעהן און פאר יעדען איינעם זיך באריהמט, וואָס איהר האָט אוועקגעוואָרפען שרייבען.

— איצט וועט ער זיך קאָנען באריהמען מיט זיינע ווערק! —

האָט ווי א היימישע און ווי אן איינענע צו מיר געזאגט צו איהם נעטי...

— דאָס קען איך נאָך פארשטעהן! — האָט ער זיך גלייך אפגערופען. — איך קען פארשטעהן, איינער באריהמט זיך מיט זיינע ווערק, צי זיי זיינען גוט, צי שלעכט, ניט קיין נפקא מינה, מיינט מען, אז ס'איז גוט... אָבער זיך באריהמען מיט ניט־שרייבען, דאָס האָב איך ניט פארשטאַנען... איהר ווייסט, וואס איהר פלעגט מיר אָפט דערמאָנען? איינעם ביי אונז וואָס איז געווען א ליידענשאפטליכער רויכערער און ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און האָט געוואָרפען דאָס רויכערען. דאכט זיך א גרויסער אויפטו, א יאָ? און דאָך האָט ער גארניט אויפגעטאָן. ער האָט אָבער געמיינט, אז ער מאכט גליקליך די וועלט און האָט יעדען איינציגען, וועמען ער האָט נאָר דערזעהן, האָט ער זיך באריהמט מיט זיין העלדישקייט.

אויסגעהערט די פיינע דרשה זיינע, האָב איך איהם געזאגט, אז דאָס וואָס ער רעדט איז נאָך פריהצייטיג, ווייל איך ווייס נאָך ניט צי איך וועל מיר צוריק נעמען צו דער פען און שוין דערפאר אליין קען איך איהם ניט ערלויבען צו רעדען וועגען מיר אין אזא טאָן...

— וועט אויך ניט זיין קיין שטשערב אין הימעל! — האָט ער מיר געטאָן א צוואָג אָפּ איינס און צוויי...

ניט געהאט איהם וואָס צו ענטפערען, האָב איך אריינ־דרינגענד איהם גענומען אריינקוקען אין פנים אריין און האָב גאָר פלוצים צו איהם אזוי א זאג געטאָן:

— איהר זעהט אוים ווי א וואסער־מענש! ...

— א וואסער־מענש? וואָס מיינט איהר? ...

— איהר האָט אמאָל געזעהן א וואסער־מענש?

— א ים־מענש, מיינט איהר!

— זאָל זיין א ים־מענש! אלץ איינס...

— נו?

— איך מיין, אז ס'איז אלץ איינס וואו און פון וועלכער וואסער מ'שלעפט ארויס א דערטרונקענעם...

— אנטקעגנען וואס איז דאס צו רייד געקומען?

— איך האב מיר ערשט גוט צוגעקוקט צו אייער פנים און דערזעהן אז איהר האט א קאליר פון א דערטרונקענעם...

און גלייך זיך אויפגעהויבען און אויסגעשטרעקט מיין האנט צו נעטי'ן און געזאגט:

— איהר וועט מיר אנטשולדיגען, נעטי, איך מוז אייך פאר־לאזען... אויב איהר האט איהם דא געוואלט האבען, האט איהר איהם געקאנט אנווייזען אויף אן אנדער צייט...

נעטי האט געכאפט די האנט מיינע, זי געדריקט און געצאפעלט:

— איך בעט אייך!!!

— זי האט ניט געוואוסט, אז איך וועל קומען. זי האט מיך ניט ערווארט. — האט ער פאר איהר געענטפערט און זי פאר־ענטפערט. און אין א ווייל'ע ארום צוגעגעבען, אז ער האט עס ניט ערווארט פון מיר, נאך דעם געשפרעך, וואס איך האב געהאט מיט איהם אין קאפע וועגען נעטי'ן, אז איך זאל איהם באטראכטען פאר א קאנקורענט... און האט אזוי פארענדיגט:

— איך בין נאך קיינמאל קיינעם אין וועג ניט געשטאנען און האב זיך נאך מיט קיין קאלעגע קיינמאל ניט געאמפערט איבער א מיידעל... איך בין גרייט אייך אפצוטרעטען די פאזיציע...

— דאס איז נאך ווינציג — האב איך זיך פון מיין זייט אפגערופען — דאס איז ווינציג וואס איהר זייט גרייט מיר אפצו־טרעטען די פאזיציע אייערע... מ'באדארף נאך ביי איהר א פרעג טאן... צו וועמען איהר הארץ קערעוועט זיך...

געזאגט די ווערטער און אליין ניט געגלויבט אין קיין איינע פון זיי... איך האב געוואוסט און געפיהלט, אז זי איז פארליבט אין מיר, נאר איך האב אבער אין דעם איינגעזעהן די איינציגע רעטונג מיינע, אדער די איינציגע ביסעל וואסער מיט וואס איך

קען מיך ריינוואַשען און אַרויס אַזוי אומשולדיג ווי אַ לעמעלע...

דער דיכטער האָט זיך אויפגעהויבען צום אַוועקגעהן און האָט צו מיר אַזוי געזאָגט:

— איך בין זיך מודה ומתודה, אַז ס'איז פאַר מיר אַזוי געקומען אומגעריכט ווען איך האָב דערזעהן „נעטי געוויידמעט" איבער אייערע זאַכען... איך בין די גאַנצע צייט געווען אונטער'ן איינדרוק, אַז... כ'מיין דאָס... אַז איהר געהט גלאַט אַזוי אַריין... און אַז „אַזוי", האָב איך געטראַכט, מיט וואָס זייט איהר מעהר בעל מצרה פון מיר, מעג איך אויך צו איהר אַריינגעהן.

און צוגעשמייכעלט אַזוי גוט און אַזוי וואויל מיט אַזאַ גוט און וואויל פיהלען זיך, האָט ער אָנגענומען מיין האַנט און איהרע און ניט וויסענדיג וואָס ער קלייבט זיך צו טאָן האָב איך געלאָזט זי נעמען די האַנט מיינע און ער האָט איינציייטיג אַ טרייסעל געטאָן מיין האַנט אין איהרע און געזאָגט:

— איך ווינש אייך גליק!...

אָפּגעטאָן אָט דאָס שטיקעל אַרבייט איז ער איינס און צוויי נעלם געוואָרען...

אויף אַזאַ מפּלה האָב איך זיך שוין גאָרניט געריכט...

איז וואָס איז מיר ווייטער געבליבען צו טאָן?.. דאָס זעלבע וואָס אַ פוקס ווען ער טרעפט זיך אויג אויף אויג מיט'ן יעגער, אַ דאַנק טאַקע זיין אייגענער פוקסענער חכמה... אין דער זעלבער לאַגע האָב איך זיך געפיהלט. בלייבענדיג אויג אויף אויג מיט נעטי'ן בין איך גרייט געווען, ווי דער פוקס: נאַ, נעמט מיך! און איך האָב ערוואַרט, אַז זי זאָל מיר אַ ליאַדע רגע פאַלען אויפ'ן האַלדז... זי האָט אָבער, קענטיג, ערוואַרט, איך זאָל זיין דער ערשטער דאָס צו טאָן... האָב איך דאָס ניט געקאָנט: נעמען אַליין, מיט די אייגענע הענט און זיך פאַרוואַרפען דעם שטריק אויפ'ן האַלדז... און געזעהן, אַז ס'איז אַ מעשה אָהן אַ סוף, האָב איך שטיל און געמיטליך געזאָגט צו איהר:

— מיין קאַרט איז פאַר אייך אָפען... איהר זעהט ווי איהר

האַלט מיט מיר... דערפאַר איז אייער קאָרט פאַר מיר פאַרמאַכט, און אַזוי לאַנג ווי איהר וועט זי פאַר מיר ניט עפענען, ווייס איך ניט, וועלכע שריט איך זאָל אָננעהמען...

— וואָס מיינט איהר? — האָט זי מיט אַ וויברירענדער שטים אַ פרעג געטאָן.

— וואָס איך מיין... נו, ס'איז זעהר פאַרשטענדליך מיין איך... איך וואָלט געוואָלט וויסען... איך וויל זאָגען, אַז וואו איך האַלט מיט איהם וועגען אייך, דאָס ווייס איך.. איך ווייס אבער ניט וואו איך האַלט מיט אייך וועגען איהם...

און פאַרענדיגענדיג אָט די דיבורים האָב איך באַמערקט ווי דאָס געזיכט איהר'ס ווערט אַלץ פאַרביגער און אויפגערעגטער און די אויגען האָבען זיך אָנגעהויבען אָנצופילען מיט פייכטקייט און גלאַנץ און מורא האָבענדיג אַז אָט־אָט וואַרפט זי זיך אַרויף אויף מיין האַלדז און נאַקען, האָב איך ווייטער געזאָגט צו איהר:

— דאָס איך דורך אַ צופאַל אפגעדרוקט געוואָרען מיינע זאַכען אין דעם ביכעל, איך וואָלט ניט געוואָלט, אַז איהר זאָלט אַריינפאַלען אין טעות ווי אַלע אַנדערע, וואָס וועלען גאָר פלוצלינג נאָך אַזאַ לאַנגער הפסקה באַמערקען מיין נאָמען... איך וויל אַז איהר זאָלט וויסען אַז...

זי האָט, קענטיג, געכאַפּט וואָס איך וויל זאָגען און פאַרכאַפּט פאַר מיר:

— איך קען אייך זאָגען אַז ביז איך האָב מיך מיט אייך באַקאַנט האָט ער ניט געהאַט קיין צוטריט צו מיר...

— איך פאַרשטעה ניט...

זי האָט נאָך אַ קורצער פּאוזע געזאָגט:

— איך בין געוועזען זיכער אַז איהר וועט עס פאַרשטעהן... איך האָב איהם געהאַסט דערפאַר... און איך וואָלט שוין דערפאַר אַליין געוואָלט, איהר זאָלט צוריק אָנהויבען שרייבען...

— כדי ער זאָל ניט האָבען קיין צוטריט צו אייך?

זי האָט גאַנץ דיפּלאָמאַטיש געענטפערט, אַז דאָס איז ביי

איהר אין דער האנט... אבער דער עיקר'שט קרענקט איהר זיין גוט פיהלען זיך אנטקעגען מיר...

איך האָב געשמייכעלט.

— און אז איך וועל יאָ שרייבען, איז וואָס מיינט איהר?

זי האָט ניט פארשטאַנען און איך האָב איהר געמוזט דייטליך ערקלעהרען, אז דער חברה־מאן וואָלט זיך סיי ווי סיי גוט געפיהלט אנטקעגען מיר, ווייל ער האַלט זיך גרעסער פונ'ם גרעסטען.

זי האָט געענטפערט, אז דאָס איז נאָך ווינציג וואָס ער מיינט, אנדערע מענשען האָבען אויך וואָס צו זאָגען. ווען־זשע אָבער, אז מ'שרייבט... מ'קאָן אָבער ניט פארמעסטען א שרייבער מיט ניט קיין שרייבער...

און דאָ האָט זי א צעעפען געטאָן דאָס ביכעל, וואָס דער דיכטער האָט דאָ געלאָזט (צי פארגעסען) און אויפגעמישט די בלעטלאך, וואו מיינע זאכען זיינען געדרוקט, האָט זי זיך פאר־שטעלט דערמיט דאָס פּנים... און אָט־אָט בין איך שוין גרייט געווען צופאַלען צו איהר, זי ארומכאַפּען און זי צודריקען צו מיין ברוסט, נאָר דאָ האָט זיך מיר אנטקעגען געשטעלט דער „קלסתר פּנים" פון דער „ביוטי"־מיידעל מיט איהר גאנצער פיגור, מיט איהר קלינגענדיגען ליידענשאַפטליכען קול און מיט אלעם אנאַנדער און איך האָב פארלאָרען די שליטה איבער זיך, נים געקאָנט טאָן דאָס וואָס איך האָב אין דעם מאָמענט געוואָלט טאָן... איך האָב גע־פיהלט ווי דער שטריק פארציהט זיך ארום מיין האלז אלץ ענגער...

זי איז געזעסען מיט'ן ביכעל פארשטעלט דאָס פּנים, און איך האָב געהאַט דאָס זעלבע געפיהל, ווי זי וואָלט די נשמה מיינע, מיט מיין הארץ, מיט מיין גאנצען וועזען צוגעטוליעט צו איהר פּנים. איך האָב געפיהלט די שעהנסטע און די איידעלסטע געפיהלען וואָס אין זעלטענע פאַלען קען איין מענש פיהלען צום אנדערען, אָבער ס'האָט געפעהלט דער צענטער, ס'האָט געפעהלט דאָס געפיהל, וואָס א מאַן קאָן פיהלען צו א פרוי... און דאָס אלעס צוזאמען האָט מיך געהאַלטען אין קלעם און ניט איך האָב איהר

געקענט זאָגען דאָס וואס איך בין געקומען איהר זאָגען, און ניט איך האָב געקענט...

מיינע אויגען האָבען געבלאָנדזשעט איבער דער גאנצער גרויס פון צימער... דאָ און דאָרטען און אומעטום זיך אָנגעשלאָגען אין שווערע, מאַסיווע שטיקער מעבעל וואָס זיינען געשטאַנען צעשטעלט אין יענער אָרדנונג, וואָס שטעהט בלויז צוליב שטעהן, צוליב דעם, אַז ס'זאָל פּלאַץ פאַרנעמען און צוליב דעם, אַז מ'זאָל דאָ אהער ניט אריינקומען אזוי אָפט ווי מ'קומט אריין אין די אנדערע צימערען אריין...

איבער דער גאנצער גרויס פון צימער איז געווען צעגאָסען א טונקעלקייט וואָס איז באַלויכטען געוואָרען פון דעם איינציגען לעמפּעלע, וואָס האָט געברענט אונטער'ן גרויסען „היטעל" פונ'ם אבאַזשור־לאָמפּ וואס איז געשטאַנען אויף א הויכען פאסטאמענט... ווי ניט אויף צו לייכטען האָט אָט דאָס לעמפּעלע געברענט, נאָר ווי פאר זיך, כדי אונטער'ן „היטעל" זאָל בלויז ליכטיג זיין און ווי צוליב דעם, כדי אַן אויג צו האָבען אויף דער טונקעלקייט, זי זאָל טונקעלער, פינסטערער ניט ווערען... אַז דאָ טאָר ניט זיין פינסטע־רער ווען דאָ געפינען זיך צוויי יונגע מענשען פון צוויי מינים... יאָ, נאָר צוליב דעם, אַז ס'זאָל ניט זיין שטאַרק פינסטער, האָט דאָס לעמפּעלע געברענט, אָבער איינציימיג צוליב דעם, אַז שטאַרק ליכטיג זאָל ניט זיין... ווייל ליכטיגקייט טויג דאָ אהער ניט פּונקט אזוי ווי אבסאָלוטע פינסטערניש.... מ'דאַרף ביידע זאכען, אָדער פאַרקערט, אַז ס'זאָל ניט זיין ליכטיג און ניט פינסטער... די טונקעלקייט איז צוליב דעם, אַז ס'זאָל ביי דיר ארויסרופען מחשבות זרות, און דאָס פייערל איז צוליב דעם, אַז דו זאָלסט זיך אָפּהאלטען פון אָט די „שלעכטע" געדאנקען...

און זי האָט נאָך אַלץ געהאַלטען דאָס ביכעל אויפ'ן פּנים און איך האָב מיט מיין גאנצען אינווייניגסטען פארשטאַנד פארשטאַ־נען און געפיהלט, אַז פאר דער צייט דאַרף איך עפּעס טאָן, אַז „דאָרטען" ביי איהר איז פאראַן אזא אויסקוק, אַז איך באדאַרף

אויסנוצען די פארשטעלטקייט איהרע, אז דאָ ארומער מוז עס קומען אויב ס'באדארף עפּעס קומען... איך האָב אבער גאר ניט געקאָנט מאכען מיט זיך. עפּעס אימיצער אין מיר, זעהט אויס, דער אמת'ער „איך" מיינער, דער נאַטירליכער, האָט עס ניט באגערט און איך בין געזעסען ווי א פאראליזירטער...

און קוקענדיג אויף איהר פּראָפיל, וואָס איז געווען מיט ביכעל און מיט בלעטלאך פארשטעלט, האָב איך גאר פּלוצלינג באַמערקט, ווי פון צווישען ביכעל און איהר פּנים האָט עפּעס א שוועב געטאָן און א גלאַנץ געטאָן, אראָפּגעפאַלען אויף איהר שויס און פארשוואונדען... ניט שווער געווען זיך אָנצושטויסען אז דאָס איז א טרער. א קעלט האָט זיך אריבערגעוואָרפען איבער מיין הויט און אינווייניג האָט א שווערער אומעט דורכגענומען דאָס גאנצע וועזען מיינס... איך האָב געדריקט ציין אויף ציין, געפּרעסט, געשטייפעוועט די קינבאקען און מיר האָט זיך געדאכט, אז איך דאַר און קוואר איין פון רגע צו רגע... אז אָט־אָט, וועל איך זיך אין זיך אריין, אזוי פיל אריינבייסען, אז עס וועט פון מיר קיין שריד ופליט ניט בלייבען...

און אָט־אָט־טאָ, האָט זיך מיר געדאכט, צעשפּרייטען זיך מיינע אָרעמס, אָט־אָטאָ, כאַפּ איך זי ארום און פעסטיג זי אָרום און זאָג איהר: דו ביזט מיינע! מיינע אויף אייביג און... צי האָב איך פארזאמט, צי האָט זי זיך צוגעאיילט... כ'מיין מיט'ן פארלאָזען מיך... ביי מיר איז געבליבען אזא איינדרוק, אז דאָס איז געטאָן געווארען פון איהר פריהצייטיג און איך בין מעהר ווי זיכער, אז ווען זי וואָלט נאָך א ווייל געזעסען, וואָלט געשעהן דאָס וואָס זי האָט געווארט און ארויסגעקוקט ס'זאָל געשעהן...

ס'איז פאר מיר געקומען אזוי אומערווארטעט אָט דער הויב איהרער, וואס זי האָט זיך א הויב געטאָן פון פּלאַץ און איז כהרף עין פארשוואונדען געווארען... געלאָזט מיך איינעם אליין אין איהר הויז, אין דעם צימער פון אונזער צווייענדיגקייט...

איינער אליין געבליבען און איך האָב געהאָט דעם איינדרוק

אַז פּרעמדקייט, אַזאַ מאָדנע פרעמדקייט, האָט זיך אויף מיר ארויפ־געוואָרפען און האָט מיך געוואָלט אויפפרעסרען, איינשלינגען... איך האָב פּשוט געפּיהלט, אַז אָט וועל איך פּאַרטיליגט ווערען אין דער שוידערליכער פרעמדקייט.

און פון דאָרטען, פון הינטער פאָרהאַנג, געהערט אַ שושקעניש פון איהרע אייגענע און פּאַר מיר אַזעלכע פרעמדע... די שושקע־ניש אליין איז, דאַכט זיך, געווען אַ שושקעניש פון פרעמדקייט... איך האָב זיך שטיל און פאַרזיכטיג אויפגעהויבען פון אומגליקליכער איינגעזעסענקייט און האָב שוין געמאַכט אַ פּאָר שפּאַן צו דער טיר, געוואָלט זיך ארויס׳גנב׳ענען, נעלם ווערען, נאָר דאָ האָט זיך צווישען דער גרוים און ברייט פון די שווערע גאַרדינען אַ קעפּעל מיט אַ פּנים באַוויזען און איז אַזוי פאַרבליבען אין באַווייזעניש אַ לאַנגע צייט; אויף לעצט האָט זיך דאָס מענ־שעלע באַוויזען און האָט זיך געגעבען אַ שפּאַן אריין ווי ס׳וואָלט אליין אַ שטיק אומגליק געווען, אָדער ווי ס׳וואָלט אריינגעשפּאַנט אין אַן אומגליק אריין, און ווי קיינער אַ חוץ איהר און אומגליק וואָלט דאָ ניט געווען, איז זי גלייך צו צו דער סאָפע און האָט אוועקגעלייגט דאָס קישעלע, וואָס דאָרטען איז געלעגען, אין יענער אָרדנונג וואָס ס׳ליגט און באַדאַרף ליגען ווען קיינער איז ניטאָ... דערנאָך האָט זי אַ טשעפּע געטאָן די פאָרהאַנגען פון די פענסטער ווי זי וואָלט געוואָלט פאַר מיר באַווייזען, אַז זי פיהלט זיך דאָ פּונקט אַזוי ווי קיינער וואָלט דאָ ניט געווען... אַז איך עקזיסטיר ניט... איך בין ניטאָ!...

— איך וואָלט געוואָלט זעהן נעטי׳ן! — האָב איך געזאָגט מיט אַ ווידוי־קול... ס׳הייסט מיט אַ קול פון איינעם וואָס האָלט ביים שטאַרבען און זאָגט ווידוי און ערגעץ טליהעט נאָך אַ פּונק פון האָפענונג, אַז ניט אַלעס איז געענדיגט.

דאָס מאַמע־מענשעלע האָט געוואָרפען אויף מיר אַ וויסטען, פינסטערען בליק. האָט גאָרניט געענטפערט און איז זיך טריט ביי טריט ארויס, און אין אַ ווײַלע ארום האָט זי זיך באַוויזען און

מיט יענער פרעמדקייט און הארטקייט וואס א מאמע פון א קינד, אַ טאָכטער, קען באַווייזען צו א פרעמד קינד, א בחור, וואס זי האָט פריהער געהאט גערעכענט אז דאָס פרעמדע קינד וועט ווערען איהר אייגענס און זי דערווייסט זיך גאָר פּלוצלינג, אז דאָס וועט ניט זיין, מיט יענער הארטקייט און בייזקייט האָט אָט דאָס מאמעלע, מיר געענטפערט:

— נעטי, פיהלט סאָרי...

געזאגט פרעמדקייט „א גוטע נאכט", האָב איך די הויז פארלאָזט און ארויס אין דרויסען, האָב איך דערפיהלט יענע היימליכקייט וואס אן ארעסטאנט דערפיהלט ווען מ'לאָזט איהם ארויס פון תפיסה נאָך יאָהרען לאנג זיצען דאָרטען פארשפּארט... ניט קוקענדיג אויף דעם וואס גאס און מענשען איז איהם ניט באקאנט, זעהען זיי איהם דאָך אויס אזוי נאָהענט און היימיש...

25 פעברואר.

פארנאכט־צו זיך ארייגעכאפּט אין דער ליטעראַרישער קאפע צו הערען, וואס רעדט מען עפּעס און וואָס זאָגט מען וועגען מיינע עסייען און וועגען מיר?

געטראָפען א פּאָר געצעהלטע מענשען... און מערקווירדיג, וואָס דערזעהענדיג די מענשען וואס זיינען דאָרטען געזעסען האָב איך געהאט דעם איינדרוק, אז ניט די וואָס איך האָב געטראָפען האָב איך ערוואַרטעט, נאָר אנדערע, ס'הייסט, די וואָס איך האָב ניט געטראָפען. און ווער ס'זיינען די אנדערע האָב איך קיין פאָרשטעלונג ניט געהאט...

פארוואָס אזא איינדרוק? איך גלויב, אז דאָס איז געקומען דערפון וואס די יעניגע וואס איך האָב דאָרטען געטראָפען האָבען מיך באגעגענט מיט אזא רוהיגקייט און גלייכגילטיגקייט, נו, ווי איך וואָלט געווען א טאָג־טעגליכער באזוכער פון דער קאפע און ווי גלייך איך וואָלט כאָטש אלע וואך זיך געדרוקט...

געוואָלט ביי איינעם און א צווייטען אויף אימיצען פרעגען, כדי צו צאָהלען זיי גלייך אויפ'ן אָרט מיט דער זעלבער מטבע און צו באווייזען זיי, אז ניט צוליב זיי, צוליב די וואָס זיצען דאָ בין איך געקומען, נאָר צוליב יענע וועלכע זיינען דאָ ניטאָ און אויף וועלכע איך פרעג זיך נאָך...

האָב איך מיר באַזעצט ביי א ליידיג טישעל און כלומרשט געווארט אויף די יעניגע וואס זיינען אין קאפע ניט געוועז, און יעדער איינער וואָס איז אריין און האָט אויף מיר א גלייכגילטיגען קוק געווארפען בין איך זיכער געוועז, אז דאָס איז ניט דער וועמען איך ערווארט צו זעהן...

איך בין אליין געזעסען ביי א טישעל, גע'דוכנ'ט איבער א גלאָז־טיי מיט א שטיקעל קוגעל צו דער טיי, און זיך געווארגען און זיך געשטיקט מיט מיין יום־טוב פון די אפגעדרוקטע עסייען מיינע... אמת, טאקע, איך האָב געוואוסט, אז פאר דעם יום־טוב האָב איך מיין ברודער צו פארדאנקען, אבער דער תענוג פון צו זעהן זיך געדרוקט, איז דערפון ניט געמינערט געווארען און מיט דעם איז אויך ניט געמינערט געווארען די ווערט פון די זאכען... איך מיין צו זאגען, אז דערמיט זיינען די דריי ווערקלאך מיינע ניט פסול געווארען... און צו דעם האָב איך דאָך אין זינען געהאט אז בלויז דורך מיין שולד, דורך מיין קאפריז דרוק איך זיך ניט... דער זעלבער, דער רעדאקטאָר פון די „קניפען" וואָלט דאָך מיר אזוי אויך געדרוקט, נאָר וואס דען, אָהן אזא גרויסען האָנאָראר... און אויב אפילו אלע ווייסען שוין דערפון איז אויך קיין אומגליק ניט... גרעסערע און עלטערע שרייבער פון מיר זוכען און נישטערן מעצענאטען מ'זאָל ארויסגעבען די ווערק זייערע, אָדער גיבען טאקע אליין ארויס און צוליב פאָזע בלויז שרייבען זיי אָן אויפ'ן בוך אז א געוויסע קאָמיטע, אָדער א וועלכע עס איז געזעלשאפט האָט עס ארויסגעגעבען... טאָ פארוואס איז דאָס מיר ניט ערלויבט, ווען דאָס וואָלט אפילו געטאָן געווארען מיט מיין הסכמה...

עטליכע זייעריגע וואָס זיינען געזעסען צונויפגעזעצט ביי איין

טישעל ביי עטליכע גלעזער וואסער און ביי איין גלאָז טיי, האָבען געפיהרט א דיספוט וועגען קונסט און וועגען דעם פּראָצעס פון שאפען, וועגען „אַלט" און „יונג", וועגען גרויסע, גאָט געבענשטע קינסטלער, און וועגען „מאַניאַקעס", און ווי געוועהנליך האָט איינער געמאכט צו אַש און בלאָטע דאָס וואָס דער צווייטער האָט געזאָגט, און באזונדערס האָט ביי אלע אָנוועזענדע ארויסגערופען היים בלוט די מיינונג פון איינעם וואס האָט זיך ערלויבט ארויס־צוזאָגען אזא אריגינעלע מיינונג, אז א גרויסער קינסטלער בלייבט כל ימיו אן אָנפאנגער און אז מעהר גערעטענע זאכען קען מען דוקא טרעפען ביי מיטעלמעסיגקייטען...

— נו, איז דאָך שוין גלייכער צו זיין א מעטילמעסיגקייט. — האָבען זיך עטליכע זייערינגע אויף דעם ארויפגעוואָרפען, און אינ'ם טאָן ווי זיי האָבען די ווערטער ארויסגעזאגט איז געווען ניכר, אז אינ'ם פארטרעטען דעם צד פון דעם גרויסען טאַלאַנט, פארטרעטען זיי שוין איינצייטיג זיך אליין. דאָס מיינט, אז צווישען די גרויסע טאַלאַנטען רעכענען זיי זיך אויך אריין.

יענער, דער, וואָס האָט ארויסגעזאגט דעם אָריגינעלען געדאנק, האָט זיך מסתמא אויך גערעכענט פאר איינעם פון די גרעסטע, איז ניט צעטומעלט געוואָרען פון זייער טומלעניש און געזאגט, אז זיי זאָלען זיך ניט שרעקען. אז א געראָטענע זאך מיינט נאָך ניט קיין גוטע זאך. א געלונגענע זאך קען זיך ארויסכאפּען ביי א קאַליקע אויך... אָבער דעם פיין־שמעקער, דעם וואָס האָט א חוש פאר קונסט, וועט בעסער געפעלען די ניט־געלונגענע זאך פונ'ם גרויסען קינסטלער, ווי די געראָטענע זאך פון דער מיטעלמעסיגקייט...

— ווייל בעסער צי ערגער, ביים גרויסען קינסטלער איז אלץ וואס געהט ארויס פון זיין פען אריגינעל. ס'איז זיינס, זיינע אָריגינעלע מעלות, זיינע אריגינעלע חסרונות... איז מיין מיינונג איז, אז ס'איז פיל בעסער די אָריגינעלע חסרונות פון א

גרויסען קינסטלער, איידער די ניט־אָריגינעלע מעלות פון א מיטעלמעסיגען שרייבער.

— טאָ, וויפיל האָט איהר זיי אזעלכע פיין־שמעקער? — האָט איינער ביי דעם געפרעגט.

— שוין בעסער צו זיין א מיטעלמעסיגקייט. — האָט איינער וואס איז אפילו ווייט, ווייט געווען הינטערשטעליג פון א מיטעל־מעסיגען שרייבער געזאגט מיט אזא טאָן, ווי ער וואָלט עס געווען פון די גרויסע.

— זאָלען זיך וועגען דעם אנדערע זארגען — האָט איהם איינער אריינגעקיבעצט...

— יאָ, דאָס איז דאָך שוין א באזונדער פראגע, — האָט זיך יענער אָפּגערופען מיט אומגעדולד, — איך האָב דאָ ניט גערעדט וועגען דעם וואָס ס'איז פאר וועמען בעסער צו ערגער... אפשר איז גאר די יעניגע וואס זיינען גאר קיין קינסטלער ניט נאָך בעסער... ניט אין דעם האנדעלט זיך... אך, איהר פארשטעהט ניט, וואָס מ'רעדט צו אייך!..

און אין א ווײלע ארום ערשט זיך צעפלאַמט:

— וואָס גרעסער דער קינסטלער, אלץ מעהר שטרויכלונגען האָט ער אין וועג און ניט נאָר אין אָנפאנג, נאָר כסדר, פאר זיין גאנצען לעבענס־פּראָצעס פון שאפען זיינען זיי כסדר דאָ, אָט די שטרויכלונגען... ס'איז פונקט ווי איינער וואָס שניידט זיך אריין אין א גרויסען וואלד אריין. וואס ווייטער און טיפער ער קריכט אריין אין וואלד, אלץ מעהר בלאָנדזשעניש... יאָ, דער גרויסער קינסטלער האלט אין איין בלאָנדזשען און ביז זיין טויט געפינט ער ניט דעם וועג זיינעם, ווייל פאר איהם ליגען תמיד הונדערטער וועגען, און ביי יעדער נייער זאך וואס ער שאפט האָט ער די שווערע ארבייט פון אויסצוקלייבען וועלכען וועג, אָדער דירעקט געזאגט, וועלכען מיטעל פון זיינע פילע מיטלען וואָס ער באזיצט, וועלכען מיטעל אָנצואווענדען ביי דעם אָדער יענעם קונסט־ווערק, אָדער וועלכע סיטואציע ס'וועט זיך בעסער צופּאסען פאר אזא

אָדער אַן אַנדער כאַראַקטער פון אַן ערצעהלונג, אַ ראָמאַן אָדער אַ דראַמע...

יאָ, מיינע קאָלעגען, דער גרויסער קינסטלער האָט שטענדיגע חולי לידה, פונקט ווי ביים אָנפאַנג. אין דער צייט ווען ביים מיטעלמעסיגען געהט עס ווי אויף פּוטער, זיך אויסגעריבען און אוועק (אָדער אַנדערע האָבען דעם וועג פאַר איהם אויסגעריבען) און „קאַטאַי בראַט!"

און אויף וויפיל דער גאַנצער געשפּרעך האָט מיט מיר ניט געהאַט צו טאָן, איז דאָך מערקווירדיג, וואָס ערגעץ אין מיר איז געלעגען פאַרשטעקט אַ נעבעלדיגע פאַרשטעלונג, אַז עפּעס האָט עס יאָ מיט מיר צו טאָן, מיט מיר און מיט מיינע זאַכען, וואָס האָבען זיך אָקאָרשט באַוויזען אויף דער ליכטיגער שיין... ערגעץ אין מיר איז געלעגען פאַרשטיקט אַ זיכערקייט, אַז דורך מיינע זאַכען וואָס אימיצער (אָדער ער אליין) האָט איבערגעלייענט איז פון דעם ארויסגעקומען אָט די היציגע און באמת אינטערעסאַנטע דעבאַטע... יאָ, ס'קאָן זיין, אַז זיי אליין האָבען שוין פאַרגעסען פון וואָס דער שמועס האָט זיך אָנגעהויבען ביי זיי, אָדער זיי מאַכען זיך אַז זיי האָבען כלומרשט פאַרגעסען...

איך בין געוועזען זיכער, אַז יעדער איינער פון זיי האָט שוין מיינע עסייען געלייענט, און מיט דעם געשפּרעך מיינט יעדער איינער בלויז זיך און אַנדערע צו פאַררייידען די ציין, אַז מ'האָט כלומר'שט פאַרגעסען אַז זיי האָבען נעכטען צי היינט, איבערגע־לייענט אַזעלכע דריי „שעדעווער"ס" פון איינעם פון די יונגסטע שרייבער, וואָס איז נעלם געוואָרען אויף דריי יאָהר און האָט גאָר פּלוצים ווידער אַ שיין געטאָן...

און איך האָב ביי זיך, טיף אין זיך אריינגעטראַכט, אַז ניט איינער פון זיי מוז טראַכטען וועגען מיר, אַז ניט אומ־זיסט האָט ער זיך אַזאַ פּסעוודאָנים צוגעטראַכט: „הימעלשיין". ער וויל שיינען ווי דער הימעל און דאָס האָט זיך איהם יעצט איינגעגעבען מיט די דריי עסייען... און וואָלט כאָטש איינער

פון זיי זיך אָפּגערופן: אָט, הימעלשיין, איך האָב געלייענט אייערע עסייען... פאַר וואָס מוט עס קיינער ניט פון זיי... אַ סברא, אַז קיין איינער פון זיי האָט נאָך ניט געלייענט? ניין, דאָס קען ניט זיין... אַלע האָבען שוין געלייענט... און דער, וואָס דעבאַטירט אַזוי קלוג און היציג, דער האָט אודאי און אודאי געלייענט... איך בין געוועזן זיכער, אַז נאָר אונטער'ן איינדרוק פון מיינע זאַכען, וואָס ער האָט איבערגעלייענט, האָט ער עס אַריינבאַקומען אָט דעם שטאָף צו ריידען און צו אַמפּערען זיך... און אויף דעם טאַקע האָט מיך פאַרדראָסען מעהר ווי אויף אַלע איבעריגע... אַז דו ביזט יאָ אַזאַ חכם און שעצסט אַזוי הויך דעם אמת'ן קינסטלער, געה צו, אָדער געה ניט צו, זאָג פון דער ווייטען: הימעלשיין, איך האָב געלייענט אייערע דריי עסייען. גוט, אויסגעצייכענט! (איך וואָלט זיך אפילו באַנוגענט מיט די ווערטער הגם איך מיין, אַז מיר קומט פאַר זיי גרעסערע שבחים). פאַר וואָס לאָזט מען מיך זיצען, ווי איך וואָלט אַ זייטיגער געווען, ווי איך וואָלט זיך גאָר ניט אָנגעקערט מיט דעם וועגען וואָס זיי דעבאַטירען...

די דעבאַטע איז ווייטער אָנגעגאַנגען. אַ פּאָר זייעריגע זיינען נאָך אַלץ ניט געוועזן איינשטימיג מיט איהם און האָבען נאָך אַלץ געקעמפט געגען זיינע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען, און ער האָט אַלץ נייע און נייע אַרגומענטען געבראַכט און משלים, כדי צו באַפעסטיגען זיינע מיינונגען. און אויפלעצט האָט ער גע־בראַכט אַזאַ ביישפּיל:

— וואו איז גרינגער, וועל איך ביי אייך פרעגען, זיך אויס־צוקלייבען אַ בוקעט בלומען, אין אַ קליינעם בלומען געשעפט, צי אין אַ גרויס געשעפט פון בלומען? פון צופיל פאַרבען קענסטו אמאָל אַזוי צעטומעלט ווערען, אַז דו קלייבסט אויס דוקא ניט דאָס שעהנסטע... פונקט דאָס זעלבע, קאָלעגען, קומט פאָר ביים גרויסען קינסטלער; פון צופיל עשירות קלייבט ער אמאָל אָפּ דאָס שוואַכערע און אמאָל דאָס ערגסטע...

און איך האָב נאָך אַלץ געוואַרט עמיצער זאָל מיר זאָגען אַ גוט וואָרט וועגען מיינע עסייען... ס'קען זיין, אז ווען מ'וואָלט גערעדט וועגען פערד־רייסעס אדער וועגע פּאָליטיק, וואָלט איך ניט געווען אזוי פאַר'עקשנ'ט אין מיין ווארטעניש דאָ, אָבער אז מ'רעדט דאָך פּאָרט וועגען קונסט און קינסטלער, האָט עס גע־מיינט דאָס זעלבע ווי איינער וואָלט געשטאַנען אונטער איינעמס אַ טיר, וואָלט זי ארומגעטאפּט פון אַלע זייטען נאָר אָנצוקלאַפּען און אריינגעהן צו יענעם, הינטער וועמעס טיר ער שטעהט און טאַפּט, האָט ער פארגעסען...

איך האָב שוין געהאט אויסגעטרונקען צוויי גלעזער טיי און אויסגערויכערט ביי אַ האַלב צעהנדליג פּאפּיראָסען און האָב שוין אפילו אַ וואונק געטאָן צום וועיטאָר ער זאָל מיר געבען אַ טשעק און אויב דאָס מיינט נאָך ניט, אז איך האָב שוין געהאַל־טען ביי פארלאָזען די קאַפּע, האָט עס שוין אַלענפאַלס ניט גע־האַלטען ווייט דערפון, איז דאָ, צו דער צייט וועגען וועלכער ס'רעדט זיך, אריינגעקומען דער זעהענדיגער, וואס זעהט מיט'ן „זעהענדיגען", וואס זעהט ניט...

ווי דער שטייגער זייערער, זיינעןביידע געבליבען שטעהן ביי דער טיר, און דער זעהענדיגער, וואס זעהט האָט דעם „זע־הענדיגען" וואס זעהט ניט, אריינגערוימט אין גרויסען מילכיגען אויער אריין ווער ס'זיצט אין קאַפּע, און גלייך נאָך דעם האָט זיך געלאָזט הערען מינץ'ס שטימע:

— העללאָו הימעלשיין!

— העללאָו, מיסטער מינץ!

און צוגעגאַנגען מיט יענעמס צופיהרעניש, און מיט זיין גאַנג צו מיר האָט ער, מינץ, מיר אויסגעשטרעקט די האנט און געזאָגט:

— הימעלשיין, איך גראַטוליר אייך!... איך האָב אַ גרוי־סען גענוס געהאט לייענענדיג אייערע זאַכען... איך דאנק אייך זעהר, טייערער הימעלשיין... איך קוק שוין מיט אומגעדולד אַרוים אויף נאָך עפּעס אייערס.

און נאָך אמאָל אויסגעשטרעקט די האַנט זיינע, האָב איך מיין האַנט אין זיינע אריינגעשטעקט און ער האָט זי געדריקט, מיין האַנט, און געטרייסעלט, און דער זעהענדיגער איז דערביי געשטאַנען און דאָס צוגעקוקט, ווי בלויז צוליב דעם ער זאָל קענען, ווען ס'וועט אויסקומען, עדות זאָגען, אז ס'האָט זיך געפונען איינער אַ מענש, וואָס האָט מיר אַ גוט וואָרט געזאָגט און דער גוט וואָרט זאָגער איז געוועזן ניט קיין אַנדערער ווי מינץ...

— און אייך געפעלען זיי אויך? — האָב איך ביי דעם זע־הענדיגען אַ פרעג געטאָן.

ער האָט ברייט און גוטמוטיג אַ שמייכעל געטאָן, דער זעהענדיגער, און דער „זעהענדיגער", וואס זעהט ניט, האָט פאר איהם געענטפערט:

— . . . וואָס אַרט אייך... אז מיר געפעלט, געפעלט איהם שוין אויך...

לענגער אַ מינוט פאַרבלייבען אין קאפע האָב איך שוין ניט געקענט... אַ שוידערליך אומעט האָט דאָס גאַנצען וועזען מיינס דורכגענומען... איך האָב איינס און צוויי ארויפגעכאַפּט אויף זיך דעם מאַנטעל מיט'ן הוט און זיך ארויסגעכאַפּט אין דרויסען און געזעהען פאַרבייפאָהרען אַ „טעקסי" פול אָנגע־פאַקט מיט מענשען, האָב איך אַ צעטומעלטער געגעבען אַ שטרעק אויס אַ האַנט און אויסגעשריגען:

— טעקסי!

אונטען, נאָך דער, איז אָנגעפאָהרען אַ ליידיגע טעקסי, וואס האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט און צעעפענט פאַר מיר די טיר, און אויף זיין פראַגע וואוהין, האָב איך איהם געזאָגט:

— פאָהר!...

און ווי ער וואָלט שוין ניט דאָס ערשטע מאָל אָנגעטראָפען אַזעלכע פאַרשוינען, האָט ער מעהר גאָרניט געפרעגט און זיך אוועקגעלאָזט אין פאָהרען אריין...

ניט געוואָלט און ניט געקענט ערגעץ זיין און פאָהרענדיג אין דער מאַשין, בין איך געווען אונטער'ן איינדרוק אז איך בין אין ערגעץ ניט... זיך פאררוקט אין א ווינקעל, בין איך געזעסען מיט מיין איינזאַמקייט, און אינ'ם טרייסלען וואָס האָט מיך גע־טרייסעלט אין דער מאַשין האָב איך געהאַט א נעפּעלדיגע פאָר־שטעלונג, אַז איך געפין זיך אויפ'ן שוים פון מיין איינזאַמקייט און אז דאָס וויגט מיך און טרייסעלט מיך...

איך האָב ניט געקוקט און ס'האָט מיך ניט אינטערעסירט וואוהין דער טרייבער טרייבט די מאַשין... איך האָב נאָר פון צייט צו צייט, ניט ווילענדיג, א קוק געטאָן אויפ'ן טעקסי מעטער און געזעהן ווי ס'שפּרינגען און וואקסען די פינף־סענטיגע...

מאָדנע געדאנקען האָבען זיך געוואָרפען אין קאָפּ אריין... איך האָב געטראַכט: אָט אַ שטייגער, ווען איך נעם זיך דאָ דאָס לעבען און בלייב מיר אזוי זיצען ווי איך זיץ, און יענער דאר־טען אין פראָנט האַלט אין איין טרייבען די מאַשין... א שעה, אנדערהאַלבען שעה, צוויי שעה... ביז ענדליך ס'ווערט איהם, אָט דעם מאַשין־טרייבער, נמאס אָט דאָס פאהרען גלאַט אין דער וועלט אריין . . . קוקט ער זיך אום אויף זיין פּאַסאַזשיר און באמערקט גלייך ווי דער זיצט עפּעס ווי... ווי איינער וואָס זיצט און ווייסט ניט אז ער זיצט... און ווייסט ניט אַז ער פאָהרט, ווי איינער וואָס האָט אינגאַנצען פארגעסען אז ער לעבט אויף דער וועלט... גיט ער „איהם" עפּעס א פרעג, ניטאָ קיין ענטפער... פרעגט ער נאָך אמאָל, שווייגט מען אַרויס פון דעם ווינקעל ארויס... דער פארשוין שווייגט אַרויס פון זיין זי־צען און פון זיין שווייגען...

און ווייטער געטראַכט: וויפיל באַדאַרף עס דען א מענשען צוטרעטען צום הארצען, אז ער זאָל דעם מאַשין־טרייבער אָפּטאָן אזא שפּיצעל... מענשען האָבען אַ גרויסען טעות ווען זיי מיי־נען, אז גאָט ווייסט ווי ס'בעדאַרף צושפּארען א מענשען ער זאָל באַגעהן זעלבסט־מאָרד... דאָס איז א ריין אינדיווידועלע

זאַך... איינער קען זיך אַ מעשה אָנטאָן איבער אַ גאַנץ ניט וויכטיגער אורזאַך און אַ צווייטער וועט עס אונטער קיינע אומ־שטענדען ניט טאָן... אָבער אין איין זאַך בין איך געווען זיכער, אַז אויף דער גרעסער ווייסער וועלט געפינט זיך ניט קיין איין ציוויליזירטער מענש וואָס זאָל איהם כאָטש איינמאָל אין זיין לע־בען ניט האָבען דורכגעגאַנגען אַ געדאַנק וועגען זעלבסט־מאָרד און זעהר אַ ניט־באַדייטענדע צאָהל פאַרווירקליכען דעם געדאַנק זייערען... ווייל דער איינפאַל וועגען זעלבסטמאָרד מיינט נאָך ווייט ניט אַז ער זאָל נעמען פאַרווירקליכען דעם איינפאַל... פונקט פאַרקערט... ס'מיינט גאָר עפּעס אַנדערש, ס'מיינט אַז אויב דיר איז אָנגעשוואָלען אויפ'ן הארצען, אויב דו לעבסט איבער אַ שלעכטען מאָמענט, קומט דיר אַרויף אַ געדאַנק וועגען טויט און דערמיט ווערט שוין די פאַרצווייפעלטע לאַגע דיינע געלינדערט... ס'איז פונקט ווי מ'כאַפּט אַ שניט אין לייב קומט באַלד דאָס בלוט צוהילף און ראַטעוועט דאָס פאַרוואונדעטע אָרט, אַזוי איז דאָס אין מענשענס גייסט... ווען אַ מענש באַ־קומט אַ שווערען גייסטיגען קלאַפּ, וואָס איז זעהר פּיינליך איי־בערצוטראָגען, קומט דיר אַריין אַ געדאַנק וועגען זעלבסטמאָרד. אָבער דאָס מיינט ניט, אַז ס'מיינט טאַקע דאָס... ס'מיינט בלויז צו ראַטעווען דיך און פאַרגרינגערען דיין לאַגע... ווייל ס'איז יעדען איינעם באַוואוסט, ווען ס'איז אין מינוטען פון פאַר־צווייפלונג איינגעפאַלען אַ געדאַנק וועגען זעלבסט־מאָרד, אַז ער האָט גלייך דערפיהלט אַ פאַרגרינגערונג. און אָט איז מיר אַליין, זיצענדיג און טרייסלענדיג זיך אין דער מאַשין, איינגע־געפאַלען אַ געדאַנק וועגען זעלבסטמאָרד און איך האָב גלייך דערשפּירט אַ פאַרלייכטערונג... און איך האָב טיף אַריינגע־טראַכט וועגען דעם ווי קלוג אונזער אונטערבאַוואוסטזיין איז... אַז ביי אונזער גאַנצער חכמה וואָס מיר שטעהען יעצט און וואָס מיר וועלען שטעהן אין אַ טויזענט יאָהר אַרום, וועלען מיר מיט אונזער גאַנצען באַוואוסטזיין זיך ניט דערגרונטעווען צו דער גרוי־

סער, טיפער חכמה פון אונזער אונטערבאוואוסטזיין... אונזער גאַנצע באוואוסטזיניגקייט איז בלויז א ווייטע אפשפיגלונג פון אונזער אונטערבאוואוסטזיין... ס'איז פונקט ווי צו דיר אין הויז אריין וואָלט אריינגעפאַלען אן אָפּשפּיגלונג פון אנטקעגענדיגען פענסטער אין וועלכען ס'שיינט אריין די זון... פונקט אזוי ווייט ווי ס'איז ניט איין און די זעלבע שיין וואס דאָס אנטקעגענדיגע פענסטער באקומט דירעקט פון דער זון ביז דער שיין, וואס דיין פענסטער באקומט פון יענעם פענסטער, אזוי ווייט איז דער אונ־טערשיד פון דיין „איבערשטען" באוואוסטזיין ביז'ן אונטער־באוואוסטזיין...

עס פארשטעהט זיך, אז פונקט אזוי ווי מ'שטאַרבט אמאָל פון צופיל בלוט פארלוסט, פונקט אזוי שטאַרבט איינער פון זעלבסטמאָרד... דאָס מיינט, אז פונקט אזוי ווי דארטען איז דער „רעטער" אזו לאַנג געלאָפען ראַטעווען דעם פארוואונדעטען ביז וואנעט דער פארוואונדעטער שטאַרבט דורך דעם, וואס ער האָט פארלוירען א גרויסע מאָס פון זיין בלוט, וואָס האָט איהם ראַטעווען געוואָלט, אזוי באהערשט אמאָל איינעם אזוי ווייט און טיף דער געדאנק וועגען זעלבסטמאָרד, אז דער רעטער ווערט אליין דער משחית... אָבער דער געדאנק איז אפילו אין דעם פאַל אויך ניט שולדיג, פונקט אזוי ווי דאָס בלוט, וואס איז גע־לאָפען צו דער וואונד האָט געמיינט צו ראַטעווען דעם „בעל הבית" וואס האָט די געפעהרליכע וואונד געקראַגען, אזוי האָט געמיינט דער געדאנק וועגען זעלבסט מאָרד צו ראַטעווען דעם „פאַציענט" זיינעם פון דער גייסטיגער וואונד וואס „ער" האָט געקראַגען...

נו, ווי דאָס זאָל ניט האָבען געווען, האָב איך דערפיהלט אַ שטאַרקע, שטאַרקע פארלייכטערונג, און פונקט ווי דו געהסט אַרויף אויף אַ הויכען באַרג זעהט דיר אַלעס אויס פון הינטען אַרויף קליין און פיצעלדיג, אזוי האָט מיר אַלעס וואס האָט מיר אויסגעזעהן פריהער מיט א שעה און מיט צוויי אזוי ערענסט

און וויכטיג, האָט פארלוירען די גאנצע ערענסטקייט און וויכ־טיגקייט אנטקעגען געדאנק וועגען טויט... שרייב יא, שרייב ניט, שרייבט גוט, שרייב שלעכט, צי ווערסטו געלויבט, צי ווערסטו איגנאָרירט, הכל הבל... שטארבען איבער דעם לוינט זיך ניט. ס׳הייסט טאַקע דער זעלבער געדאנק, וואָס האָט מיר צוגערעדט צו זעלבסטמאָרד האָט מיר געבראכט צו א צווייטען געדאנק (איי־גענטליך איז דאָס איינער און דער זעלבער) אז... אויב ס׳איז ניטאָ איבער וואס צו לעבען איז שוין אודאי און אודאי ניטאָ איבער וואס צו שטארבען...

דער טעקסי־מעטער האָט שוין געוויזען אז איך בין שוין „אָפּ־געפאָהרען" אויף פיר דאָלאר; איך האָב אָנגעקלאפּט אין גלאָז אריין און געזאָגט דעם פיהרער מיינעם די גאַס און דעם נומער פון הויז וואו איך וואוין...

פעברואר 26.

תחילת אוועגט זיך אריינגעכאפּט צו מיין ברודער, איהם ניט געטראָפען, בלויז מיין שוועגערין, וואס איז געזעסען ביים געגרייטען טיש און געווארט אויף איהם מיט׳ן „סאַפּער". זי האָט זיך דערפרעהט מיט מיר און, וויסענדיג איהר באַציהונג צו מיר, האָב איך פארשטאַנען, אז מסתמא איז דער ברודער שוין זעהר צופרידען מיט מיר.

— וואו איז מארטין?

זי האָט מיר געענטפערט, אז וואו ער איז ווייסט זי ניט, זי ווייסט בלויז אז ער בעדארף זיך יעדע מינוט אָנכאפּען, און אויף איהר פראַגע צי וועל איך געהן מיט זיי עסען, האָב איך גע־ענטפערט:

— ס׳איז מיר אַלץ איינס...

און הגם דאָס האָט דאָך באלאַנגט צום עסען בלויז אָט

דער „אַלץ איינס" מיינער, האָט זי זיך דאָך געכאַפּט, די שווע־גערין מיינע, אַז עפּעס איז שוין ווידער מיט מיר ניט אין דער בעסטער אָרדענונג און זי האָט שוין געביטען דעם פריינד־ליכען אויסדרוק איהרען און איך האָב פאַרשטאַנען די סבה: „אויב, הייסט עס, דו שוואָגעריקעל מיינער, כניקעסט שוין ווי־דער וועט מיין מאַן שוין ווידער האָבען צרות פון דיר".

אין אַ צעהן מינוט אַרום האָט זיך מיין ברודער אַריינגעוויזען און מיך דערזעהן האָט ער אויפגעשיינט.

— נו, ווי פיהלסטו עפּעס, סקעפּטיקער מיינער?

— . . . דאָס זעלבע. . .

— וואָס מיינסטו, דאָס זעלבע?...

— דאָס זעלבע!...

— ווייס איך!... וועסט מיר ניט דערצעהלען קיין מעשיות... דאָס מאַכסטו בלויז אַזאַ אָנשטעל...

ניט געוואָלט מאַכען קיין לאַנגע צערעמאָניעס, האָב איך גע־זאָגט צו איהם:

— ברודער לעבען, איך ווייס אַלעס...

אויף אַ ווײַלע האָט זיך דאָס פּנים זיינס פאַרוואָלקענט... ער האָט זיך אָבער קענטיג באַהערשט און געזאָגט:

— נו, אפילו אַז אַזוי, איז וואָס?

— . . . יע, ס'איז אַלץ איינס...

— וואָס מיינסטו, אַלץ איינס?...

— וואָס ווילסטו? דו ווילסט דען ס'זאָל זיין ניט אַלץ איינס?...

געזעהן אַז ער פאַלט אַריין אין אומעט און אין יאוש, האָט מיר פאַרקלעמט ביים האַרצען און בין אַרויס מיט אַגאַנצען מאָנאָ־לאָג:

— ברודער לעבען, איך שעץ אָפּ די געטריישאַפט דיינע און דיין איבערגעבענקייט צו מיר... איך וואָלט שוין צוליב דיר

אליין, דיר צוליב בעדארפט נעמען צוריק די פען אין האנט אריין און בין שוין טאקע גרייט געווען דאס צו טאן... אבער ביי מיין בעסטען ווילען, ברודער, איז דאס אוממעגליך... ניין, איך האב גאר קיין ווערטער ניט איבערצוגעבען... איך בין צו עמפפינדליך... פארשטעהסט, איך קען ניט... ס'איז דאך א גליק וואס ס'איז דא א בלינדער מינץ אויף דער וועלט... איז פון איהם בלויז, פון איהם קענסטו הערען א גוט ווארט... ווייטער פון קיינעם ניט... ווייטער זיינען אלע זעהענדיגע שטום... פארשטעהסט, ברודער... קענסט זיין פון ווייטען פון זיי, ווען דו שרייבסט ניט... נאר שרייבסטו, מוזטו קומען אין זייער סביבה אריין, און קומסטו, איז דאס אן אמת'ער חיבוט הקבר... ניין, ס'איז ניט איבערצוגעבען, ס'איז שרעקליך... אין אזא אטמאס־פערע איז דאס אוממעגליך... קענסט זיך ניט אוועקזעצען אין דרויסען אין א צעהן־פופצעהן גראדיגען פראסט שלאגען פוטער... דו מוזט פיהלען ארום זיך א ווארעמע אטמאספערע... כ'ווייס ניט, אפשר פאר דעם, וואס האט שוין הארטע, שטייפע ליטע־ראַרישע ביינער, זיי ארט עס שוין ניט, אבער פאר מיר? און אפשר, אפשר איז דאס דערפאר וואס איך פארמאג ניט אין זיך גענוג קינסטלערישען פייער איך זאל קענען דאס אלעס איבער־ברענגען אין זיך און ווארעמען ביי מיין אייגענער ווארעמ־קייט פון קינסטלערישען פלאם... וואס דארטען די אורזאך זאל ניט זיין, פון נעכטען אן האב איך איינגעזעהען, אז ס'איז אומ־מעגליך... אז מיט זיי איז פיל, פיל ערגער ווי אהן זיי, ס'מיינט אז מיט זיי און שרייבען איז פיל ערגער, ווי אהן זיי און ניט שרייבען...

מיין ברודער האט זיך אוועקגעזעצט ביי א ברעג טיש, אוועקגעשטעלט דעם עלענבויגען און אנגעשפארט דעם קאפ... ער האט אפילו ניט באוויזען ארפצואווארפען דעם אויבער־ראק און דעם הוט, אט אזוי, אזוי ווי ער איז פון גאס אריין, אזוי האט ער זיך באזעצט ביי א שפיץ פון טיש, ווי א פרעמדער אין א פרעמ־

דער שטוב, אָדער ווי אַן אייגענער, וואָס ווען ס׳טרעפט איהם א גרויס אומגליק אין הויז, דערפיהלט ער זיך פרעמד צווישען זיינע אייגענע פיר ווענט.

— איך וויל דיר ניט זאָגען, ברודער, אַז ס׳איז ביי מיר ניט טייער און ליב די מיה דיינע און די גאַנצע אָנשטרענגונג מיך צוריק ארויפפיהרען אויפ׳ן וועג פון וועלכען איך בין אַראָפּ און איך בין זיך מודה ומתודה, אַז ס׳איז ביי מיר געווען אַ גרויסע, גרויסע פרייד ווען איך האָב דערזעהן מיינע עסייען אָפּגעדרוקט... נאָר נעכטען, דאַרטען אין קאַפע זיצענדיג, האָט מיך ווידער ארומגעכאַפּט א געפיהל פון פאַרניכטונג און פאַרדערבונג, דאָס זעלבע געפיהל און נאָך אין א שטאַרקערער מאָס, ווי ס׳האָט מיך ארומגעכאַפּט מיט דריי יאָהר, און מעהרער, צוריק... פאַרהאַן אַזעלכע פייגלען, וואָס פאַרניכטען אַליין די אייער זייערע וואָס זיי לייגען... אַזאַ געפיהל האָב איך געפיהלט, פאַרניכטען, פאַרדאַרבען וואו ערגעץ אַ צייטונג און א ביכעל וואו עס איז ערגעץ מיינס אַ זאַך געדרוקט.

מיין ברודער האָט זיך לאַנגזאַם אָפּגעדרעהט פון מיר, האָט זיך אַזוי לאַנג געדרעהט און געקערעוועט ביז ער איז געבליבען צו מיר מיט דער פּלייצע און דאָ האָב איך געהאַט די פאַרשטעלונג, אַז אַט די אַלע דורות פון וועלכע מיין ברודער רעדט אַזוי אָפט, אַז אַט די אַלע דורות וואָס האָבען באַדאַרפט (נאָך מיין ברודער נאָך) אויפגעלייזט ווערען דורך מיר, האָבען זיך אין מיין ברודער פאַרקערפּערט, זיך אָפּגעווענדט פון מיר, זיך אויסגעדרעהט צו מיר „מיט׳ן הינטען", אַ וואַנט מיט פּלייצעס פון דור דורות האָט זיך אוועקגעשטעלט צו מיר מיט רוגז, מיט משפחה־רוגז און מיט משפחה אָפּגעפרעמדקייט אויף תמיד און אויף אייביג ברוגז און פרעמד צו בלייבען... און איך האָב מיך דערפיהלט אַזוי איינזאַם און עלענד ווי איך וואָלט פון א שטיין געבוירען געוואָרען...

פעברואר 28.

נעכטען א גאנצען טאָג דורכגעקוקט דעם טאָג־בוך און בין ארוים מיט אן איינדרוק אז מיט אומשטערבליכקייט בין איך שוין פארזאָרגט... אויב ער איז אפילו ניט אזוי גוט, ווי איך מיין, איז דאָס אלענפאלס א שטיקעל ארבייט וואס וועט האָבען א לענגערען קיום אויב ניט אין מיין זכות איז אין זכות פון די העלדען וואס איך באהאנדעל דאָ... ס'איז א גאנץ ראדיקאלער מיטעל צו באוואָרענען זיך מיט אומשטערבליכקייט צו נעמען און אָנשרייבען עפּעס וועגען אומשטערבליכע... עס בלייבט בלויז א פראגע ביז וואנעט אָט די פארשוינען מיינע וועלען בלייבען אומשטערבליך...

איז וואָס זאָל איך יעצט טאָן, איהם ארויסגעבען? און נאָכדעם וואָס? ...

ס'איז אזוי מאָדנע וואָס דער זעלבסטמאָרד געדאנק איז ווידער אָנגעשפּרונגען.. ווי ניט ערנסט אָט די זעלבסטמאָרד געדאנקען זיינען אָן־און־פאר־זיך, ווי ביי דער מינדעסטער פארלעגענהייט איז ער דאָ... דאָס מאָל נאָך געקומען באוואפענט מיט אן ערענסטער אורזאך, ס'הייסט, אז איך האָב א וויכטיגע אורזאך דאָס צו טאָן נאָך דעם, וואס מיין טאָג־בוך וועט ערשיינען... אָט הייסט עס, אזוי און אזוי, און דערפאר און דערפאר...

צי ס'לוינט זיך... דאָס איז א ריין אינדיווידועלע פראגע... פאר איינעם קען זיך עס לוינען, פאר א צווייטען ניט... בכלל ווען ס'קומט צו דער פראגע וועגען זעלבסטמאָרד, ווער איך מטושטש... נאָך דעם אלגעמיין אָנגענומענעם באגריף, אז בכדי צו באגעהן זעלבסטמאָרד מוז דער זעלבסט־מערדער האָבען גאנץ ערנסטע סיבות דערצו, איז ביי מיר ניטאָ אזא ערענסטע סיבה איך זאָל עס טאָן... איך אליין אָבער דענק, אז ס'איז ניט קיין מוז דוקא גאנץ ערענסטע סיבות, ס'קען זיך איינער נעמען דאָס

לעבען איבער א גאנץ ניט וויכטיגער סבה... איך זאָג דאָך, ס'איז א ריין אינדיווידועלע זאך... פונקט ווי עס זיינען פארהאַן מענשען, וואס זיינען נאָך זייער פיזיאָלאָגישען צוזאמענשטעל גענייגט צו געוויסע קריינקען, אזוי זיינען פארהאַן מענשען, וואס זיינען נאָך זייער פסיכישער קאָמפּליצירטקייט גענייגט צו באגעהן זעלבסטמאָרד, און אזעלכע דארפען גאָרניט האָבען קיין אויסער־געוועהנליך טראגישע סיבות, וואָס זאָל זיי טרייבען דערצו... דערפאר אליין קען איך שוין צו דער פראגע אזוי ניט צוגעהן, צי ס'לוינט זיך מיר צו שטארבען, צי ניט... אויב איך בין נאָך מיין קאָמפּליצירטקייט גענייגט צו אזא טאַט, איז קען דאָס זיין א גענייגענדע אורזאך...

נו, לאָמיר א ווייַלע רעכענען אז יאָ, אז איך וועל עס יאָ טאָן... טאָ וואס בעדארף איך זיך פארנעמען דער־מיט? אז איך וועל שטארבען וועלען זיך שוין געפינען מענ־שען וואס וועלען זאָרגען פאר דעם... וואָלט איך אָבער זעהר גע־וואָלט וויסען דעם איינדרוק, וואס דער טאָג־בוך וועט מאַ־כען... הגם ניט דער זעלבער איינדרוק, וואס ער וואָלט געמאכט נאָך מיין טויט... דאָס איז צוויי גאנץ באזונדערע זאכען... איז וואָס זאָל איך איהם טאקע אליין ארויסגעבען?... בלויז אין דעם פאַל, אויב איך וועל אָננעמען דעם פעסטען באשלוס צו בא־געהן זעלבסטמאָרד אלס קינסטלער... און... טאקע צושרייבען א שטיקעל פאָררעדע: „היות, דאָס איז מיין לעצטער ליטעראַרישער אָטעם־צוג, איז דעריבער האָב איך באשלאָסען ארויסצוגעהן מיט דעם ווערק און זאָל די וועלט וויסען פארוואס איך באגעה אָט דעם קינסטלערישען זעלבסטמאָרד איבער זיך."

יאָ, דאָס איז דער בעסטער וועג... אי באגעהן זעלבסטמאָרד, אי בלייבען לעבען... דער איינציגער אונטערשיד באשטעהט בלויז אין דעם, וואס ווען איך וואָלט געשטארבען ווי אלע מענשען, איך מיין צו זאגען, ווי אלע זעלבסטמערדער, וואָלטען אנדערע שוין געזארגט דערפאר, אז מ'זאָל דעם בוך ארויסגעבען. אזוי ווי

אָבער איך שטאַרב בלויז אָפּ גייסטיג (פאַר דער וועלט, הייסט עס), וועט קיינער וועגען דעם ניט זאָרגען... ווייל אַזוי לאַנג, ווי איך וועל לעבען און זיין געשטאָרבען, וועט קיינעם ניט אָנגעהן ניט מיין לעבען און ניט מיין „טויט”, איז דערפאַר מוז איך, אויב איך האָב באַשלאָסען בלויז אַ העלפט אָפּצושטאַרבען, מוז איך אַליין זאָרגען אַז דאָס בוך זאָל אַרויס אויף דער ליכטיגער שיין... ווייל ס'איז דאָך אַזוי: מה־דאָך איינער שטאַרבט וויל ער זיך באַוואָרענען אויף נאָכ'ן טויט, כדי צו לאָזען נאָך זיך אַ שטיקעל איינדרוק, וויל איך דאָך, וואָס וועט בלייבען צווישען די לעבעדיגע, אודאי און אודאי מ'זאָל מיך האָבען צו געדענקען... אמת, טאַקע, אַז איך האָב וועגען דעם ניט געטראַכט, ווען איך בין צוגעטראָטען שרייבען דעם טאָג־בוך, און די גאַנצע צייט אפילו ניט אין זינען געהאַט איהם אַרויסצוברענגען אויף דער ליכטיגער שיין. נו, איז וואָס, איז דערפאַר?..

און אפשר זאָל איך גאָר אַנטלויפען פון מענשען?... איך מיין דאָס ניט אין שפּאַס, ווי ס'מיינט צו שפּאַסען און צו קאָקעטירען דער זעלבסטמאָרד געדאַנק... ס'בלייבט בלויז צו אַנאַליזירען די פראַגע ווי ווייט קען אין דער ווירקליכקייט אַ מענש זיין איזאָלירט פון מענשען? איך מיין ניט בלויז אין שטח, איך מיין צי קען ער מיט זיין גייסט זיך אָפּשיידען פון זיי... איך מיין, אַז אַזאַ אינדיווידועלע פערזענליכקייט איז ניט בנמצא... אויב דו אַנטלויפסט אפילו פון דער מענשליכער געזעלשאַפט איז, צי דו ווילסט עס, צי ניט, פאַרשלעפּסטו מיט זיך די הויקערס וואָס די מענשהייט האָט אין דיר אַריינגעסטעמפּעלט... זיין אַבסאָלוט איזאָלירט פון מענשען וואָלט געמיינט אויסצוטראַכטען פאַר זיך דאָרטען אין דיין איינזאַמקייט, נייע פאָרמען, נייע דרכים אין דיין לעבען, און אויב ניט... אויב ניט, איז דאָס זעלבע ווי אַ קעמעל אַשטייגער וואָלט רעוואָלטירט אַנטקעגען די שווערע משאות, וואָס מ'האָט אויף איהם אַרויפגעלייגט און אַנטלויפט אין דער מדבר אַריין... יאַ, אָבער די הויקערס וואָס זיינען איהם

געגעבען געווארען פון דער נאַטור צו טראָגען שווערע משאות, ביי די הויקערס איז ער געבליבען... דאָס קען ער פון זיך ניט אראָפּוואַרפען...

אלזאָ, פון דעם איז אפּגערעדט... בלייבט פאַר מיר אויס־צוקלייבען איינעם פון די צוויי מיתות... נו, זיכער וועל איך אויסקלייבען דעם טויט איבער'ן קינסטלער, ווי שווער דאָס איז מיר אָט דעם טויט אורטייל ארויסצוטראָגען, איז מיר דאָך גרינ־גער דעם אורטייל אויסצופיהרען ווייל איך האָב מיך שוין איינ־געלעבט מיט איהם... הגם יענער אורטייל איז אויך ניט אזוי שווער ווי מענשען שטעלען זיך עס פאָר... אמאָל האָב איך געקוקט אויף זעלבסטמערדעריי ווי אויף איינע פון די טראגיש־סטע פּאַסירונגען אין לעבען, היינט האָב א גאַנץ אַנדער בליק אויף דעם... איך זעה אין דעם איין, אָט ווי דאָס זאָל ניט אויסקומען מאָדנע, א נאָהענטע מחותנ'שאַפט מיט שווישפּילעריי... און אפשר ווען מ'וואָלט זיך טיפער ארייגעטראכט וואָלטען מיר איינגעזעהן, אז דאָס גאַנצע לעבען אונזערס איז דורכגעפלאָכטען מיט שווישפּילעריי... מעגליך, אז שווישפּילעריי איז א צווייג פון אונזער לעבען און איז פאַר אונז פונקט אזוי נאַטירליך, ווי אנדערע ערשיינונגען אין אונזער עקזיסטענץ... און דערמיט מיינט עס, אז שווישפּילעריי איז ביי אונז א נאַטירליך געפיהל.. .און ניט נאָר ווען קיינער זעהט אונז ניט.. אין סך הכל זיינען מיר אלע „קינסטלער” ביודעים ובלא יודעים...

איך שטעל מיר פאָר, ווי עס זיצט א מענש ביים טיש, דער רעוואָלווער איז אָנגעלאָדען, גרייט, און ער דער מענש, זיצט און שרייבט בריוולאך צו באקאנטע און פריינד אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען...

איז דאָס ניט שפּיל? איך מיין טאַקע אמת'ע נאַטורליכע אפשר גאַנץ טראגישע שפּיל. אבער שפּיל איז דאָס!

און א מענש, וואס שטאַרבט אפילו מיט א נאַטירליכען טויט, און זאָגט אָן פאר'ן טויט מ'זאָל טאָן מיט איהם דאָס און

יענעם, אָדער פאַרקערט, מ׳זאָל מיט איהם גאַר ניט טאָן (איין און די זעלבע זאַך), איז וואָס איז דאָס?..

אָט האָב איך מיך דערמאָנט, ווי נאָך קינדווייז האָב איך געהאַט אַ גרויסען חשק צו שטאַרבען. צוליב וואָס? ווייל איך האָט געזעהן, אַז ס׳שטאַרבט ווער, קלייבט זיך צונויף דאָס גאַנצע שטעדטעל, און אַלע ריידען פון געשטאָרבענעם און ווי מ׳באַגלייט איהם; אין קורצען, ווי יעדער איינער איז פאַר׳עסק׳ט מיט איי־נעם, האָט זיך מיר צוליב דעם אַליין געוואָלט שטאַרבען... איז ווי ווייט אָט דער געדאַנק וועגען שטאַרבען, וואָס איז מיר יעצט אריינגעפאַלען, ווייט אַוועק פון די קינדער יאָהרען?... די שטרעבונג איז איין און די זעלבע און ס׳וואַקסט פון איין און דעם זעלבען מקור, פון דעם שוישפּילעריי געפיהל וואָס זיצט אין אונז...

פאַרשטעהט זיך אַז עס זיינען פאַראַנען נאָך פילע אורזאַכען אַ חוץ שפּילעריי וואָס פלאַסטערען דעם באָדען פאַר זעלבסט־מערדעריי; אַ גרויסע ראָלע שפּילט די גרויסע שטאָדט. אין אַ שטאָדט, וואָס איז באַזעצט מיט אַ סך מענשען, איז פיל גרינגער זיך צו נעמען דאָס לעבען ווי ווען דו געפינסט זיך אין אַ פאַר־וואָרפען ווינקעל ווייט פון אַ גרויס שטעדטיגען ישוב... ס׳איז מעג־ליך, אַז דער גרויסער מענשען ים שאַפט אין דיר אַזעלכע איינ־דרוקען, וואָס אַטראָפירט דעם פחד פאַר׳ן טויט, ווייל דער גרוי־סער מענשען־ים האַלט דיך ווייט אָפּגעצאַמט פון איהם און אויב דער פחד פאַלט אַוועק איז זעלבסטפאַרשטענדליך אַז ווען איינעם געהט עס אַזוי ניט גוט אין לעבען איז איהם ניט אַזוי שווער צו באַגעהן זעלבסטמאָרד, פּשוט און פּראָסט דערפאַר, ווייל דער טויט איז דאָ ניט שרעקליך...

און ס׳איז דאָך מערקווירדיג: ס׳איז דאָך פונקט פאַרקערט, אין דער גרויסער שטאָדט לויערט אויף דיר דער טויט פון אַלע ווינקעלאַך. קענסט אַלע טאָג, אַלע שעה און יעדער מינוט „איהם" געפינען, דאָ אונטער אַ מאַשין, דאָרטען אונטער די חלפים־גלאַנ־

ציגע רעדער פון א טראַמוויי, און דאָך ביזטו אונטער'ן איינדרוק אז אין דער גרויסער שטאָדט ביזטו ווייטער פון טויט ווי ווען דו וואלסט זיך געפונען ערגעץ אין א קליינעם, שיטער־באזעצטען ישוב...

אָט די געדאַנקען וואָס איך פארצייכען יעצט האָבען זיך מיר היינט געדרעהט אין קאָפּ, ווען איך האָב מיך אַרומגעדרעהט אויף דער „וויליאַמסבורג" בריק... איך האָב מיך דאָרטען ארומגעדרעהט א לאַנגע, לאַנגע צייט, גע־הערט ווי עס זיינען געלאָפען עטליכע „טריינס" אין א מינוט, און געפיהלט ווי דער באָדען טרייסעלט זיך אונטער מיר, און איינצייטיג געהערט די טראַכקעס פון אָט דער שווער און פלינק לויפענדיגער משא, און געהאָט האָב איך דעם איינדרוק, אז אָט דער טראַכקענדיגער טומעל פאראורזאכט שוין איינצייטיג אָט די טרייסלעניש...

פון צייט צו צייט זיך אפּגעשטעלט און געקוקט אראָפּ אין „ריווער" אריין און געזעהן, ווי ער פּליעסקעט זיך אין ענגשאַפט פון די האַרטע שטאָדטיגע ברעגעס און וואַרגט זיך מיט שמוץ און פעטקייט פון די שיפלאַך וואָס דרעהען זיך אויף הין און צוריק. און אויסגעזעהן האָבען זיי מיר, אָט די שיפען, ווי פארשאָלטענע ברואים, פון שטאָדט פארשאָלטען אויף „אימער" און אייביג שטאָדטיגע צו בלייבען, אייביג זיך ארומצודרעהען אין דעם שמאָלען פּאַס וואסער און קיינמאָל ניט צו זעהן די גרויסע ברייטע ימים. אויף אייביג פארשאָלטען צו דרעהען זיך אויף הין און צוריק, צו רויכערען, צו פייפען און צו שמור־ציגען...

## 2. מארט

איינגענטליך באלאנגט עס צום נעכטיגען טאָג, נאָר ניט גע־האָט ווען צו פארצייכענען, ווייל ס'איז שוין געווען שפּעט.

נאָך עלף אין אָוונט, ווען איך האָב מיך שוין געקליבען צו־געהן שלאָפען, האָט זיך דערהערט א שטילער קלאַפּ אין טיר, און אזוי גלייך ווי איך האָב זי געעפענט, האָב איך דערזעהן אַן אמת׳ן סיורפּריז פאַר זיך. מיין ברודער, מיין שוועגעריןָ, און אחרון אחרון — די „ביוטי״.

די לעצטע האָט זיך באַוויזען א ברייט־שמייכלענדיגע, א פאַרוואָרטע, און מיט א שעהמעוודיגקייט אין זיך אריין, און איז געבליבען שטעהן מיט יענער זעלטענער פרעמדקייט וואָס קען בלויז באַווייזען א כלה נאָך דער חופּה, ווען דער חתן און מאַן פיהרט איהר אריין דאָס ערשטע מאָל צו זיך אין הויז אריין, דאָס מיינט אין איהר הויז, וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן, און דאָך איז דאָס איהר... דאָס מיינט, אז זי פאַר־שעהמט זיך פאַר דאָס פרעמדע וואָס איז איהר אייגענס, אדער פאַר איהר אייגענס וואָס איז איהר פרעמד...

עפּעס עהנליכעס האָב איך באַמערקט אין דעם גאַנצען אויס־דרוק פון דער ביוטי... נאָר ווען א מיידעל קומט דאָס ערשטע מאָל אריין צו א בחור אין זיין גבול אריין, און זי האָט די פולע זיכערקייט, אז דער בחור איז זי שטאַרק, שטאַרק גערן, איז נאָר אין אַזאַ פאַל ווייזט דאָס מיידעל ארויס אַזאַ אייגענ־אַרטיגע פרעמדקייט.

מיין ברודער, אזוי גלייך ווי ער איז אַריין, האָט ער מיך א נעם געטאָן און א ציה געטאָן ביי אַ האַנט און געזאָגט:

— קום. מיר וועלען כאַפּען „אַ ראַיד״! ס׳איז זעהר גוט אין דרויסען איצט.

געבעטען זיצען און אָנגענומען מיט מיין גאַנצער כח גברא די ביוטי ביי א הענטעל, האָב איך זי צוגעפיהרט צו א בענקעל, און הגם זי האָט זיך ניט געזעצט, בין איך סיי ווי סיי גע־בליבען צופרידען וועיל מיט מיין דריקען די האַנט איהרע אין מיינער האָב איך איהר געגעבען צו פיהלען, אז דער באַגעהר מיינער זי צו באַזעצען איז ניט מעהר ווי א מאַסקע צו פאַרשטעלען אלע

איבעריגע פלאַמענדיגע באַגעהרען מיינע, וואָס פלאַמען אין מיר צו איהר...

— מיר וועלען זיצען אין דער מאַשין, — האָט די שוועגערין מיינע געזאָגט, קוקענדיג אויף מיר מיט אַזאַ קוק ווי זי וואָלט גע־טראַכט צו מיר אויפ'ן אָרט צו ריידען: „לעקיש איינער, וואָס דו ביזט, מ'האָט זי דאָך דיר אומיסטנע געבראַכט... דאַרטען וועסטו דאָך זיצען מיט איהר איינער אַליין".

פאַר דער צייט האָט מיין ברודער אַ קוק געוואָרפען אויפ'ן טיש און דערזעהן די דיקע העפטען, וואָס ליגען, און איינעם אַ צעעפענטען, וואו עס זיינען געווען פאַרצייכענט עטליכע נאָטיצען פון די לעצטע טעג, האָט ער אַ ברייטען אויפגעריסענעם בליק אויף מיר געוואָרפען און ביי מיר אַזוי כלאחר־יד אַ פרעג גע־טאָן:

— וואָס איז דאָס?

— אַ טאָג־בוך! — האָב איך קורץ געענטפערט.

— וואו דו פאַרצייכענסט דיינע משוגעת'ן?

— יאָ! — האָב איך אַן אויפגעלעגטער געענטפערט...

— מוז עס דאָך טאַקע זיין אינטערעסאַנט...

— יאָ... פאַר מיר זיכער!...

— און פאַר אַנדערע, ביזטו זיכער אַז ניט?...

איך האָב ניט געענטפערט און מיין ברודער האָט אַזוי פון וויטען געקוקט אויף די העפטען און האָט זיך אַזוי פאַרזיכטיג גערעדט:

— אַבי איך האָב געמיינט, אַז דו ריהרסט זיך גאָר צו דער פען ניט צו...

און נאָך אַ קורצער פויזע:

— נו, אַ דאַנקען גאָט דערפאַר...

— וואָס מיינסטו?

— אַבי דו שרייבסט איז שוין גוט...

— אפילו ניט צו דרוקען?...

— דאָס וועט שוין קומען פון זיך... צי דו קלערסט דעם טאָג־בוך אויך צערייסען?

— ניין! — האָב איך קאַטעגאָריש אויסגערופען — דאָ איז פאַרצייכענט אַלעם פון אָנהויב ביז'ן סוף פאַר וואָס און אַ דאַנק וואָס איך האָב געוואָרפען דאָס שרייבען...

— דאָס איז אינטערעסאַנט! — האָט מיין ברודער מיט אַ מאָדנער איינגעהאַלטענער פאָרזיכטיגקייט זיך אָפּגערופען — איך מיין, אז דאָס וואָלט אויך געווען אינטערעסאַנט פאַר דער וועלט... פאַר וואָס זאָל טאַקע די וועלט ניט וויסען פון דעם אַלעמען?...

אויך דאָ האָב איך דערזעהן, אז איך בין אריינגעפאַלען, אז די גאַנצע אונטערנעמונג פון דעם טאָג־בוך איז געווען בלויז „אַ טריק" פון דעם קינסטלער אין מיר... יאָ, ס'איז זיכער, אז דעם טאָג־בוך וועל איך ניט צערייסען, אז ס'וואָלט געווען דער גרעסטער אונזין דאָס צו טאָן, און אויב ניט צערייסען, איז ניט היינט, איז מאָרגען, אין אַ יאָהר, צי אין צעהן אַרום וועט „ער" שוין ווי עס איז אריינפאַלען אין דרוק אריין... און מיין ברודער האָט עס קענטיג אַזוי גוט פאַרשטאַנען... אין זיין טאָן האָב איך עס דערקענט, און אין די פּשוט'ע ווערטער וואָס האָבען מיטגע־שלעפּט נאָך זיך אַן איראָנישען נאָכקלאַנג...

ער האָט אַזוי געקוקט און געקוקט אויף די העפטען און אויף מיר און שטיל ניט דרייסט אַ פרעג געטאָן:

— אפשר וואָלסטו מיר זיי געגעבען, די העפטען, איך זאָל זיי אדורכקוקען?

— . . . און פון דיר וועלען זיי געהן אין דרוקעריי אריין?

— מיט דיין הסכמה! — האָט מיין ברודער מיט אַ מאָדנער פאָרזיכטיגקייט געענטפערט...

איך האָב געשוויגען און קוקענדיג אויף דעם פרישען, צאָר־טען פּנים'ל פון דער ביוטי און אויף די גרויסע, ליכטיגע אוי־גען, וואָס האָבען אָט דאָס קליינע פּנים'ל באַלויכטען, און גע־

קוקט ווי אין זיך אריין, האָב איך אין דעם מאָמענט געהאַט אַזאַ געפיהל, אַז אַ חוץ אָט דעם פּנים׳ל און אַ חוץ אָט די אויגען איז ניטאָ קיין וויכטיגערס אויף דער ווייטער וועלט. אַז דאָס פּנים׳ל איז אַלץ, אי קונסט, אי לעבען, אָדער לעבען אַליין, וואָס נעמט שוין אריין אין זיך די קונסט אויך... כ׳האָב זיך אַזוי געטראַכט: אַז מיט איהר אַליין קען מען אָנפילען דעם בעכער פון גליק, טאָ וואָס אַרט מיך, אַז צו דעם וועט זיך נאָך עפּעס נאָכשלעפּען... מיט וואָס איז „ניט״ בעסער ווי „יאָ״? און נאָך אַ לאַנגער פּויזע האָב איך געזאָגט צו מיין ברודער:

— קענסט עס נעמען צום לייענען, אויב ס׳אינטערעסירט דיך אַזוי שטאַרק... דו לאָז מיר בלויז דעם לעצטען העפט, אַז דו וועסט דאָס האָבען איבערגעלייענט וועסטו דעם אויך קריגען...

מיין ברודער, איז קענטיג פון אומערוואַרטונג, געבליבען שטעהן ווי אַן אויסגעגאָסענער און געקוקט אויף מיר און איך האָב גע־קוקט אויף איהם...

— זעהר נאַר! זעה נאַר, קוק זיי נאָר אָן, די צוויי משוגעים, ווי מ׳קוקט זיך אָן, ווי צוויי הענער! — האָט מיין שווענגערין געזאָגט מיט אַזאַ טאָן און מיט אַזאַ אויסדרוק אויפ׳ן פּנים, ווי זי וואָלט צו זיך אַליין אָט די ווערטער געזאָגט... און די ביוטי, פיהלענדיג זיך פרעמד אין איהר אייגענער הערשאַפט, האָט געזאָגט צו דער שווענגערין:

— זאָגט זיי, זאָלען זיי געהן... קומט!

אין אַ מינוט צוויי אַרום זיינען מיר שוין אין דער מאַשין געזעסען, אין מיין ברודער׳ס אייגענער מאַשין. מיין ברודער און מיין שווענגערין האָבען זיך באַזעצט אין פראָנט און איך מיט דער ביוטי אין דער צווייטער אָפּטיילונג. איך האָב איהר געהאָלפען „אריינשפּרינגען״ אין מאַשין אריין און זי האָט זיך גערען געלאָזט „באַדינען״. זי האָט זיך גלייך אריינגעוואָרפען מיט אַוועקזעצען אין אַ ווינקעל פון מאַשין און ס׳איז געבלי־בען רעשט פון איהר און פון איהר זיצען אַזאַ גרויס פּלאַץ, און

מערקווירדיג, ווי אַט דער גרויסער לײדיגער פּלאַץ־פּאַרנעם האָט מיר „געזאגט", אז ניט גרוימקייט דארף איך פארנעמען מיט מיין זיצען, נאָר איך בעדארף מיר אין ענגשאפט ארייגזעצען... אז ניט קוקנדיג וואס איז דאָ אזוי פיל פּלאַץ, דארף איך דאָך איהר מאכען ענג און זיך, און האָב מיך טאקע ארייננעזעצט ענג און הארט אין איהר אריין און האָב זי רייסינג מיט דער האַנט ארומגעכאפּט ארום דער טאַליע און האָב גלייך דערפיהלט ווי א נחת'דיג געמיט האָט דורכגענומען דאָס גאַנצע וועזען מיינס...

מיין ברודער האָט געלאָזט די מאַשין און איינצייטיג ווי די מאַשין האָט זיך מיט האסט אַ ריהר געטאָן פון אָרט, האָב איך געהערט ווי פון דער „ביוטי'ס" נעזעל איז ארויסגעשפּרונגען אן אָטעם'ל אַ קורץ, און אפּגעהאקטס און באקומען האָב איך אזא איינדרוק, אז אַט דאָס קורצע אָטעם'ל איז ארויסגעשפּרונגען פון איהרע ווייבליכע טיפקייטען, און פון לײדענשאַפטען וואס ליגען ערגעץ באהאלטען אין איהר ווייבליכען וועזען...

איך האָב זי אַלץ פעסטער און פעסטער איינגעריפּט אין מיין האַנט־רייף וואס האָט זי געהאלטען ארומגענומען, און אונטער די פינגער געפיהלט א ביינדעלדיגע צאַרטקייט, וואס איז געוועזן באדעקט מיט לײבינגער ווייכקייט און יונג מיידעלשע צאַרטקייט, אין וועלכער ס'האָט זיך געשפּירט מעהר מיידעלש־קייט ווי ווייבליכקייט...

אָפּגעפאָהרען ביי א צעהן מינוט האָב איך געזאָגט צו מיין ברודער:

— הער, ברודער לעבען, דערווייל האָב איך פאַר מיין ניט־שרייבען געקראגען דעם בעסטען האָנאָראַר... איך מיין, אז ווען אלעם וואָלט ביי מיר געגאנגען כשורה, ווי ביי אלע שרייבער, וואָלט איך קיינמאָל ניט געהאט די געלעגענהייט זיך צו באקע־נען מיט דער דאַמע מיט וועלכער איך האָב איצט דאָס גרויסע גליק און דאָס גרויסע פאַרגעניגען צו זיצען... איך מיין, אז מיין שכר האָב איך שוין, אויב איך האָב קיין טעות ניט, גע־

קראַגען. און אויב דו, מיין ליבער ברודער, ביזט גרייט פון מיר אָנצונעמען אַ דאַנק, איז קען איך איהם דיר בלויז געבען מיט דעם, וואס איך וועל דיר ערלויבען, אויב דו ועסט נאָר איינזעהן, אז דער טאָג־בוך פארדינט אָפּגעדרוקט צו ווערען, וועל איך דיר ערלויבען איהם אָפּצודרוקען און דיר איהם ווידמענען...

אזוי גלייך ווי איך האָב די ווערטער געענדיגט האָט מיין ברודער אפּגעשטעלט די מאַשין און אריבערגעשטעקט אין מיין זייט אריין די האנט, וואס איך האָב גלייך געכאפּט מיט מיינע ביידע הענט, נאָכהער איז צו די דריי הענט אונזערע צוגעקומען זיינע די פּערטע.

און באַגלייט אָט די פיר הענטיגע דריקעניש האָבען די שוועגערין און מיין ביוטי מיט הילכיגען און פרעהליכען געלעכטער געלאכט, און נאָכדעם האָט מיין ברודער געזאָגט צו מיר מיט אַ ריהרענד קול:

— איצט גיב דער ביוטי די האנט דיינע... וועגען דיר דאַרפסטו מיר ניט פיל זאָגען... איך וויים אָבער אויך, אז זי אין דיר איז אויך פאַרליבט!

און ווי געוואַרט אויף דעם מאָמענט האָבען מיר זיך ביידע אַרומגעכאפּט און איינצייטיג האָט דער ברודער זיך פארנומען צו טרובען און צו פייפען מיט'ן „האָרן" פון דער מאַשין... איינס, צוויי, דריי, און נאָך פיל מאָל און פארענדיגט מיט — א תקיעה גדולה! — — — — — — — — — — — — — —